STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05623

TSVISHN GRENETSN

Tsevi Ayznman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Saul & Libby Moroff
in memory of
Martin Moroff (1905-1989) & Yetta Moroff (1903-1987)

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי אײַזנמאַן / צווישן גרענעצן

צבי אײַזנמאן

צווישן גרענעצן

דערציילונגען און בילדער

הוצאת הקיבוץ המאוחד • תשל"ד

TZVI EISENMAN

BETWEEN BOUNDS

Short Stories

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף

פון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין ; ליזאַ און ווילי שאַר־פֿאָנד אין ישראל

און זרובבל־גאָלדמאַן־קרײַז פּועלי ציון, ניו יאָרק

הילע געצייכנט : בני לעווין

©

By Hakibbutz Hameuchad
Publishing House Ltd.
Printed in Israel 1974

נדפס בישראל

דפוס שמגר, ת"א, הר־ציון 104

דאָס מאַריאָנעטן־טעאַטערל

איז געזעסן דאָס פּאָפּציק יעריקע יינגעלע, דאָס יידישע יינגעלע אינעם חושך פֿונעם אויסגעדאַכטן מאַריאָנעטן־טעאַטערל און זיך צוגע־קוקט צו דעם קליינעם סצענעלע, ווו עס האָט זיך אינעם נעפּל פֿון פֿאַרטאָג דערווײַל נאָך געפּאַשעט רויִק דאָס ווײַסע ציגעלע.

דאָס הערצל פֿונעם פּאָפּציק יעריקן יינגעלע האָט זיך צונויפֿגע־דרענגט פֿון פּחד ווײַל עס האָט געוווּסט דעם סוף פֿון דער שפּיל. פּונקט ווי עס האָט עס געוווּסט דער, וואָס האָט געצויגן די שטריקלעך.

די מוזיק, וואָס האָט באַגלייט די שפּיל, איז געווען שטיל און געדעמפּט און געקומען איז זי ווי ניט פֿון דער וועלט. די זעלבע מוזיק וועט שפּעטער מוזן זיך אָפּהאַקן און לאָזן דאָס אָרט בלויז פֿאַר דער פּויק, וואָס וועט מיט קאַלטן ווערבלשרויט אויסקלאַפּן די אימה פֿון האַרטן שטיוולמאַרש. דערווײַל איז די מוזיק געווען און דאָס ציגעלע — זיך געפּיטערט.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און אויף דער סצענע איז אַרויס־געשפּרונגען דער הויפּטשפּילער פֿונעם ספּעקטאַקל — דער שד. דער שד מיט הערנער און טלאָען, מיט לאַנגן עק און מיט דער ווידלע אין דער קאָסמאַטער לאַפּע. ער האָט געגעבן אַ לויף אַהער, אַהין, אַ שטשירע מיט די ציין, אַ דריי מיט די אויגענעס און איידער מען האָט זיך אַרומגעזען, אָוועקגעשטעלט אַ האָן אויף אַ הילצערנעם פּלויטל, ער זאָל אויסקרייען דעם אָנקום פֿונעם טאָג. גלײַכצײַטיק האָט ער אויפֿגעהאָנגען די פֿרימאָרגן־זון אויף דעם בלוי פֿונעם פּאַפּירענעם הימל און באַשאַפֿן דאָס טאָגליכט אויף דער קליינער סצענע.

אײַנגעקוקט זיך אַ ווײַלע אין זײַן אויפֿטו, איז דער שד אַוועק אַ צופֿרידענער אין אַ צוויט ווינקל און מיט אַ כיטרעם שמייכל און מליאַסק פֿון דער לאַנגער צונג איינס און צוויי דאָרט אַ צעשטעל געטאָן אַ שטוב. אַ שטוב מיט אַ וואַנטזייגער, מיט אַ קאָמאָד. אויף איר — אַ צוקערפּושקע, צוויי שבת־לײַכטער, אַ וואַזע מיט פּאַפּירענע בלומען און איבער איר צעהאַנגען צוויי פּאָרטרעטן פֿון זיידע־באָבע און אַ בילדל פֿון ווילנער גאון. אין מיטן שטוב — אַ טיש אַרומגערינגלט מיט שטולן מיט הויכע אָנלענען און אויפֿן טיש אַ וואָכעדיקע צעראַטע, אַ זאַלצמעסטל, אַ געפּלאָכטן קיישעלע מיט אַן אָנגעהויבן ברויט און אַ מעסער דערנעבן. די פֿענצטער מיט קורצינקע, דורכזיכטיקע פֿאָרהענגלעך באַצויגן און, אין מיטן צימער, ניט פֿאַרגעסן אַוועקצושטעלן אַ וויגעלע. עס האָט בלויז געפֿעלט די מאַמע פֿונעם קינד, וואָס זאָל אַרויס צום ציגעלע וואָס פּאַשעט זיך, נעמען עס פֿאַר די הערנער, צובינדן עס צום פּלויטל און אויסמעלקן ס׳זאָל זײַן פֿאַרן קינד פֿרישע מילך.

דער שד האָט זיך ניט געאײַלט אַרויפֿצופֿירן זי אויף דער סצענע. דער שד האָט גוט געוווסט וואָס עס דאַרף קומען פֿריִער און וואָס שפּעטער. זאָל דאָס ציגעלע, דאָס ווײַסע ציגעלע נאָך הנאה האָבן פֿון דעם ביסל אויסגעבלייכטן, שטעטלדיקן גראָז, וואָס וואַקסט אַזוי שיטער בײַ די זײַטן פֿון געסל, נעבן די ראָוונס, ווו ס׳זאַמלען זיך די רעגנוואַסערן. זאָל דאָס קינד זייגן זיך די פֿינגערלעך און חלומען וועגן דער מאַמעס ברוסט. זאָל די מאַמע נאָך קאָכן ציקאָריע אין קיך, הינטער די קוליסן, פֿאַרן טאַטן, וואָס איז פֿון שול אויפֿן מאַרק אַוועק אײַנצוהאַנדלען אַ מציאה בײַ די אָנגעפֿאָרענע פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער. אָט באַלד וועט דער שד אויך אים ברענגען אויף אַ ווײַלע ער זאָל איבערכאַפּן דאָס אָרעמע אָנבײַסן און גלײַך וועט ער אים ווידער צוריקשיקן צום מאַרק. געבן אים קײַען אַ שטרוי. לאָזן אים אויסטאַפּן אַ קעלבל וואָס ליגט געבונדן אויף אַ וואָגן. אַרײַנשטעקן אַ מבינותדיקן פֿינגער אין אַ הינטער־חלק פֿון אַ גאַנדז. אונטערהייבן דעם צודעק פֿון אַן ערדענעם טאָפּ מיט שמאַנט. אָפּוועגן אין האַנט אַן אָסעלקע פּוטער, וואָס איז פֿאַרוויקלט אין עטלעכע

קרויטבלעטער. אַרײַנשטעקן די נאָז מיט דער שפּיץ פֿון באָרד אין אַ זאַק קאַרטאָפּל און דאָס אַלץ אין באַגלײטונג פֿון מוזיק. די מוזיק וועט זיך ניט איבעררײַסן אַפֿילו ווען די קלויסטערגלאָקן וועלן זיך צעהוידען און רופֿן די פּויערים און פּויערטעס פֿון צווישן די וועגענער און אויסגעשפּאַנטע פֿערד, פֿון צווישן די הינערשטײַגן, פֿון די אַכסניות אַרויס צום פֿרימאָרגן־געבעט.

בלויז דאַן וועט זי, די מוזיק, אַנטשוויגן ווערן, ווען דעם טײַוול וועט דאָס אַלץ נמאס ווערן און ער וועט מיט דער ווידלע דאָס ערשטע ייִדישע קישן אַדורכשטעכן און די פֿעדערן וועלן זיך אין מיטן פֿון דעם זומער־דיקן טאָג צעשיטן און די לופֿט ווי מיט שניי אָנפֿילן. און דער פֿאָרהאַנג וועט זיך ערשט דאַן אַראָפּלאָזן, ווען איבערן זאַלעכל פֿונעם אויסגעדאַכטן טעאַטערל, וועט מען הערן דעם לעצטן, שוואַכן געמעקע פֿונעם ווײַסן ציגעלע, וואָס האָט זיך בײַם אָנהייב פֿון דער פֿאָרשטעלונג אַזוי רויִק און זיכער געפּיטערט צווישן די שיטערע גרעזלעך פֿונעם שטעטלדיקן געסל. דער פֿאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן, אָבער דער פּויקגעבראַזג וועט זיך ניט אײַנשטילן איבער די אַלע יאָרן פֿון דעם ייִנגעלעס אָפּגעראַטעוועטן לעבן.

ביף

פאַר מאַרסעל מאַרסאָ

פראָלאָג

ביף, דערציילט מען, שטאַמט פֿון ביימער. ער איז אַ מאָל אַ קליינע, ווײַסע בעריאָזקע געווען אין אַ וואַלד פֿון געמישטע ביימער.

אין זײַן מענטש־אומוואַנדלונג האָט ער אויפֿגעהיט די בלייכקייט און די בייגעוודיקייט פֿון זײַן ביימערדיקער קינדהייט.

ביף טראָגט אַ צעקנייטשטן צילינדער און אין אים שטעקט אַ רויטע בלום. זײַנע בליקן דערמאָנען אַלע מאָל אין בלעטערפֿאַל, נידעריקע הימלען, רעגן־טראָפּנס אויף שויבן.

ביף גייט איבער דער וועלט אַליין. ביף איז דאָ, איז דאָרט, איז אומעטום. מיט אַ גוט וואָרט קאָנסטו אים אָפּקויפֿן. מיט אַ שמייכל — באַגליקן.

ביף רעדט ניט, בעט ניט, מאָנט ניט, באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט.

ביף וויל יענעם העלפֿן און אַליין איז ער אומבאַהאָלפֿן. יענעם פֿאַר־לײַכטערן און אַליין איז אים שווער. זײַנע בליקן דערמאָנען אַלע מאָל אין בלעטערפֿאַל, נידעריקע הימלען, רעגן־טראָפּנס אויף שויבן.

ביף אַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון מאַסקעס

ביף מיטן צעקנייטשטן צילינדער און רויטער בלום איז געקומען אין אַ שטאָט זוכן אַרבעט. אויסגעוועזן אומעטום און קיין אַרבעט ניט

געפֿונען. שטייט ער אין מיטן נאַכט, אין דער פֿרעמדער שטאָט, אויף אַ ליידיקער גאַס און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פֿאַר אַ גאַסן־לאַמטערן.

שטייענדיק אַזוי אָנגעלענט אָנעם גאַסן־לאַמטערן, ווערט ביך אַנט־דרימלט און עס חלומט זיך אים, אַז ער אַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון מאַסקעס. אָט שנײַדט ער אויס אַ מאַסקע „צופֿרידנקייט" און אָט „גליק". דאָ הייסט מען אים צוגרייטן אַ מאַסקע „גורל" און דאָרט די מאַסקע „טויט". דער באַלעבאָס הייסט אים די מאַסקעס אָנמעסטן איידער מען פֿאַרפּאַקט זיי און מען שיקט זיי אַוועק.

מעסט ביך איין מאַסקע, אַ צווייטע און קיין איינע פֿון זיי קאָן ער ניט אַרויפֿצִיען אויף זײַן פּנים, אַלע זענען צו קליין. נאָר די מאַסקע „טויט" פּאַסט זיך, אָבער דווקא זי וויל ער ניט אָנטאָן. ער ראַנגלט זיך מיטן באַלעבאָס. יענער וויל אים מיט כּוח די מאַסקע אָנטאָן און ביך שטעלט זיך אַנטקעגן. אַמפּערט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער וואַכט אויף.

ביך ווערט אַ סאָלדאַט

ווי אַזוי ס'איז אויסגעקומען, אַז מען זאָל ביפֿן מיטן צעקנייטשטן צילינדער און רויטער בלום אין סאָלדאַטן נעמען, איז ניט צו פֿאַרשטיין. אָדער מען האָט אַ טעות געהאַט, אָדער ס'האָט אָט־אָט באַדאַרפֿן אויס־ברעכן אַ מלחמה.

ביך איז אין קאַזאַרמע געקומען, דעם צילינדער מיט דער בלום אַראָפּגענומען און אין זעלנערשע בגדים אַרײַנגעקראָכן. ער האָט אָבער די קורטקע ניט געקענט פֿאַרשפּיליען. האָט ער געקנעפּלט פֿון אויבן אַראָפּ, איז אונטן געבליבן אַן איבעריק לעכל. האָט ער געקנעפּלט פֿון אונטן אַרויף, איז אויבן געבליבן אַן איבעריק קנעפּל.

אַלע רעקרוטן זענען שוין געווען פֿאַרטיק מיטן אָנטאָן און אַרויס אין דרויסן צום אַפּעל, נאָר ביך איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהייט און די רעטעניש פֿון די קנעפּלעך און לעכלעך פֿון זײַן נײַער מיליטערי־שער קורטקע ניט געקענט לייזן. ביז וואָס־ווען, זענען די זעלנערס אין

פֿעלד אַוועק טרענירן זיך און ביף איז איינער אַליין פֿאַרבליבן אין דער גרויסער קאַזאַרמע.

פֿאַר שטראָף האָט מען אים געשטעלט אויף שמירה מיט אַ ביקס אין האַנט.

אַ גאַנצע נאַכט איז ביף אויף דער וואַך געשטאַנען. פֿאַר טאָג האָט ביף אַ פֿייגעלע זינגען געהערט. האָט ביף אָן דער ביקס פֿאַרגעסן, דעם פּאָסטן פֿאַרלאָזט, דעם טויער אַריבער און געגאַנגען זוכן דעם פֿויגלס געזאַנג.

גייט ער, ביז ער קומט אָן צו אַ טײַכל. ס'איז זונאויפֿגאַנג. דאָס גאָלד פֿון אויפֿגאַנג אויפֿן הימל און אינעם טײַכל.

בייגט זיך ביף צום וואַסער און מיט די ליפּן ציט ער אין זיך אַרײַן דעם יונגן גאָלד פֿון טאָג.

ווען ער הייבט די אויגן אויף זעט ער עראָפּלאַנען פֿליִען, הערט ער באָמבעס פֿאַלן, פֿילט ער רויך און פֿלאַמען. רויך און פֿלאַמען.

ביף טרעפֿט זיך מיט אַ מיידל

ביף זיצט בײַם ברעג פֿון ים, אויף אַ באַנק, און קוקט זיך צו ווי קינדער שפּילן זיך מיטן זאַמד: בויען פֿעסטונגען, טונעלן, קאַנאַלן, בערג. די קינדער ווייסן ניט, אַז וואָס ער זאָגט זיי אונטער אין געדאַנק, פֿירן זיי אויס. ווען ער שעמט זיך ניט, גייט ער און שפּילט זיך צוזאַמען מיט זיי.

ביף רײַסט אָפּ זײַנע בליקן פֿון די קינדער. ער דרייט אויס דעם קאָפּ. אַנטקעגן איבער זעט ער אַ מיידל שטיין. דאָס מיידל איז נאָר וואָס פֿון ים אַרויס. איר יונגער, ברוינער קערפּער גלאַנצט אַנטקעגן דער זון. ביפֿן דוכט זיך אַז זי שמייכלט. מיינט זי דאָס אים? ער קוקט זיך אום. ער איז איינער אַליין אויף דער באַנק. איינער און מער קיינער. געוויס אים! ער שמייכלט צוריק. זי דערנענטערט זיך. סאַראַ גליק! אָט באַלד וועט זי זיצן לעבן אים. ביף קאָן זיך ניט דערוואַרטן. ער שפּרינגט אויף. גייט איר אַנטקעגן. ווען זיי גלײַכן זיך אויס, רופֿט זיך אָפּ דאָס מיידל:

— אַנטשולדיקט, איך שטיי און קוק און קאָן ניט באַשליסן, צי די בלום אויף אײַער צילינדער איז אַ נאַטירלעכע, אָדער פֿון פּאַפּיר?

ביף אויף אַ דיפּלאָמאַטישער אויפנאַמע

נאַכט. אַ ווינט אין דרויסן. אַ קעלט. וווהין צו גיין איז ניטאָ. דרייט זיך ביף גאַס־איַין, גאַס־אויס. עס איז לאַנגווײַליק און אומעטיק. קומט ער אויף אַן אָרט און זעט אַ גרויס, באַלויכטן הויז. פֿון אַלע פֿענצטער שפּאַרט ליכט. אין הויז קומט פֿאָר אַ דיפּלאָמאַטישע אויפֿנאַמע. אַלע פּאָר מינוט פֿאַרפֿאָרט אַ לימוזינע און עס שטײַגן אויס די פֿאַרבעטענע געסט. אַלע זענען אין פֿראַקן און צילינדערס און די דאַמען — אין לאַנגע אָוונטקליידער.

בײַם פֿאַראַדנעם אַרײַנגאַנג שטייען צונויפֿגעדרענגט אַ פּאָר צענדליק נײַגעריקע: עלטערע ווײַבער, יונגוואַרג און סתּם בטלנים.

מענטשן שטייען, שטעלט זיך ביף מיט זיי. מענטשן שטופּן זיך וואָס נענטער צו דער טיר, שטופּט ער זיך אויך.

צוויי פּאָליציי־לײַט האַלטן אָרדענונג.

אין איינעם אַ מאָמענט האָט זיך ביף געפֿונען אַרײַנגעפּרעסט צווישן אַ צאָל געקומענע געסט און צוזאַמען מיט זיי אַרײַן אין בנין. די פּאָליציי־לײַט האָבן אים ניט געשטערט, ווײַל אויך ער, ווי די געסט, האָט געטראָגן אַ צילינדער, דערצו נאָך מיט אַ בלום.

און אינעווייניק, אין גרויסן זאַל, איז וואַרעם, סאָליד, יום־טובדיק. מען באַגריסט זיך, מען שמייכלט, מען וואַרפֿט זיך דורך מיט קאָמפּלימענטן. איבערן זאַל טראָגט זיך אַ דינער, פֿערפֿומירטער רויש. עס דרייען זיך אַרום שווײַגנדיקע באַדינערס אין שוואַרצע פֿראַקן און ווײַסע הענטשקעס מיט טאַצן משקה און לײַכט פֿאַרבײַסן.

ביף גייט איבערן זאַל. ער האָט שוין באַוויזן אויסצוטרינקען עטלעכע קעלישקעס. דאָס צעוואַרעמט אים דעם גוף און די נשמה. די אויגן לאַשטשען איטלעכן חפֿץ וואָס זיי באַגעגענען. דער גאַנג ווערט לײַכטער און צעשפּילטער. צו אַלעמען שמייכלט ער. אַלעמען באַגריסט ער. ס'איז אים גוט און ער וויל גוט זײַן צו אַלעמען.

דער צעקנייטשטער צילינדער, די בלום, דאָס בייגן, דאָס פֿאַרנייגן זיך רופֿט אַרויס בײַ די פֿאַרזאַמלטע חידוש. עס הערן זיך שעפּטשערײַען. מען פֿרעגט זיך: „ווער איז דאָס, ווער?" די האַלב־אָפֿיציעלע שטײַפֿקייט

לאָזט נאָך. דער עולם ווערט אויפֿגעהײַטערט. מען לאַכט הויך אויפֿן קול.

איינער פֿון די באַדינערס דערנענטערט זיך צו ביפֿן. רוימט אים עפּעס אײַן. ביף קוקט אויפֿן באַדינער. ער ווייסט ניט וואָס יענער וויל פֿון אים. ער שטוינט, וויל פּראָטעסטירן, ענטפֿערן, נאָר ער ענטפֿערט ניט. אַ רעזיגנירטער שאָקלט ביף מיטן קאָפּ אויף יאָ.

דער באַדינער מיט ביפֿן בײַ דער זײַט שפּאַנען פֿײַערלעך איבערן ווייכן טעפּעך צום אַרויסגאַנג. די טיר עפֿנט זיך און פֿאַרקלאַפּט זיך. ביף בלײַבט אין דרויסן און אין דרויסן — ווינט. קעלט. נאַכט.

דער קעניג און דער פייגלשרעקער

פּלוצעם האָט זיך דער קעניג געפונען אויף אַ ליידיק פעלד. ער איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי אַליין. אַפילו די שטערן אויפן הימל זענען פון אים אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ ברייטער איז געוואָרן דאָס פעלד. מען האָט ניט געזען קיין סימן פון אַ בוים, אַ הויז, אַ מענטש. דעם קעניגס פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די פאַלעס פון זיין אַטלעסענעם אייבערמאַנטל. אַ ווינטל האָט פאַרשייט אים געריסן ביי דער גרויער באָרד.

ניט צו וויסן פון וואַנען, האָט פון פינצטערניש אַרויסגעטויכט אַ פייגלשרעקער. אַ פאַרשטעקט דרענגל אין דער ערד, באַקליידט אין פויערישע העמד־און־הויזן מיט אַ קאַשקעטל פון סאָמע אויבן. האָט זיך דער קעניג דערפרייט, וואָס אויף אַזאַ אימהדיק שטיק פעלד האָט ער עמעצן באַגעגנט. איז דער קעניג שטיין געבליבן, טיף אַריינגעאָטעמט די קילע נאַכטלופט און זיך אָנגערופן צום פייגלשרעקער:

— ווער ביסטו?

— קיינער.

— וואָס טוסטו?

— כ׳שטיי.

— ווער האָט דיך געהייסן שטיין?

— כ׳ווייס ניט.

— דאָס איז אַלץ?

— אַלץ.

— גלוסט זיך דיר ניט פֿון מאָל צו מאָל אַוועקגײן פֿון פֿעלד?

— ס'גלוסט זיך, אָבער מײַן לעבנס־אויפֿגאַבע איז צו טרײַבן פֿייגל, זיי זאָלן דעם פֿאַרזיי ניט אויספּיקען.

— האָבן די פֿייגל דען מורא פֿאַר דיר?

— אַ ביסל יאָ, אַ ביסל ניין.

— אַרט עס דיך?

— און אַז עס אַרט?

— וויפֿל צײַט קלײַבסטו זיך שטיין?

— וויפֿל עס איז באַשערט.

— באַשערט! אָדער מען געווינט, אָדער מען פֿאַרשפּילט. מע דאַרף קעמפֿן!

— מיט וועמען?

— מיט די, וועלכע שטייען אין וועג!

— וועט עס העלפֿן?

דער קעניג האָט זיך פֿאַרקלערט און מיט אַ שטילערן טאָן אויס־מײַדנדיק געענטפֿערט:

— ניטאָ קיין אויסוועג.

— האָבן דײַנע הויפֿלײַט מורא פֿאַר דיר?

דער קעניג האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט און נאָך שטילער געענטפֿערט:

— אַ ביסל יאָ, אַ ביסל ניין.

— אַרט עס דיך?

— נאָך ווי! האָט זיך זײַן שטים מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן און מיט צוריקגעוווּנענער זיכערקייט צוגעגעבן: — עס איז ניטאָ קיין שטאַרקע־רער געפֿיל, ווי כּוח!!!

— וויפֿל צײַט קלײַבסטו זיך קיניגן?

— וויפֿל עס איז באַשערט!

— באַשערט? האָסט זיך דאָך נאָר וואָס געבייזערט, ווען כ'האָב גערעדט וועגן באַשערטקייט.

דער קעניג האָט זיך געמאַכט ניט־הערנדיק און אויסגערופֿן:

— איך בין דער געזאַלבטער!

— אַ קרוין פּאַסט אויך אויף אַן אַנדערן קאָפּ.

— שווייַג! כ׳וועל דיך ממיתן!

— פֿאַרשטומען עמעצן איז אַ צייַטווייַליקער זיג.

— איז וואָס טאָן?

— כ׳ווייס ניט. כ׳ווייס אָבער וואָס עס געשעט מיט די זאַנגען ווען די קערנער ווערן רייַף, און מיט פֿייגל ווען די פֿעדערן פֿון זייערע פֿליגל נעמען אויסקריכן...

— גענוג! איך בין ניט און וועל ניט זייַן דער נמשל פֿון דייַנע זאַנגען און פֿייגל. איך גיי צוריק אין פּאַלאַץ!

— גיי, גיי. וועסט צוריקקומען.

— אָווו וועל איך צוריקקומען?

— צום פֿעלד.

— צום פֿעלד? מייַן אָרט איז אין פּאַלאַץ!

— דייַן אָרט איז אויך דאָ, אין פֿעלד.

דער קעניג האָט אַ לאַנגע ווייַלע געשוויגן און צום סוף זיך אָנגערופֿן:

— איז גיב מיר דייַן היטל און נאַדיר מייַן קרוין.

— מיר קאָנען זיך ניט בייַטן.

— און אַז כ׳וועל באַפֿעלן?

— אין פֿעלד איז עס ניט גילטיק.

— איז וואָס?

— מען מוז משלים זייַן.

דער קעניג האָט זיך אַ ריס געטאָן און גענומען זיך דערווייַטערן. דער פֿייגלשרעקער איז געבליבן אויפֿן אָרט און נאָר געפֿאָכעט מיט די ליידיקע אַרבל פֿון זייַן פּויעריש העמדל.

דעם קעניגס לעצטע נאַכט
(אַ מעשׂהלע אָן אַ מוסר־השׂכּל)

דער אַלטער קעניג איז קראַנק און שוואַך און ציטערט ווי אַ בלאַט. די ווייכע קישנס קוועלן אים, די שטומע שומרים שטערן אים, דער בוים בײַם פֿענצטער רוישט צו שטאַרק. דער קעניג ציטערט ווי אַ בלאַט.

דער טורעם־זייגער האָט זיך צעקלונגען; איינס, צוויי, דרײַ. דרײַ בײַ נאַכט. דער קעניג הערט זיך אײַן. עס דוכט זיך אים, אַז די מעטאַלענע קלאַנגען וואָס דער זייגער צעוויגט אין דער נאַכטיקער לופֿט, זענען ניט צו דערמאָנען די צײַט, נאָר דאָס שלאָגן זיי אויף טרעוואָגע, דאָס וואָרענען זיי: היט זיך, היט זיך, היט זיך!

שטייט דער קעניג אויף פֿון בעט, וויקלט אײַן זיך אין זײַן שלאָפֿ־ראָק, עפֿנט אַ טיר, פֿאַרמאַכט אַ טיר. גייט איבער קאָרידאָרן. ווידער אַ טיר און ווײַטער אַ טיר. טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ.

פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פֿיל טרעפּ? — ווונדערט זיך דער קעניג. די טרעפּ שרעקן אים. ער טרויט זיי ניט. זיי קאָנען אים פֿאַרפֿירן צו אַזעלכע פֿאַרשטעקטע ווינקלען פֿון וואַנען עס איז ניטאָ קיין צוריק. פֿאַר וואָס זענען די קאָרידאָרן אַזוי פּוסט און פֿינצטערלעך? ווו זענען אַהינגעקומען די שומרים? פֿאַר וואָס פֿירן אים די פֿיס? דער קעניג איז פֿול מיט חשד. אַלע זײַנע חושים זענען וואַך. די וואַכקייט זייגט זיך אײַן אין דער אַרומיקער פֿינצטערניש און דער טעם פֿון חושך איז ביטער.

די צימערן מערן זיך. ווי טונקל עס איז ניט, פֿילט אָבער דער קעניג

אַרויס יעדער מעבלשטיק, יעדער בילד אויף דער וואַנט. ער קען זיי, די זאַכן, ער איז צו זיי געוווינט פֿון די פֿריסטע יאָרן. איצט אָבער, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, שאַרט ער זיך פֿאַרבײַ ווי אַ פֿרעמדער וואָס האָט גאָרניט קיין שײַכות צו דעם אַלעם.

דער קעניג וואָלט זיך גערן צוגעזעצט, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער טוט עס ניט. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז עמעצנס בליקן גייען נאָך זײַן יעדן קער און ווענד. ער נעמט צוריקגיין, אָבער ער איז זיך כּסדר טועה, קיין איינער פֿון די צימערן איז ניט געווען זײַן שלאָפֿקאַמער.

בײַם אַרײַנקומען אין אַ גרויסן זאַל האָט זיך דער קעניג פֿאַרהאַלטן: אַלע שפּיגלען אינעם זאַל זענען געווען פֿאַרהאַנגען מיט ווײַסע לײַלעכער און אין אַלע לײַכטער האָבן געברענט שוואַרצע ליכט.

— וועכטער!

האָט זיך בײַם קעניג פֿון האַלדז אַרויסגעריסן אַ געשריי. די פֿלעמלעך פֿון די ליכט האָבן זיך צעציטערט. קיינער איז אָבער ניט געקומען צו לויפֿן, נאָר אַ ווידער־קול האָט אָפּגעענטפֿערט.

— וועכ — טער! ווע — כ — טער! טער! ט — ע — ר!

ער איז שוין ניט געגאַנגען נאָר געלאָפֿן. די שטעקשיך האָבן געמאַכט אַזאַ רעש, אַז ס'האָט זיך דעם קעניג אויסגעוויזן ווי צענדליקער פֿיס יאָגן אים נאָך.

פּלוצעם האָט ער פֿון ערגעץ נאָענט, צי פֿון גאָר ווײַט דערהערט קלאַ־ווירקלאַנגען. דער קעניג האָט פֿאַרהאַלטן זײַנע טריט און זיך צוגעהאָרכט. געוואָלט אויסגעפֿינען פֿון וואַנען עס קומען די קלאַנגען. דאָס איז ניט געווען קיין גאַנצע מעלאָדיע, נאָר בראָכטיילן פֿון גאַמען, אָפּגעהאַקטע אַקאָרדן, אָט זענען די טענער געקומען איינער נאָך דעם אַנדערן און אָט אָפּגערוקט, מיט פּויזעס, ווי זיי וואָלטן אונטערגעהינקט.

ער קומט אַרײַן אין אַ לאַנגן צימער. דער צימער האָט צוועלף הויכע פֿענצטער, אין מיטן שטייט אַ קלאַוויר און אַרום קלאַוויר רייען שטולן. דער לאַקירטער צודעק פֿונעם קלאַוויר איז פֿאַרהויבן. דערנעבן, אויף אַ קײַלעכדיק טישל איז געשטאַנען אַ לײַכטער מיט פֿינף רערן און אין די

רערן פֿינף קאָפּטשענדיקע ליכט. איבער די װײַס־שװאַרצע קלאַװישן פֿונעם קלאַװיר איז הין־און־צוריק אַרומגעקראָכן אַ קאַץ. יעדער באַװעג פֿון אירע פֿיס האָט אַרױסגערופֿן פֿרישע טענער װאָס פֿון דער נאָענט האָט עס זיך געהערט װי טיפֿע קרעכצן. די קאַץ האָט זיך פֿאַרן קעניג ניט דערשראָקן נאָר װײַטער געגאַנגען הין און צוריק איבער די קלאַװישן.

די צװעלף פֿענצטער זענען געװען צעפּראַלט. אַ װינט האָט זיך דורך זײ אַרײַנגעריסן. צװעלף פּאָר װײַסע פֿאָרהאַנגען האָבן זיך מיט אים געאַמפּערט. דער װינט האָט זײ געשטויסן פֿאָרויס, געשלעפּט אויף צוריק. דער דינער געװעב האָט זיך אָנגעבלאָזן, אײַנגעשרומפּן און געשאָרכט.

די פֿלעמלעך פֿון די פֿינף ליכט האָבן זיך אויסגעלאָשן. די קאַץ האָט מען מער ניט געזען. נאָר דער קלאַװיר האָט ניט אויפֿגעהערט צו ברומען. דאָס איז די מוזיק פֿון שאול־תּחתּיה — גיט דער קעניג אַ ביטערן שמייכל. דער טורעם־זייגער קלינגט ניט מער, די צײַט איז געבליבן שטיין. די גאַנצע װעלט — אַ פֿאַרגליװערטע שטיק נאַכט. דער קעניג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני צו זאָגן אַ תּפֿילה, נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען קיין איין װאָרט.

די פֿאָרהאַנגען האָבן גערױשט, דער קלאַװיר — געברומט און דער קעניג האָט געשטומט, געשטומט.

פּאַנאַגאַליאַ

אין זײַדענע הילעס געוויקלט מיט גאָלדענע שנורבענדער אויפֿן האַלדז, בלישטשענדיקע בראַסלעטן אויף די ברוינע הענט, האָט זי צו מיר גערעדט אויף איר פֿויגלשפּראַך:

— אַז כ׳וועל נאָך אַ מאָל קומען אין דײַן בלאָ לאַנד, וועלן מיר אויף שטענדיק שוין בלײַבן צוזאַמען. ביז דעמאָלט וואַרט אויף מיר. איך גיב דיר אַן אוירינגל פֿון מײַן אויער, ווען דו וועסט זיך מיט דער האַנט צו דעם צורירן, וועסטו זיך דערמאָנען מײַן צוזאָג.

דײַן שטערן באַשמיר איך מיט אַ זאַלב פֿון מאַגנאָליע־בלומען. דער זאַלב איז צו שטילן די בענקשאַפֿט און זי אויפֿצוּוועקן.

אַזוי האָט מיר מײַן באַגערטע, די אינדישע פּרינצעסין, אויף איר פֿויגלשפּראַך אָנפֿאַרטרויט איידער עס איז געקומען אַ שיף און זי פֿון מיר צוגענומען און זי פֿון מיר אַוועקגעפֿירט.

אַ סך מאַגנאָליע־בלומען האָבן דאָרט, אין איר לאַנד, שוין געבליט און אָפּגעוועלקט און אין מײַן בלאָ לאַנד האָבן ניט ווינציקער שוימיקע יב־כוואַליעס צו די ברעגן צוגעשלאָגן. קיין איינע פֿון זיי האָט מיר מײַן באַגערטע ניט צוריקגעברענגט.

אָפּט מאָל זעען אויס די ווײַסע וואָלקנדלעך פֿון מײַן לאַנד ווי די לײַכטע געוועבן פֿון דײַן בייגעוודיקן גוף, אָבער כ׳ווייס, אַז דאָס זענען בלויז וואָלקנדלעך און אויך זיי צעקריכן זיך איידער זון גייט אויף, איידער טאָג טרינקט אויס דעם לעצטן טראָפּן טוי.

באַמערק איך ווען אַ טונקל־ברוינעם שמייכל אויף עמעצנס ליפּן, געהערט ער ניט צו מיר. דו וואָלסט ניט אַזוי געשמייכלט.

הער איך אַ פֿויגל טרילערן איז דער פֿויגלטריל מיר אומפֿאַרשטענד־לעך. דײַן שפּראַך איז געווען אַזוי קלאָר, אַזוי דורכזיכטיק...

— פֿאַנאַגאַליאַ, פֿאַנאַגאַליאַ!

רוף איך, בעת איך זיץ בײַם ברעג, פֿאַרריכט מײַנע נעצן, בינד אַ שטריק מיט אַ שטריק און נעם זיי צונויף מיט אײַזערנע רינגען.

— פֿאַנאַגאַליאַ, פֿאַנאַגאַליאַ!

שרײַ איך, ווען כ׳שווים אין אָפֿענעם ים אַרויס.

כ׳ווייס ניט וואָס צאַפּלט מער: דײַן נאָמען, צי די פֿישלעך וואָס כ׳צי אַרויס פֿון די ים־טיפֿענישן און וואַרף זיי אויפֿן דנאָ פֿונעם שיפֿל?

— פֿאַנאַגאַליאַ, פֿאַנאַגאַליאַ! הוידעט, הוידעט זיך דײַן נאָמען איבערן וואַסער, מיניעט אַנטקעגן זון און הימל מיט בלאָ און גאָלד. דאָס שיפֿל שנײַדט די כוואַליעס און דאָס אוירינגל אין מײַן אויער ציטערט:

— פֿאַנאַגאַליאַ, פֿאַנאַגאַליאַ!

כ׳ווייס ניט פֿון וואַנען דער נאָמען האָט זיך גענומען. אפֿשר האָב איך עס דערהערט אין קלאַנג פֿונעם רודער, ווען דאָס שיפֿל האָט זיך געהויבן און אַרונטערגעלאָזט צום אומרו פֿון וואַסער?

אַלטמאָדיש

א.

זיצט אַ מיידל בייַ אַ שויב

זיצט אַ מיידל ביי אַ שויב. קוקט אין נאַכט אַרײַן און שרייבט אַ בריוו. דער בריוו ער איז צו איינעם ניט. דער בריוו ער איז צו קיינעם ניט. זי וועט דעם בריוו צערײַסן באַלד. עס רוישן ביימער אינעם וואַלד. אין וואַלד עס רוישן ביימער. עס וועט ניט קומען קיינער.

דאָס לעמפּל ציטערט אויפֿן טיש. אין שוואַרצן וואַסער וויינען פֿיש. קיינער הערט ניט דאָס געוויין. קיינער קאָן עס ניט פֿאַרשטיין. בלויז אין וואַלד די ביימער. בלויז אין וואַלד די ביימער. די ביימער זענען וויט פֿון איר. נאָר דער ווינט קלאַפּט אָן אין טיר.

צווישן שורות פֿונעם בריוו האָט זי דעם וואַלד, דעם טײַך און דעם ווינט אַרײַנגענומען. דורך דער פֿינצטערער שויב איז איר אַ שטערן אַנטקעגן געקומען. דער שטערן האָט אַרײַנגעלויכטן אין פֿענצטער און איר צוגעזאָגט: אַז אין איינעם פֿון די טעג וועט פֿון שטויב־צעהיצטן וועג אַראָפּקומען דער שענסטער. אַראָפּקומען דער שענסטער.

דאָס מיידל האָט דעם בריוו פֿאַרקלעפּט און דערווײַל געלאָזט אים ליגן. אויפֿן שויב האָבן זיך צעזשומט צוויי פֿאַרבענקטע פֿליגן. צוויי פֿאַרבענקטע פֿליגן.

ב.

זיצט אַ בחור פֿאַר דער שוועל

די טויבן פֿונעם דאַך זענען זיך צעפֿלויגן. די בלעטער פֿונעם בוים —

אַראָפּגעפּאַלן. אויף די שויבן צינדן זיך שוין לעצטע שטראַלן. זיצט אַ בחור פֿאַר דער שוועל מיט פֿאַרבענקטע אויגן. ס׳האָט דער אומעט אים פֿון שטוב אַרויסגעצויגן.

ערגעץ האָט אַ מיידל אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר געשריבן: „כ׳האָב דיך גערן". דאָס מיידל האָט נאָך צוגעשטעלט מיט איר ציטערדיקער האַנט: „דײַן אַדרעס אָבער, דײַן אַדרעס איז מיר אומבאַקאַנט".

ס׳האָבן צווײַגן שאָרכנדיק געגעבן אים אַ רמז, אַז דאָס בריוול איז ניט אויסגעטראַכט — ס׳איז וואָרער אמת.

איפּן דאַך האָט אַ קאַץ זיך יאָמערלעך צעשריען און די טויבן ערגעץ דאָרט פֿליען אַלץ און פֿליען. און די טויבן ערגעץ דאָרט ווילן זיך ניט שיידן. זיי קאָנען נאָך חלילה מיטן בריוועלע זיך מײַדן.

אַ דונער האָט אומגעריכט דעם הימל אויפֿגעשפּאָלטן. די קאַץ איז פֿון פּחד געוואָרן שטום און דעם מיידלס בריוועלע וואָגלט נאָך אַרום. און דעם מיידלס בריוועלע וואָגלט אַלץ אַרום.

די לעצטע נאַכט

כ׳ווייס ניט צי מײַן מאַמע האָט געפֿילט, ווי כ׳האָב געליטן צוליב מײַן ניט געבוירן ווערן.

די מאַמע האָט מיך יאָ געוואָלט האָבן. זי האָט געלייגט אַ סך האָפֿע־נונגען אויף מיר. אַז כ׳וועל קומען אויף דער וועלט, האָט זי געטראַכט, וועט דער טאַטע מילדער ווערן.

בײַ נאַכט האָט זי אַרײַנגעכליפּעט אין קישן און זיך מיט מיר אויסגעשמועסט. כ׳האָב ניט דײַטלעך געהערט אירע רייד און דאָס וואָס כ׳האָב יאָ דערהערט — ניט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען. כ׳האָב אָבער געפֿילט אַז זי וואַרט אויף מיר, אַז זי בענקט צו מיר.

איר געוויין איז אין מיר אַרײַנגעדרונגען. כ׳האָב אויף איר רחמנות געהאַט. ווען כ׳וואָלט זיך געקאָנט צוואַלן און געבוירן ווערן פֿאַר דער צײַט, וואָלט איך עס געטאָן, אָבי ניט הערן איר שטילן, אָפּגעהאַקטן שלוכץ, אָבי ניט צו פֿילן איר פֿאַראומערטן בליק און דעם טרויער פֿון אירע הענט, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דעם קישן.

דער מאַמעס פּנים האָב איך געזען פֿאַר מײַנע אויגן. דעם טאַטנס — איז פֿון מיר ווײַט געווען און פֿאַרטונקלט, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע וואָלט עס צוגעדעקט און פֿון אונטער דער כמאַרע האָט זײַן שטים אַרויסגעדו־נערט: ער וויל מיך ניט און שוין!

— טאַטע! האָב איך זיך אין מײַן אָנמעכטיקייט געוואָרפֿן — טאַטע! נאָך איידער דו קענסט מיך — ווילסטו מיך ניט?

אַזוי געוואָלט צו אים שרײַען, האָב איך אָבער שרײַען ניט געקאָנט.

כ׳בין געלעגן אין דער מאַמעס בויך. ס׳וואָלט מיר סײַ ווי ניט געהאָלפֿן. די מאַמע מײַנע איז דאָך שוין אַ גרויסע. זי קאָן רעדן, שרײַען, וויינען און בעטן, נאָר אויך איר האָט עס ניט געהאָלפֿן. דער טאַטע האָט איר קאַלט און שאַרף געזאָגט:

— כ׳וויל ניט קײן קינדער ברענגען אויף דער וועלט.

ער האָט נאָך אַ סך גערעדט און הויך, אויפֿן קול. דאָס וואָרט „צעשיידן זיך" האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. די מאַמע האָט אים אָפּגעענטפֿערט, נאָר זי האָט ניט געקאָנט איבערשרײַען דעם טאַטנס שטים. די מאַמע האָט זיך געבעטן בײַ אים צו רעדן שטילער און ווי דער שטייגער ביי איר — זיך צעוויינט.

✶

איך האָב זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז די מאַמע וועט מסוגל זײַן צו טאָן מיר עפּעס שלעכטס. איין מאָל, ווען קיינער איז אין שטוב ניט געווען, האָט זי זיך דערנענטערט צו דער שאַפֿע, אַראָפּגעזעצט זיך אויפֿן דיל, אַרויסגערוקט איינע פֿון די שופֿלאָדן, אַרויסגעצויגן אַ ווײַס געוואַנט און עס גענומען לײַכט, לײַכט גלעטן. קוים מיט די פֿינגער אָנגערירט און דערבײַ געשעפּטשעט:

— פֿון דעם וועט מען נייען ווינדעלעך און העמדעלעך פֿאַר מײַן דרויבעלע.

ניין, כ׳האָב ניט געגלייבט, אַז די מאַמע וועט מיר טאָן עפּעס שלעכטס.

כ׳האָב זיך דערמאָנט ווי אונדזערס אַ שכנה האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר מײַן מאַמען אויף די היצן. די זון ברענט צו שטאַרק — האָט זי געזאָגט — און דאָסביימל, וואָס זי האָט פֿאַרפֿלאַנצט נעבן פֿענצטער, איז אָפּגעשטאָרבן. וואָס איז דאָס „זון", „ביימל", „שטאַרבן"? כ׳האָב ניט געהאַט בײַ וועמען צו פֿרעגן. ס׳האָט זיך אָבער געוואָלט דאָס וויסן. כ׳וועל עס מסתמא שוין קיין מאָל ניט וויסן.

די מאַמע האָט אויפֿגעהערט צו גיין צו דער שאַפֿע, צו גלעטן דעם

ווײַסן ליַוונט און בכלל איז זי געוואָרן אַן אַנדערע מאַמע. זי עסט ניט, רעדט ניט. אַפּילו מיט מיר האָט זי אויפֿגעהערט אויסצושמועסן זיך. כ׳ווייס? אפֿשר האָט זי אַן מיר פֿאַרגעסן און אפֿשר דאַרף זי מיך שוין ניט מער?

די לעצטע נאַכט וואָס די מאַמע האָט מיט מיר פֿאַרבראַכט, האָט זי ניט געוויינט. זי האָט אַפּילו מיט דער האַנט קיין באַוועג ניט געטאָן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי שלאָפֿט, וואָלט עס ניט אמת געווען, ווײַל זי איז ניט געשלאָפֿן. געלעגן ווי אַ שטיק אײַז וואָס צעגייט און צעגייט און ניט עס קאָן זיך אַ ריר טאָן און ניט עס קאָן זיך אַנטקעגנשטעלן. אַזוי איז געווען מיט מײַן מאַמען. כ׳האָב זי געוואָלט טרייסטן:

— מאַמע, שטאַרק זיך! האָסט מיך נאָך אַפּילו ניט געזען. ניט אונטערגעהאַלטן מײַן קעפּל בעתן באָדן מיך. ניט פֿאַרוויקלט אַרום מיר אַ ווינדל. וועט דיר לײַכטער זײַן צו פֿאַרגעסן אין מיר. אויב ניט — וועל איך צו דיר אין חלום קומען און מיר וועלן זיך שפּילן. דו וועסט זיך פֿאַרשטעלן די אויגן און איך וועל זיך באַהאַלטן אונטערן טיש און צו דיר אַרויסשרײַען: זוך מיך! דו וועסט וויסן ווו איך געפֿין זיך, נאָר זיך ניט וויסנדיק מאַכן. וועט דאָס מיר פֿאַרשאַפֿן פֿיל הנאה, וואָס דו האָסט מיך ניט געפֿונען. אָדער, וועסט מיך נעמען אויפֿן בעט, אונטערלייגן מיר דאָס קליינע קישעלע מיט די אויסגעהאַפּטענע שרעטעלעך, וואָס זיצן אונטער שוואָמענדעכלעך און פֿאַרציילן אַזעלכע קאָמישע מעשׂיות, אַז דאָס בעט מיט אונדז צוזאַמען וועט זיך טרייסלען פֿון אונדזערע געלעכטערס.

איך רעד אַזוי צו איר און רעד, אָבער זי הערט מיך ניט. וואָס טוט מען, אַז זי זאָל מיך יאָ דערהערן? כ׳האָב גאָרניט געקאָנט טאָן. כ׳בין אין איר בויך געלעגן געבונדן. אַז דער טאָג איז אויף די שויבן אויפֿגעקומען איז זי מיט מיר אַוועק.

ווײַטער ווייס איך ניט וואָס עס איז געשען. איין זאַך נאָר ווייס איך, אַז כ׳וועל זי שוין קיין מאָל ניט זען, מײַן מאַמען.

ס׳האָט מיך אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן

ס׳האָט מיך אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן. כ׳האָב פֿליגעלעך באַקומען, אַ פֿלאַטערל געוואָרן. אַ זומערפֿלאַטערל וואָס לעבט בלויז אַ טאָג און ניט מער.

שוועב איך אַרום. זעץ זיך אויף אַ בלאַט. זעץ זיך אויף אַ בלום און פֿאַרגעס ניט אויף אַ רגע, אַז נאָר איין טאָג איז מיר באַשערט צו לעבן.

די בלומען טראָגן מיר אונטער זייערע צעעפֿנטע בעכערס. די זון וואַרעמט. דאָס ווינטל לאַשטשעט.

אַ קאַץ גנבעט זיך אונטער. זאָל איך זיך לאָזן כאַפּן? לאָזן דעם דינעם געוועב פֿון מײַנע פֿליגעלעך צעפֿליקן? אפֿשר וועט מיר געראָטן אומבאַמערקט זיך אויסבאַהאַלטן אין די נאַכטטיפֿענישן און נאָך אַ טאָג אַ לעב טאָן?

הײַנט ווייס איך גאָרניט וואָס פֿון לעבן צו נעמען. וואָס איז זיס און וואָס — זיסער. הײַנט בין איך צעטומלט און דערשראָקן, אָבער מאָרגן...

ס׳האָט מיך אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן. כ׳בין אַ גרויסער שטיין געוואָרן. אַן אַלטער, גרויער שטיין אין פֿעלד פֿאַרזונקען, מיט מאָך באַוואַקסן.

מ׳קאָן פֿון מיר אויסהאַקן אַ מאָנומענט און שטעלן אויפֿן שענסטן פּלאַץ פֿון דער שטאָט, כ׳זאָל אויף דור־דורות דערציילן וועגן רום און נצחונות.

כ׳קאָן ווערן אַ מצבה אויף עמעצנס קבר. אַלטע פֿרויען זאָלן איבער מיר ברעכן די הענט, טוליען די גרויע קעפּ צו מײַן קאַלטער, האַרטער

הויט און די טרערן זאָלן זיך גליטשן איבער דעם אויסגעקריצטן „פּה נטמן״. אָדער — מאַכן פֿון מיר אַ פֿונדאַמענט פֿון אַ הויז. פֿון אַ הויז מיט ליכטיקע טירן, מיט קלאָרע שויבן און יונגע מאַמעס זאָלן קליינע קינדער וויגן.

דערװײַל בין איך אַ גרויער שטיין פֿאַרזונקען אין פֿעלד. כ׳טראָג אויס די טעג אויף מײַן האַרטן נאַקן. די זון שׂרפֿהט מיך דורך און דורך. דער רעגן קריכט אין מיר אַרײַן דורך די ריצן. דער ווינט שלײַפֿט מיט התמדה מײַנע זײַטן און אַזוי שווײַג איך אויס די יאָרן.

ס׳האָט מיך אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן. כ׳האָב זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿלעדערמויז. אַ פֿלעדערמויז מיט פֿלעדערמײַז גלײַך. איך ווייך פֿון די פֿעלדער מיט זונליכט באַגאָסן. שעם זיך צו שפּיגלען אינעם וואַסערפֿלאַך דעם בלויען. מײַד אויס דעם וואַלד, דעם ווינט און די בלומען און כ׳מאַך זיך טויב ווען כ׳הער דעם פֿריילעכן זשום פֿון די בינען.

כ׳בין אַ פֿלעדערמויז, כאָטש כ׳האָב ניט פֿאַרלוירן די מענטשלעכע חושים. איך ליג פֿאַרשטעקט אויף ביידעמער בלינדע. מײַנע טעג קום איך אָפּ צווישן חורבות פֿאַרוויסטע. בלויז אין די נעכט קאָן מען הערן דעם שווערן געפֿלאַטער פֿון מײַנע אומגעלומפּערטע פֿליגל. בלויז אין די נעכט פּראַווע איך מײַנע איינזאַמע סעודות. פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס שטעל איך אָן מײַן אויסגעשאַרפֿטן געהער און קוק מיט צער אַריבער צום נאָענטסטן יישוב.

עס בענקט זיך און עס געדענקט זיך מענטשלעכע פּנימער, מענטש־לעכע רייד. עס בענקט זיך און עס געדענקט זיך ווענט און מויערן. דעם ווירוואַר פֿון גאַסן. דאָס געלעכטער פֿון אַ קינד. דעם רויך פֿון אַ פֿאַבריק־קוימען. דעם מילכיקער, וואָס צעשטעלט אינעם גרויען פֿרימאָרגן די מילכפֿלעשער בײַ די שלאָפֿנדיקע טירן. דעם געשאַרך פֿון אַ צע־עפֿנטער צײַטונג. די קאָלירן פֿון פֿרוכט און גרינס צעלייגטע אויף די געשטעלן פֿונעם מאַרקפּלאַץ. דעם גרילץ פֿון אַן אויטאָ וואָס האָט זיך

פּלוצעם פֿאַרהאַלטן. דאָס אומגעדולדיקע שליסעלע בײַם עפֿענען דאָס פּאָסט־קעסטל. די שפּיל פֿון זונשטראַלן, וואָס רײַסן זיך אַדורך דורך די דינע שפּאַרונעס פֿון אַ פֿאַרמאַכטן לאָדן.

ס׳האָט מיך אָבער אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן און כ׳בין אַ פֿלעדערמויז. אַ פֿלעדערמויז מיט פֿלעדערמײַז גלײַך.

ס׳האָט מיך אַ זשאַבע פֿאַרשאָלטן. כ׳בין אַ דאַר ביימל בײַ אַ וועג. די בלעטלעך דערלעבן ניט רעכט גרין צו ווערן. כ׳בין קליין געוואַקסן. מײַנע צווײַגן זענען נידעריק.

יעדן אין דער פֿרי גייט פֿאַרבײַ אַ פּאָסטעך מיט זײַן סטאַדע. די ציגן צופּן פֿון מיר אַרום די בלעטלעך און די צווײַגן.

קיין פֿויגל נעסטיקט ניט בײַ מיר און זאָגט ניט שירה צום אויפֿגייענדיקן טאָג. אין גלי פֿון זון קאָן מען אונטער מיר קיין שאָטן ניט געפֿינען.

כ׳גיב זיך אָבער ניט אונטער. כ׳שטיי מיט וואָרצלען אין ערד געפּעסטיקט. כ׳צי פֿון איר דעם טעם פֿון לעבן. כ׳רײַס פֿון הימל אָפּ אַ שטערן און איך טרינק דעם טוי באַגינען. כ׳צייל די טעג און שפּאָר די זאַפֿטן. כ׳לאָז פֿון ווינט זיך ניט פֿאַרנאַרן און ווען בליץ צעשפּאַלט דעם הימל טו איך זיך אַ בייג אַרונטער און איך מורמל און איך שעפּטשע: בעסער בייגן זיך אין דרײַען נאָר ניט פֿאַלן. נאָר ניט פֿאַלן!

די פרוי פונעם העלד

ווען דער קיבוץ יערנים איז געוואָרן פינף־און־דרייסיק יאָר, האָט מען געפּראַוועט אַ באַנקעט אין דעם נאָר וואָס פאַרענדיקטן „בית התרבות".

אין אַ מיטנוואָכנדיקן טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט זיך קינד און קייט אויסגעפּוצט און מיטן אָנקום פונעם אָוונט, געשטראָמט צום נייעם, העל־באַלויכטענעם בנין.

צו דער גרויסער מסיבה האָט יערנים אויך פאַרבעטן געסט: פאַר־שטייערס פון דער מדינה, פון אַרבעטער־אינסטיטוציעס, פון שכנישע קיבוצים און פריינד, וואָס האָבן געהאָלפן דעם קיבוץ דורך די אַלע יאָרן פון זיין עקסיסטענץ מיט עצות און מעשים.

צווישן די געסט איז אויך געווען פאַרבעטן רבקה טאָמאַרקין. די פרוי פון דעם דערמאָרדעטן גרישאַ טאָמאַרקין.

גרישאַ טאָמאַרקין איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך באַ־זעצט מיט ווייב און קינדער אין דער געגנט. און די געגנט: באַ־וואַלדערטע בערגלעך, מילדע הויכקייטן, וואָס האָבן אויסגעטראָגן אויף זיך דעם לאַזור פונעם הימלברייט און דאָס געזאַנג פון צענדליקער מינים פייגל. די גראָזן, קרייטעכצער און בלומען, צעוואַקסענע איבער די אַראָפּהאַנגען, האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דעם בראַנדראָד פון דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעקייקלט איבער זיי דורך די לאַנגע זומער־חדשים. ביז צו די טעג פון רעגנס האָבן זיי זיך געצונדן און געלאָשן מיט אַלערליי קאָלירן און ריחות. אין די רעגנס איז דער ברייטער טאָל

נאָך שענער געוואָרן, זאַפּטיקער, פֿאַרביקער. די אָפּטע דונער־און בליץ־אויסברוכן, האָבן אין זיך געטראָגן דעם רייץ פֿון אור־כּוח.

דאָס שטיק ווילדלאַנד האָט גרישאַן געלאָקט, כאָטש עס איז געווען ווײַט פֿון אַ ייִדישן ייִשוב. די אַראַבישע באַפֿעלקערונג פֿון דער סביבה האָט געפֿירט אַ זייער פרימיטיוון לעבנס־שטייגער און פּונקט אַזוי פרימיטיוו און בלינד איז געווען די שׂנאה צו יעדן פֿרעמדן פֿאַרבײַגייער. גרישאַ האָט דאָס אַלץ געוווּסט. דאָך האָט ער ריזיקירט אויפֿצושטעלן זײַן היים אויף איינעם פֿון די בערגלעך און רײַטנדיק אויף אַ פֿערד טאָג־נאָך־טאָג אַרויסגעפֿירט זײַן שעפּסן־סטאַדע אויף פּאַשע.

יערנים איז געווען גרישאַס אויסגעחלומטער ייִשוב. ער האָט אַהערגעבראַכט דאָס ביסל יונגוואַרג, געקומענע פֿון איראָפּעיִשע לענדער, זיי צוגערעדט צו באַזעצן זיך אין דער סביבה און אויפֿשטעלן אַ בשותּפֿותדיקעווירטשאַפֿט.

דאָס אָנקומען פֿון דעם הײַפֿל יונגע ייִדן האָט אים, גרישאַן, און זײַן משפּחה מיט איין מאָל באַפֿרײַט פֿון דער אָפּגעריסנקייט און אײַנזאַמקייט. די חברה, ווידער, האָבן אין אים געהאַט אין די ערשטע שווערע צײַטן אַן אָנשפּאַר און דערמוטיקונג.

אין אַ צײַט אַרום. אין איינעם אַ פּאָר נאַכט, ווען גרישאַ איז געריטן אויף זײַן קאַרע פֿערד, מיט דער קרומער ליולקע צווישן די ליפּן, אויפֿן וועג צו דער קבוצה, איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך עטלעכע אַראַבער, וואָס האָבן אויף אים געלויערט צווישן די קוסטעס, ניט ווײַט פֿונעם זאַמדוועג, הגם ער איז שוין פֿון לאַנג מיט זיי געווען אין גוט־שכנישע באַציִונגען, געקענט זייער לשון, פֿאַרבעטן זיי צו זיך און פֿאַרבעטן געוואָרן אין זייערע געצעלטן אויף חתונות, צי סתּם אויף אַ פֿרײַנדלעכן שמועס בײַ אַ טעפּעלע קאַווע.

הײַנט טאָקע, צו דער פֿײַערונג פֿון פֿינף־און־דרײַסיק, האָט באַדאַרפֿן קומען רבקה טאַמאַרקין.

רבקה האָט פֿאַרשפּעטיקט. דער עולם איז שוין געזעסן אַרום

די געדעקטע טישן. אויף דער סצענע האָבן פֿאָרשטייערס פֿון די מלוכי־שע אינסטיטוציעס און פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איינער נאָכן אַנדערן אַרײַנגערעדט זייערע קורצע באַגריסונגס־רייד אינעם מיקראָ־פֿאָן. פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן האָבן געבלינצלט און אין מיטן דעם איז רבקה אָנגעקומען. די אויגן פֿון די פּאָר הונדערט פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך אַ קער געגעבן אין דער ריכטונג צו דער אַלטער, אײַנגעשרומפּענער פֿרוי, וואָס איז אָנגעטאָן געווען אין אַ באַשיידן קלייד מיט אַ ניילאָן־טיכל אויפֿן קאָפּ און דיקע ברילן־גלעזער אויף די קורצזיכטיקע אויגן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן זונס אָרעם און געבליבן שטיין בײַ דער ברייטער גלעזערנער טיר, ווי ניט וועלנדיק שטערן די שׂמחה. עטלעכע וותיקים זענען אונטערגעלאָפֿן, גענומען זי בײַ די הענט און צוזאַמען מיטן זון געפֿירט צו זייערע פֿון פֿאָרויס באַשטימטע פּלעצער. איבערן זאַל האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ געגרויש: גרישאַ טאָמאַרקינס פֿרוי! אַלע וואָס האָבן געקענט און געדענקט גרישאַ טאָמאַרקין האָבן מיט שטוינונג זיך איצט צוגעקוקט צום זון. עס האָט אויסגעזען ווי ניט גרישאַס בכור, עמוס, נאָר גרישאַ אַליין וואָלט דאָ געשפּרײַזט אַ הויכער אַזאַ, אַ פֿעסט־געבויטער און אויף זײַן אָרעם האָט זיך אָנגעהאָנגען די צו דער ערד־געבויגענע רבקה. די זעלבע געדיכטע וואָנסעס ווי בײַ גרישאַ, די אייגענע טונקל־שאַטינע, ווילד־צעוואָרפֿענע טשופּרינע, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם גאַנצן שטערן און געקראָכן אַזש אין די אויגן אַרײַן. מער ניט, די רוסישע רובאַשקע און די גאַליפֿע־הויזן האָבן געפֿעלט...

ווי נאָר רבקה מיט עמוסן זענען צוגעקומען צו זייער טיש, האָט מען זי פֿאַרבעטן צום פּרעזידיום, אויף דער בינע. עמוס איז געבליבן זיצן צוזאַמען מיט די אַנדערע געסט.

צווישן איין רעדנער און דעם צווייטן האָט דער עולם געזונגען לידער, לידער פֿון יענע טעג. דאָס געזאַנג האָט געשאַפֿן שטימונג. ווען מען האָט פֿאַרלאָשן די לאָמפּן און עס זענען פּראָיעקטירט גע־וואָרן ליכטבילדער, איז די שטימונג געוואָקסן. די בילדער האָבן פֿאָרגעשטעלט די ערשטע געצעלטן, דאָס ערשטע פֿערד, דעם אַקער־

אײַזן, די ערשטע בייטן, די שעפסן, דעם האָראַ־טאַנץ, די שומרים מיט זייער געווער. פֿון ערגעץ איז די בענקשאַפֿט אָנגעפֿלויגן און מיט שפּיצפֿינגער אָנגעצונדן פֿײַערלעך פֿון פֿרייד, פֿײַערלעך פֿון באַ־דויער אין אַ סך אויגן פֿון חברים, וואָס ערשט הײַנט, נעכטן זענען זיי עס אַליין געווען די האָראַ־טענצערס, די שומרים, די פּאַסטעכער. הײַנט, נעכטן — — — דאָס איינציקע וואָס האָט זיך ניט געביטן, איז דער פּייזאַזש: דער וואַלד, וואָס איז דעמאָלט געקראָכן פֿון טאָל אַרויף צו די הויכקייטן, באַנוגנט זיך ניט מיט דעם און דראַפּעט זיך נאָך אַלץ העכער, צו די בערגלעך, פֿון די בערגלעך צו די בערג און דאָ, ווי אויף אַ באַפֿעל, פֿאַרהאַלט ער זיך, דער וואַלד. די בערג הילן זיך אינעם טונקל־בלויען סאַמעט, וואָס דער טאָג שענקט זיי, ווען די זון זעצט זיך און אין דער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט זעען זיי אויס ווי ניט ממשותדיק. אין אָט דער לאַנדשאַפֿט האָט מען דעמאָלט אַ צעשטעל געטאָן אַ צענדליק ווײַסע, פֿאַרשפּיצטע געצעלטן און צוגעאַנקערט זיי מיט שטריק און אײַזער־נע האָקנס צו דער האַלב־שטייניקער ערד.

בײַ אַ סך פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט זיך דערוועקט אַ ווילן צו דערציילן און נאָך מער — צו הערן יענעם דערציילן. איז ניט קיין ווונדער אַז ווען דער פֿאָרזיצער האָט, נאָך די ליכטבילדער, פֿאַר־בעטן רבקהן צום מיקראָפֿאָן, האָט דער צעוואָרעמטער עולם זי אויפֿ־גענומען מיט גרויס כּבוד. מען האָט פֿון איר דערוואָרט זי זאָל צו־טראָגן איר חלק צו דער שטימונג פֿון דערמאָנונגען. זי, די פֿרוי פֿונעם העלד, איז פֿאַר אַ סך פֿון די, וואָס זענען געזעסן בײַ די גע־דעקטע טישן, געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פֿון יענע ווײַטע־נאָענטע טעג. מען האָט געהאָפֿט פֿון איר צו הערן נײַע פּרטים וועגן גרישאַ און אַפֿילו צו הערן איבערגעחזרטע, די אַלטע, גוט־באַקאַנטע, די צענדליק מאָל דערציילטע און געהערטע.

רבקה האָט זיך צו ערשט געקווענקלט, ניט געוואָלט זיך אויפֿ־שטעלן. דערמונטערט אָבער פֿון עולם און פֿון דעם אַריבערגעבויגענעם פֿאָרזיצער, וואָס האָט אין איר אַרײַנגערעדט, האָט זי זיך געלאָזט

איבעררעדן און מסכּים געווען צוצוגיין צום מיקראָפּאָן. רבקה איז געשטאַ־נען אַ ווײַלע און ניט געוווּסט פֿון וווּ אָנצוהייבן. צו פֿיל דערינערונגען האָבן זיך דערוועקט אין איר, אין אָנבליק פֿון די פֿאַרזאַמלטע חברים. זי האָט זיי דאָך געקענט ווי יינגלעך און מיידלעך, און דאָ זיצן פֿאַר איר מענער מיט פּליכן און פֿאַרקײַלעכדיקטע בײַכלעך, פֿרויען מיט דורכגעוועבטע גרויע פֿעדעם אין די שוואַרצע, צי בלאָנדע האָר. מען האָט געמוזט אַראָפּבייגן דעם מיקראָפֿאָן און אים צופּאַסן צו איר וווּקס. דאָס האָט זי אין גאַנצן צעטומלט. רבקה איז ניט געוווינט געווען צו אַזעלכע זאַכן. עס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי מען וואָלט צו איר אַרונטערגעלאָזט אַן אײַזערנעם, דינעם האַלדז פֿון אַ מין מעכאַניש באַשעפֿעניש און אונ־טערגעשטעלט זײַן קאַלט אויער צו אירע ציטערנדיקע ליפּן און זי, רבקה, דאַרף אין אים אַרײַנרעדן דאָס, וואָס זי האָט זיך געקליבן דעם עולם צו דערצײַלן. רבקה האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן מיקראָפּאָן. ער האָט איר מער געשטערט ווי אַרויסגעהאָלפֿן. אויך דאָס, וואָס זי האָט געמוזט בעתן רעדן, האַלטן דאָס מויל נעבן טרײַבל און זי האָט ניט געקאָנט אויסדרייען דעם קאָפּ אַלע מאָל אין אַן אַנדער זײַט, האָט איר געשטערט צונויפֿצונעמען די געדאַנקען. אַ מאָל, אין שטעטל, אויף אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג, צי אַפֿילו שוין דאָ אין לאַנד, האָט מען געקאָנט רעדן צו הונדערטער מענטשן אין אַ פֿאַרמאַכטן זאַל, צי אין דרויסן אויף דער פֿרישער לופֿט און אַלע האָבן אַלץ דערהערט, אַלץ פֿאַרשטאַנען. הײַנט דאַרף מען הילכערס, רחמנא לצלן! אָפּגערעדט אַ פּאָר מינוט, האָט זי זיך פֿאַרהאַקט. די געדאַנקען זענען זיך צעשוווּמען. רבקה האָט צונויפֿגענומען דעם גאַנצן ווילן און ווידער אָנגעהויבן. נאָך אַ מאָל אָפּגערעדט עטלעכע רגעס און אויף ס'נײַ זיך פֿאַרהאַלטן. זי האָט זיך צע־שמייכלט פֿאַרלעגן און היימישלעך אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי אײַנער זאָגט: איז וווּ האַלט איך, רבותי? ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיך צוגעוווינט צו די באַדינגונגען פֿון בינע, באַלויכטונג, מיקראָ־פֿאָן און גענומען דערציילן.

זי האָט ניט דערציילט, ווי מען האָט דערוואַרט, וועגן גרישאַ

ווי ער האָט מיט די אייגענע הענט געשלעפּט שטיינער און ביימער־שטאַמען, געהאַקט, געטעסעט, געקלאַפּט טשוועקעס און אויפֿגעשטעלט זײַן שטוב אויפֿן בערגל און ניט ווי ער איז צופֿוס אַוועק צו אַ ווײַטן ייִדישן ייִשוב און נאָך עטלעכע טעג צוריקגעקומען גאַנץ און געזונט און מיטגעבראַכט די ערשטע קו, ס׳זאָל זײַן מילך פֿאַר די קינדער און איבערהויפּט — ס׳זאָל זײַן דאָס געפֿיל פֿון אײַנגעזעסנקייט. רבקה האָט אויך ניט דערציילט וועגן אָנפֿאַל פֿון אַ באַנדע אויף זייער קליינערווירטשאַפֿט, אַן אָנפֿאַל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט אָן בלוט פֿאַרגיסונג אַ דאַנק גרישאַס באַהערשטער האַלטונג, גיכער אָריענטאַציע און נאָך מער צוליב זײַן חכמה און פֿעיִקייט צו קאָנען געפֿינען אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך מיט יעדן איינעם. רבקה האָט בכלל ניט דערמאָנט גרישאַן. זי האָט אויסגעקליבן עפּעס אַ ניט וויכטיקן עפּיזאָד. זי האָט דערציילט וועגן אַ וואָגן היי וואָס זי האָט געפֿירט פֿון פֿעלד אין שײַער אַריין און ווי אַזוי פֿאַרנדיק האָט זיך דער וואָגן איבערגעקערט, דער היי האָט זי אַזוי פֿאַרדעקט אַז זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט פֿון אים אַרויסבאַקומען. דער עפּיזאָד האָט זיך געצויגן און געצויגן. עס האָט געמאַכט דעם רושם אַז רבקה וועט זיך שוין פֿון דעם גערייד, ווי פֿון יענעם היי, ניט אַרויספּלאָנטערן.

די זכרונות האָבן זיך אין איר אַזוי צעשפּילט, אַז זי איז ווי אַרויסגע־פֿלויגן פֿון דער ווירקלעכקייט און פֿאַרשוועבט אין ספֿערעס, פֿון וועלכע מען קומט ניט אַזוי לײַכט צוריק. דער מיקראָפֿאָן מיטן זאַל האָבן זיך ווי אָפּגערוקט הינטערווײַלעכץ. רבקה האָט איצט גערעדט ווי פֿאַר זיך. ס׳האָט איר ניט געאַרט, צי מען הערט זי יאָ, צי ניט. אויב פֿריִער האָט זי דערציילט אויף דער בקשה פֿון אַנדערע, האָט זי איצט עס געטאָן פֿון אַן אינערלעכער באַדערפֿעניש. די זכרונות האָבן אין איר גע־ברענט און זי האָט זיי געמוזט אײַליק אַרויסברענגען. דער קאָנטאַקט מיטן יום־טובדיקן עולם איז לויזער געוואָרן. די שפּאַנונג פֿון הערן האָט נאָכגעלאָזט.

עמוס, דער זון, האָט זיך אויפֿגערעגט. ער האָט פֿאַרויסגעזען וואָס

עס וועט געשען. ער האָט זיך מאַמען געוואָלט צו וויסן טאָן מיט אַ ווונק, אַ רמז, זי זאָל ענדיקן, איז ער אָבער צו ווײַט געווען פֿון דער בינע. אויפֿהייבן זיך און צוגיין האָט אויך ניט געפּאַסט.

דערווײַל האָט דער עולם אין גאַנצן פֿאַרלוירן דעם אינטערעס צו רבקהן. ווען זי וואָלט דאָס פֿאַרשטאַנען און באַצײַטנס פֿאַרענדיקט, וואָלטן די מענטשן זייער גרינגשאַצונג פֿאַרדעקט מיט אַ שפּאָר ביסל לויב־ווערטער און סתּם קאָמפּלימענטן. רבקה האָט אָבער גערעדט ווײַטער. אירע רייד, צו וועלכע קיינער האָט זיך מער ניט צוגעהערט און דער טאָן פֿון איר שטים, האָבן שוין געשטערט.

דער פֿאָרזיצער האָט עטלעכע מאָל זיך דערנענטערט צו רבקהן, געוואָלט איר אָנדײַטן, אַז זי דאַרף ענדיקן און פֿון דרך־ארץ זיך אָפּגעהאַלטן. ער האָט אָבער געזען ווי עס האַלט מיטן עולם און וועלנדיק אויסמײַדן אַ ניט אָנגענעמע סיטואַציע, האָט ער זיך סוף־כּל־סוף אַנטשלאָסן, זי איידל אָנגענומען בײַ דער האַנט און ליבלעך איר אַרײַנגעשמייכלט אין פּנים. רבקה האָט פֿון דעם האַנטבאַריר ווי זיך געכאַפּט ווו זי געפֿינט זיך און וואָס זי טוט דאָ:

— נאָך אַ ווײַלע און איך ענדיק שוין! האָט זי זיך געבעטן. דער פֿאָרזיצער האָט מיטן זעלבן ליבן שמייכל באַמערקט, אַז די טענצערס וואַרטן שוין אַרויפֿצוגיין אויף דער סצענע. דער עולם האָט אויסגעניצט דעם קליינעם משׂא־ומתּן און מיט אַן אויפֿלייזערישער בראַוואָ־פּאַטשערײַ פֿאַרענדיקט דאָס, וואָס דער פֿאָרזיצער און אויך עמוס האָבן געוואָלט פֿאַרמײַדן.

דער אַקאָרדעאָן האָט זיך צעשפּילט, די טענצער־פּאָרלעך האָבן געטאַנצט און קיינער האָט ניט באַמערקט ווען עמוס מיט רבקהן זענען אַרויס פֿונעם זאַל.

דער טייטלבוים

כי האדם עץ השדה

(דברים כ׳ יט)

א

פרימאָרגן האָט זיך איתמר געפּעדערט. ברויט און זאַלץ גענומען, איילבירטן און טײַטלען אין זעקל אַרײַנגעלייגט. מיט וואַסער זיך באַזאָרגט, אין די קליידער פֿאַרנייט וויכטיקע פּאַפּירן און אַוועקגעלאָזט זיך אין די ווײַטקייטן.

צו ערשט איז ער אין אַ דיליזשאַנס געפֿאָרן. שפּעטער — אַ קעמל מיט אַן אַנטרײַבער געדונגען, צו לעצט געלאָזט זיך צופֿוס און אַזוי גייענדיק געדאַרפֿט אַריבערקומען דעם גרויסן מידבר.

ביז צום מידבר איז איתמר אַדורך אַ שטיק לאַנד, וואָס איז באַזעצט געווען מיט אַן אַראַבישער באַפֿעלקערונג און מיט טערקישע מיליטער־פּאָסטנס. האָט ער אויסגעמיטן יעדעס אָרט וואָס איז באַוווינט און יעדע סטעשקע ווו מען קאָן עמעצן באַגעגענען. דאָס האָט באַשווערט דעם גאַנג.

אויפֿן זעקסטן טאָג איז איתמר, אַ פֿאַרשטויבטער און אַן אויסגעמאַטערטער צוגעקומען צו אַ פֿאַרלאָזענער שטיינהאַקערײַ. דאָ — זיך געדאַרפֿט באַגעגענען מיט אַ פֿאַרטרויונגס־מענטש, אַן איבערגעטוענעם אין קליידער פֿון אַ בעדויִנער. ער האָט געהאַט פֿאַר אים אַ סומע געלט, אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט און אָנווײַזונגען. יענער האָט אים געזאָלט באַזאָרגן מיט פֿריש וואַסער, שפּײַז און מיט געווער.

איתּמר איז אַרײַן אין דעם ברייטן באַרגאויסשניט, פֿון וואַנען מען האָט אַ מאָל אַרויסגעפֿירט די שטיינערפּלאַסטן. דער שטח איז געווען פּאַרטיפּט און האַלב רונדיק מיט אַ סך שטויב און שטיינבראָך און געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַן אויסגעטריקנטער אָזערע. דער באָדן — באַדעקט מיט הויך צעוואַקסענע, טרוקענע דערנער. יאַשטשערקעס האָבן אַרומגעפּויזעט, אָדער זיך געוואַרעמט אויף דער זון. אַ שלאַנג איז געלעגן אויסגעצויגן ווי אַ שטעקן און אין איר אומבאַוועגלעכקייט גע־טשאַטעוועט אויף איינעם פֿון די קריכענדיקע ברואים. דערפֿילנדיק טריט, האָט זי זיך צונויפֿגעדרייט און אַנטרונען צווישן די פֿעלדזן. מחנות פֿייגל, וואָס האָבן גענעסטיקט אין די באַרגשפּאַלטן, זענען אַרומ־געפֿלויגן צווישן דערנער־געדיכטעניש. דעם מענטש אָבער, האָט מען ניט געזען. איתּמר האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל און הויך אַ רוף געטאָן:

— אָהאָ, אָהאָ!

געמיינט, אַז ער ליגט ערגעץ באַהאַלטן אין איינעם פֿון די באַרג־היילן. בלויז דער עכאָ האָט אָפּגעענטפֿערט מיט אַ צעצויגענעם און הויך קלינגענדיקן „אָהאָ". די פֿייגל האָבן פֿון דעם אומדערוואַרטן געשריי זיך דערשראָקן און אַוועקגעפֿלויגן, מאַכנדיק אַ טומל מיט זייער פֿליגל־געפֿאָך.

ניט ווײַט פֿונעם אַרײַנגאַנג אין דער שטיינהאַקערײַ זענען געשטאַנען עטלעכע דיקע פֿײַגנביימער. איז איתּמר אַוועק צו די פֿײַגנביימער און אין זייער שאָטן זיך געזעצט אויסוואַרטן. ער האָט זיך ס'האַרץ אונטער־געלענט און דעם מידן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף איינעם פֿון די שטאַמען. אַזוי אָנגעשפּאַרטערהייט איז ער אײַנגעשלאָפֿן.

ווען איתּמר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען פֿאַר נאַכט. אַ ווינטל האָט געבלאָזן. די עטלעכע אַלטע פֿײַגנביימער האָבן באַגלייט מיט אַ קוים־דערהערטן רויש דאָס לעצטע ביסל טאָגליכט, וואָס איז גיך אויסגעגאַנגען.

איתּמר איז געווען צעטראָגן. ער האָט געריבן דאָס ניט־ראַזירטע

פּנים און דעם שטערן, ווי דאָס וואָלט געהאָלפֿן אָפּטרײַבן די צענדליקער אומהיימלעכע געדאַנקען, וואָס זענען אים באַפֿאַלן.

אפֿשר האָט דער מענטש ניט געדענקט דעם טאָג ווען ס׳איז באַשטימט געוואָרן די באַגעגעניש? אפֿשר איז יענער געכאַפּט געוואָרן און מען פּײַניקט אים ערגעץ אין אַ קעלער, ער זאָל אויסזאָגן וואָס זייער קליינע גרופּע פּלאַנעוועט? איתמר איז אויפֿגעשפּרונגען. פֿון די אויגן האָט געשפּריצט דער אומרו:

ניין, דאָס איז ניט מעגלעך. ס׳קאָן אַלץ זײַן, נאָר ניט דאָס. ניט דאָס! קיינער האָט אים ניט אויסגעגעבן! נאָר געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט וועגן זייער באַגעגעניש און פֿון זײַן, איתמרס, איצטיקער שליחות צו די ברעגן פֿון נילוס.

די נאַכט איז אַראָפּגעקומען אַ פֿינצטערע און מיטגעבראַכט אַ נעפּל־פּאַרע. דער פֿאַרשטאַרקטער ווינט האָט ביסלעכווײַז צעטריבן דעם טומאַן, אָבער די פֿינצטערניש איז געבליבן.

איתמר האָט אָפּגעבראָכן אַ צווײַג, בודק געווען די ערד אַרום בוים, צי ס׳זענען ניטאָ קיין שלענג, אַרויסגעצויגן די דעק, געמאַכט אַ געלעגער און זיך צוגעשפּאַרט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אײַנליגן. ס׳האָט אים געהויבן עפּעס צו טאָן, ערגעץ צו לויפֿן. פֿון דער געצווונגענער פּאַסיווקייט, האָט ער געפֿילט ממש אַ ווייטיק אינעם גאַנצן גוף. דער חושך האָט געדריקט אויפֿן געמיט. אַלץ אַרום איז געווען אָפּגעמעקט און פֿאַרשטומט פֿון פּחד. אַפֿילו די ביימער האָבן מורא געהאַט זיך צו באַוועגן.

— וואָס טוט רחל אין אַזאַ פֿינצטערניש?

דאָרט, אין דער מושבה, הערט זיך מן־הסתם פֿונעם נאָענטן פּרדס דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פֿונעם ברונעם־מאָטאָר. דורך אָפֿענע טירן און פֿענצטער שײַנט דאָס ליכט אין גאַס אַרײַן. די עלטערע זיצן אויף די וועראַנדעס און קינדער שפּילן זיך אויפֿן גראָז. קי מעקען. בײַ עמעצן אין אַ הויף פֿאַרגייט זיך אַן אייזל אין אַ לאַנג געשריי. ס׳בילן הינט.

איתמר איז זיכער, אַז רחל קלערט איצט וועגן אים. ס׳ווערט אים גוט און ער פֿאַרגעסט אויף אַ ווײַלע ווו ער געפֿינט זיך.

ערגעץ האָט אַ שטיין זיך אָפּגעריסן און מיט רעש אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נאַכט. אַ פֿויגל האָט זיך איבערגעוועקט און מיט אַ פֿאַרביטן קול זיך צעשרי:ען, באַלד אויפֿגעהערט און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן. אַן אומדערטרעגלעכע, קלעפּיקע שטילקייט. איתמר האָט טיף אָפּגעפּילט די נאַכט. זי איז אין אים אַרײַנגעקראָכן, געהאַלטן פֿעסט אין איר רשות און ניט צוגעלאָזט דעם שלאָף צו זײַנע אויגן. ער האָט אָפּגעשפּיליעט דעם טאַשנזייגער און אים אָװעקגעלייגט נעבן אויער, צו הערן דעם געקלאַפּ פֿון די רעדלעך. דער זייגער האָט געקלאַפּט און מיט אים — די געדאַנקען:

אפֿשר טאָר מען ניט ממשיך זײַן צו גיין? דאָס וואָס דער פֿאַר־טרויונגס־מאַן איז ניט געקומען, דאַרף זײַן אַ וואָרענונג. איתמר האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ נײַעם דורכפֿאַל. ער איז דאָך שוין געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיטן ענגלישן געהיימדינסט. איבערגעגעבן זיי ידיעות בײַ אַ פֿאַרלאָזענעם ים־ברעג. אין מיטן נאַכט פֿלעגט אָנקומען אַ שיפֿל און ער, איתמר, האָט מיט אַ קעשענעלעמפּל סיגנאַליזירט. דאָס שיפֿל איז צו־געשוווּמען צום ברעג, גענומען פֿון אים די מאַטעריאַלן וואָס ער און זײַנע חברים האָבן אָנגעזאַמלט און אָפּגעשווומען. עטלעכע חדשים האָט זיך אַזוי געצויגן די פֿאַרבינדונג און פּלוצעם איז זי איבערגעהאַקט געוואָרן.

איתמר געדענקט גוט יענע נאַכט. אַ רעגן האָט געפּליוכעט און ס׳איז אַזוי פֿינצטער געווען, ווי אין דער הײַנטיקער נאַכט. ער איז געלעגן אויף דער דורכגעווייקטער ערד, צווישן נאַסע קוסטעס, אויף אַ בערגל. דאָס גערודער פֿון די צעברויזטע כוואַליעס און דער געברום פֿונעם ווינט האָבן צענומען דעם קאָפּ. די נעץ און די קעלט איז ניט מעגלעך געווען איבערצוטראָגן, נאָר איתמר האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ניט גערירט פֿונעם אָרט, אָפּגעלעגן אַזוי ביז באַגינען. דערנאָך איז ער געקומען צום ברעג נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט, אָבער דאָס שיפֿל האָט זיך מער ניט באַוויזן.

איתמר האָט ניט געקאָנט משלים זײַן מיט דעם. זײַן מוח האָט

געגומען וועבן אַ נײַעם פלאַן ווי אַזוי אָנצוקניפּן דעם פֿאַרלוירענעם קאָנטאַקט. איצט איז ער אונטערוועגנס. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן די סכנות וואָס לויערן אויף אים: פֿײַנטלעכע אַראַבער, פֿײַנטלעכע טערקן, מלחמה־צושטאַנד, באַלעגערטע וועגן, מיליטער, מידבר און אין מיטן — ער, מיט זײַן גיין צו די ענגלענדער, מיט געדאַנקען וועגן אַ יידישער מדינה...

מענטשן פֿון יישוב זאָגן, אַז ס'איז ניט יידישלעך אַרײַנצולאָזן זיך אין אַזעלכע אַוואַנטורעס. דאָס קאָן בלויז דערצערענען די טערקישע מאַכט־האָבער און שטערן צו פֿאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פֿון שיבת־ציון. ס'איז לײַכט צו זאָגן „אַוואַנטורעס". פֿאַר אים און פֿאַר זײַנע חברים איז עס דער תּמצית פֿון לעבן. ווי האָט געזאָגט רחל אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, פֿאַרן לאָזן זיך אין וועג?

— צום באַדויערן בין איך ניט קיין מאַן און כ'קאָן ניט צוזאַמען מיט דיר אויספֿירן די שליחות.

די ווערטער האָט זי אַרויסגעלאָזט שטיל, קוים וואָס ער האָט זיי דערהערט. זי האָט זיך ווי פֿאַרשעמט, אויף גיך געזעגנט, אויסמײַדנדיק אַרײַנצוקוקן אים אין די אויגן.

רחלס פּנים איז איצט אינעם חושך אַרומגעשוועמען פֿאַר זײַן בליק. ווען דער שלאָף האָט אים גובר געווען, איז דאָס פּנים אַרײַנגעשוועמען אין זײַנע חלומות און שוין דאָרט פֿאַרבליבן ביז דער טאָג האָט אָנגעצונדן די קרוינען פֿון די אַלטע פֿײַגנביימער.

ב

איתמר האָט ווי פֿאַרלוירן די רעכענונג פֿון צײַט. ס'האָט זיך אים געדוכט אַז שוין חדשים קריכט ער אַזוי און מען זעט ניט קיין סוף צו דער מאַטערניש. זײַן פֿאַרוואַקסן פּנים איז געווען שוואַרץ פֿון זון און ווינט. די קליידער אויפֿן אויסגעדאַרטן גוף האָבן זיך קוים געהאַלטן. אין זעקל זענען פֿאַרבליבן די לעצטע ביסנס. דאָס וואַסער, אין שעפּסנפעלנכער, האָט

זיך שוין אויך געהאַט געענדיקט. איתמר האָט געבלאָנדזשעט. לויט דער מאַפּע האָבן זיך געדאַרפֿט געפֿינען אין דער סביבה עטלעכע אַראַבישע דערפֿער. דערווײַל איז פֿון זיי קיין שפּור ניט געווען.

בײַם סוף פֿון צענטן טאָג איז ער צוגעקומען צו אַ ברונעם. דאָס מויל פֿונעם ברונעם איז געווען פֿאַרלייגט מיט אַ שטיין. איתמר האָט דעם שטיין אָפּגעקײַקלט און דערזען, אַז דער ברונעם איז טיף און כּמעט אויסגעטריקנט. נאָר אויפֿן דנאָ האָט געבלישטשעט אַ קליין וואַסערל. צוצוקומען צום וואַסערל אָן אַ שטריק איז געווען כּמעט ווי אוממעגלעך. דער דאָרשט האָט אים געפּייניקט. האָט איתמר גענומען פּאַמעלעך אַראָפּ־נידערן איבער די אָלטע, פֿאַרגרינטע שטיינווענט. מיט הענט און פֿיס זיך אָנגעכאַפּט, אָנגעהאַלטן אין די אויסהוילונגען און ריסן פֿון די ווענט, וואָס צײַט און נעץ האָבן אין זיי געמאַכט.

וואָס טיפֿער איתמר איז אַראָפּגעקומען אַלץ טונקעלער, אַלץ קילער איז געוואָרן. מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און צעהיצטן שטערן איז ער צוגעפֿאַלן צום וואַסערל און זשעדנע געטרונקען. געשטילט דעם דאָרשט, האָט איתמר אָנגעפֿילט דעם פּענכער. דאָס אַרויפֿקלעטערן איז אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי דאָס אַראָפּגיין. די אונטערשטע שטיינער זענען געווען פֿאַרשליימיקט און גליטשיק.

ווען איתמר איז סוף־כּל־סוף אַרויס פֿון די טיפֿענישן, איז שוין געווען נאַכט. אַ גרויסע, פֿולע לבנה האָט געלויכטן און מיט איר קאַלטן זילבער באַצירט די ברונעם־שטיינער.

איתמר איז שוין דאָ פֿאַרבליבן אויף נאַכטלעגער.

מאָרגן פֿאַר טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען און זיך ווײַטער געלאָזט שפּאַנען. די לאַנדשאַפֿט האָט זיך ביסלעכווײַז געביטן. די געוויקסן זענען געוואָרן שיטערער און שיטערער, ביז זיי זענען אין גאַנצן פֿאַרשווונדן. אַ בלענדיק־זאַמדיקע פּוסטקייט האָט זיך געפֿאַלדעוועט און געצויגן ביז אין־סוף. דער קײַלעכדיקער זונפֿלאַם האָט פּאַמעלעך און גרינטלעך אויפֿגעאַקערט די זאַמדן און ס'איז ניט געווען ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון דער היץ.

איתּמר האָט זיך געשלעפּט איבער דער אָנגעגליטער לײדיקײט און געזוכט אַ ברעקל שאָטן. אויף צו מאָרגנס איז דער שטח געוואָרן בערגל־דיק און פֿון דער ווײַטנס האָבן זיך געריסן אין הימל אַרײַן גאָר הויכע בערג. איתּמר האָט די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון די בערג. אַהינצו דאַרף ער דערגרייכן. וועלן סטאַיען כּוחות? די שפּײַז ענדיקט זיך, וואַסער וועט אפֿשר יאָ קלעקן, אויב ער וועט זײַן שפּאָרעוודיק. מען מוז זיך האַלטן, נאָר האַלטן!

דערזען אַ וואַדי, האָט איתּמר פֿאַרקערעוועט זײַנע טריט און דאָרט זיך צוגעזעצט איבערכאַפּן דעם אָטעם. די וואַדי איז געווען ברייטלעך און געטראָגן סימנים פֿון וואַסערן, וואָס זענען אַראָפּגעפֿלאָסן פֿון די בערג, נאָך די ווינטער־רעגנס. דער באָדן איז געווען באַדעקט מיט האַרטלעך־שטעכעדיקע קוסטלעך.

אָפּגערוט זיך, איז איתּמר אַרויס פֿון דער וואַדי. ניט באַוויזן צו שטעלן עטלעכע שפּאַן און זיך פֿאַרהאַלטן. אויף אַ שכנותדיק בערגל האָבן זיך באַוועגט צוויי געשטאַלטן און מיט זיי אַ באַלאָדן אייזל. צו ערשט האָט איתּמר געוואָלט אַ לויף טאָן, באַלד זיך באַרעכנט, אַראָפּ־געזעצט אויף דער ערד, מען זאָל אים ניט באַמערקן. ווען די געשטאַלטן זענען צוגעקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז דאָס זענען צוויי בעדויִנער. די גערדאַנקען האָבן שנעל, שנעל געאַרבעט. ער האָט געמוזט גלײַך באַשליסן:

אַדורכלאָזן זיי, אָדער אָניאָגן און בעטן שפּײַז? ווער ווייסט ווער זיי זענען? ס׳קאָן דאָך זײַן, אַז דער מענטש אויף וועמען ער האָט געוואַרט אין דער שטיינהאַקערײַ, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זייערע הענט און איצט ווילן די בעדויִנער אויך אים כאַפּן. און אפֿשר זענען דאָס פֿרידלעכע מענטשן, וואָס פֿירן אויפֿן רוקן פֿון אייזל זעק מיט מעל און דזשאַרעס בוימל צו זייערע געצעלטן?

איתּמר איז אַרויס פֿון באַהעלטעניש און אַ רוף געטאָן צו די בעדויִ־נער. טראָץ דעם מרחק האָבן די בעדויִנער דערהערט זײַן געשריי. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פּאַרסאָפּעטער איז איתּמר צוגעקומען צום בערגל. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויפֿשטײַגן, איז געפֿאַלן אַ שאָס און ער איז געטראָפֿן געוואָרן פֿון דער קויל. איתּמר האָט געקוקט מיט אַ צעמישטן בליק. די ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט באַוויזן זיך אויסצודרייען און מיט וואַקלענדיקע פֿיס גענומען צוריקלויפֿן צו דער וואַדי, דריקנדיק מיט די הענט די ווונד אין בויך. די בעדויִנער האָבן נאָך אַ מאָל אויסגעשאָסן. איתּמר איז אומגעפֿאַלן און געבליבן ליגן. ערשט דאַן זענען די בעדויִנער אַראָפּ צו זייער קרבן.

✶

יאָרן זענען פֿאַרגאַנגען. אין דער וויסטעניש, אויפֿן וועג צו די בלויע בערג, לעבן אַ וואַדי איז אַ טייטלבוים אויסגעוואַקסן. אַן איין און איינ־ציקער בוים, וואָס האָט וואָרצלען געשלאָגן און פּירות געגעבן. די בעדויִנער פֿון דער געגנט האָבן מורא געהאַט פֿאַר אים, זיינע פֿרוכטן ניט געגעסן, און אים גערופֿן דער „יאַהוד־בוים״.

בלויז געציילטע אַלטע לײַט פֿונעם שבט האָבן געוווּסט דעם שײַכות צווישן דעם ייִדישן וואַנדערער און דעם טייטלבוים וועלכער איז אויפֿ־געגאַנגען פֿון זײַן געביין, אָבער זיי האָבן געשוויגן.

און דער טייטלבוים איז געוואַקסן און געדײַעט טראָץ די מידבר־ווינטן און דעם בראַנד פֿון זון.

דער אַנאַנס

א הי־געבוירענע, אַן אַנגענעמער אויסזען, פול מיט לעבנס לוסט, אַן איינגעאָרדנטע און גוט סיטואירטע, זוכט צו באַקענען זיך מיט אַ מאַן פון 45 ביז 50 יאָר מיט אַ פילזייטיקן און פילאָזאָפישן קוק אויפן לעבן און מיט אַ חוש פאַר הומאָר.
זיך ווענדן : פּאָסט־קעסטל 152. חולון. פאַר נומער 1012.

וואָלף האָט ווידער איבערגעלייענט די מודעה אין דער צײַטונג און געפּרוּווט אַנאַליזירן דעם אַ ביסל מאָדנעם אַנאַנס, אויף וועלכן זײַן אויג האָט זיך פֿאַרהאַלטן בעתן דורכקוקן די ערב־שבתדיקע אָונט־צײַטונג. הײַנט איז שוין געווען מיטוואָך, ס׳הייסט דער זעקסטער טאָג פֿון זינט ער האָט די מודעה באַמערקט און ער האָט נאָך די צײַטונג ניט אַרויסגעוואָרפֿן. זיי האָבן אים פֿאַרווײַלט אָט די „אַנאָנסלעך״. ער האָט זיך צו זיי באַצויגן קריטיש און גלײַכצײַטיק מבטל געמאַכט. צווישן די שורות פֿון די מודעות האָבן זיך אַנטפּלעקט מענטשלעכע פֿאַרלוירנקייט, שוואַכקייט און צו מאָל לעכערלעכקייט. על־פּי־רוב האָט וואָלף רעאַגירט אויף דעם מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. דאָס מאָל, בײַם לייענען די מודעה, האָט עס אים אַ ברי געטאָן.

וואָלף האָט ניט סתּם געלייענט די רובריק פֿון שידוכים אין דער אָונט־צײַטונג, ווי מען לייענט וועגן ספּאָרט, אָדער דאָס שאַכווינקל. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ סך לעבנס־דערפֿאַרונג און עס איז ניט געלעגן אין זײַן כאַראַקטער צו פּטרן צײַט אויף נאַרישקייטן. וואָלף איז שוין געווען אין די יאָרן ווען מען קוקט רעאַל אויפֿן לעבן און אויב מען זוכט עפּעס, איז עס ניט סתּם „פֿייגעלעך אין הימל״, נאָר תּכלית און תּכלית האָט בײַ וואָלפֿן געהייסן אויפֿשטעלן צוריק אַ משפּחה.

אַ פֿאַרשײַטע, אַלטע מויד דאַרף זי זײַן מיטן „אָנגעגעמען אויסזען". ניט קיין גרושה און ניט קיין אַלמנה, נאָר טאַקע אַן אַלטע מויד. ער קען שוין גוט די טעכניק פֿון אַזעלכע צײַטונגס־מודעות, ער האָט זיי געלייענט און שטודירט אין די צענדליקער. אַ גרושה איז אײַנגעהאַלטענער, איז פֿאָרזיכטיקער. זי האָט זיך אָפּגעבריט, וועט זי ניט קלאַפּן אויף טרעוואָגע. ווען זי באַשליסט אָנצוקומען צום שידוכים־ווינקל פֿון אַ צײַטונג, טוט זי אינעם אַנאָנס ניט אויסרעכענען אירע קערפּערלעכע מעלות, ניט אירע אײַנגעבוירענע פֿעיִקייטן און ניט איר מאַטעריעלן צושטאַנד. ס'רוב באַצייכנט זיך אַזאַ גרושה ווי אַ „באַשיידענע פֿרוי" וואָס זוכט אַ „שטילן, סאָלידן מאַן".

אַן אַלמנה ווידער, אין די מערסטע פֿאַלן, שעמט זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז זי איז אַן אַלמנה. טייל מאָל האַלט זי עס פֿאַר אַ וויכטיקן שטריך, וואָס קאָן איר צו ניץ קומען פֿאַרן מאַטרימאָניאַלן צוועק. און אויב אַזאַ פֿרוי איז נאָך ניט אַריבער די פֿופֿציק פֿאַרגעסט זי ניט צוצוגעבן אין דער מודעה, אַז זי איז אַ „יונגע אַלמנה". אירס אַן אַנאָנס איז שפּאַרעוודיק מיט ווערטער און טרײַבט ניט איבער מיט פֿאָדערונגען פֿונעם אַנדערן צד.

עס טרעפֿט אויך, אַז יונגע מיידלעך העלפֿן זיך אַרויס מיט דער רובריק פֿאַר שידוכים. אַן אַנאָנס פֿון אַזאַ יונג מיידל איז גיכער אַ טעלעגראַם: קאַרג, טרוקן און זאַכלעך, אַז עס ווערט אַזש אומהיימלעך. ווען זי קאָן, וואָלט זי אויך פֿון דעם ווינציקן אויסגעמעקט, ווײַל עס דוכט זיך איר, אַז יעדעס וואָרט דעמאַסקירט און זי וויל וואָס מער דיסקרעציע, וואָס מער קאָנספּיראַציע. צו אַזאַ נפֿש קאָן מען דירעקט ניט שרײַבן, אַפֿילו ווען זי איז פֿאַרשלייערט אונטער הונדערט פּסעוודאָנימען. אין איר מודעה גיט זי אָן דעם אַדרעס פֿון דער צײַטונגס־רעדאַקציע און ערשט די רעדאַקציע שרײַבט צו איר אויף פּאָסט־רעסטאַנט.

דערקענען אַן אַלט מיידל... יאָ, ער איז זיכער, אַז אין פֿאַל פֿון דער מיטן „אָנגענעמען אויסזען" האָט ער צו טאָן מיט אַ פֿאַרזעסענער. זע נאָר וואָס זי פֿאָדערט אַלץ פֿון דעם בידנעם מאַן: אי פֿילאָזאָפֿיע, אי הומאָר...

וואָס פֿאַר אַ פֿילאָזאָפֿיע אינטערעסירט דיך ?! זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו ביסט גוט איינגעאָרדנט און פֿאַרמאָגסט אַ קניפּל. זאָגסט עס ניט שטיל, נאָר קלאַפּסט אין טאַצן, אַז אַפֿילו טויבע זאָלן דערהערן. ווייס איך דאָך שוין, אַז דיין פֿילאָזאָפֿיע איז געווען צו מאַכן געלט. איי, די יאָרן זענען ניט געשטאַנען און ביסט געבליבן אַליין, איז עס דיין זאַך. געלט אָבער האָסטו, כאָטש דער חשבון שטימט עפּעס ניט...

ס׳קאָן זיין, אַז מיינסט גאָר עפּעס אַנדערש, ווען דו רעדסט וועגן אַ „פֿילזיטיקן און פֿילאָזאָפֿישן קוק אויפֿן לעבן״. ס׳איז ניט פֿאַר מיינע שטומפּיקע ציין צו צעקייען אַזאַ פּסוק. נאָר לאָמיר זאָגן, אַז כ׳פֿאַרשטיי יאָ דעם טייטש דערפֿון. איז ווילסטו מיר איינרעדן, אַז עס וועט זיך אָפּזוכן אַ מאַן וואָס וועט פֿאַרמאָגן דאָס אַלץ וואָס איז פֿאַרשריבן אין דיין רעצעפּט ? און אויב ער וועט זיין אַ גוטער פֿאַרדינער, האָבן אַן איידעלן כאַראַקטער און עס וועט אים פֿעלן די „פֿילזיטיקייט״ און דאָס „פֿילאָ־זאָפֿישע קוקעכץ״, וועט ער זיין פּסול צו ווערן דיין לעבנס־באַגלייטער ?

אָט נעם מיך למשל. ווען כ׳זאָל טראַכטן אין דיינע קאַטעגאָריעס, קאָן איך דיר זאָגן פּראָסט און פּשוט, אַז מיין פֿילאָזאָפֿיע איז געווען אָפּראַטעווען דאָס לעבן. דאָס הוילע, נאַקעטע לעבן, מיינס און מיין ווייבס און די קינדערס, ווען מען האָט יידן פֿאַרשפּאַרט אין עטלעכע ענגע געסלעך פֿון דער שטאָט און שפּעטער, ווען מען האָט יידן פֿאַר־פּאַקט אין די וואַגאָנען און געשיקט צום טייוול. אויך מיין חשבון איז געמאַכט געוואָרן אָן דעם בעל־הבית. אַלע זענען אומגעקומען און דווקא איך בין געבליבן... ווילסט עס מסתמא ניט הערן. ס׳איז צו אומעטיק פֿאַר דיר, דו, ווי רופֿט מען דיך דאָרט ? דו פּאָסט־קעסטל 152 ! ביסט דאָך אַ הי־געבוירענע, אַ סאַברע הייסט עס. און איך בין אַ פּוילישער ייִד, אַ גלות־ייִד. און גלות־יידן, ספּעציעל די, וועלכע זענען געקומען פֿון „דאָרטן״, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, דערציילן אַ סך, אַ סך טרויעריקע מעשיות און אויב זיי ווילן זיך שוין, זענען זייערע אויגן ניט קיין שותּפֿים צו דעם וואָס דאָס מויל רעדט.

ס׳איז מיר דערווידער דײַן באַרימען זיך מיטן „לעבנס לוסט״. ווערלכעס באַשעפֿעניש האָט דאָס ניט קיין לעבנס לוסט? וועגן דעם ענין האָב איך אויך זייער פֿיל צו דערציילן. איז ווידער דאָס זעלבע, וועסט מיר גלײַך פֿאָרוואַרפֿן, אַז וועגן וואָס מען זאָל ניט רעדן קום איך צוריק צום אַלטן. ביסט אפֿשר גערעכט. מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט אַזוי פֿיל געדענקען. כ׳קאָן זיך אָבער ניט העלפֿן. אין יענע פֿינצטערע יאָרן איז דער אמת וועגן לעבן און שטאַרבן געזען געוואָרן ווי דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז און דער אימפּעט צום לעבן — — — נו, גענוג מיט דעם. קאָנסט מיך נאָך אויף אַן אמת חושד זײַן, אַז כ׳בין אַ ייִד אַ פֿילאָזאָף...

זאָגסט „פֿול מיט לעבנס לוסט״, זאָל זײַן אַזוי, כאָטש הרגע מיך, כ׳זאָל פֿאַרשטיין דעם זינען פֿון דער חכמה. נאָר ווו שטייט געשריבן, אַז בלויז מיט קלוגשאַפֿט דערגרייכט מען דעם ציל?

איז ווו האַלטן מיר אין דער וועלט? אַ יאָ, בײַ אַ „חוש פֿאַר הומאָר״. ווייסט מײַן טײַערע, טראָץ דעם גאַנצן גערייד, זעץ איך זיך באַלד אַוועק און שרײַב דיר אָן אַ קאַרטל אויף צו באַשטימען אַ באַגעגעניש. האָב איך אַ חוש פֿאַר הומאָר, צי ניט?!

דער ניט אַוועקגעשיקטער בריוו

רעגינע האָט פֿונעם בעט נאָכגעקוקט ווי די קאַץ יאָגט זיך נאָך אַ נאַכט־פֿלאַטערל, כאָטש אין צימער איז ניט געווען ניט קיין קאַץ און ניט קיין פֿלאַטערל. זי האָט אַזאַ בילדל געזען ערגעץ אין אַ קינדערביכל און איצט, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, ווען דער קאָפּ און דער גוף איז איבערפֿול געווען מיט די איבערלעבונגען פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג, איז עס איר אויפֿן זינען געקומען און האָט זיך געפּלאָנטערט אין איר מידן קאָפּ.

דער קאַץ־און פֿלאַטערל־אויסדאַכט האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צום לייכטנדיקן לאָמפּ, צום שוואַרצן אָפּזאַץ פֿון קאַווע, וואָס האָט געגליווערט אויפֿן דנאָ פֿון גלאָז, צו די צעקוועטשטע איבערבלייבע־נישן פֿון די אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן און אַוודאי און אַוודאי ניט צום בריוו, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויפֿן טיש. צום בריוו האָט מען בלויז געדאַרפֿט צושטעלן דאָס וואָרט „מיט פֿריינדשאַפֿט”, אונטערחתמענען און אַוועקשיקן. דער, צו וועמען דער בריוו איז געשריבן געוואָרן, האָט שוין ניט געלעבט. זי איז היינט געווען אויף זיין לוויה.

✶

רעגינע האָט געמיינט, אַז ער, איר יוגנט־חבר, איז צוזאַמען מיט אַלע ייִדן אומגעקומען דאָרט, אינעם פּוילישן שטעטל, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. נאָך יאָרן, אָבער, האָט זי אים געטראָפֿן דאָ, אין לאַנד מיט אַ צעקאָרבט פּנים, מיט גרויליך־שיטערע האָר, מיט אַן אויסטאַטוּירטן נומער אויפֿן האַנטגעלענק. פֿרוי און קינדער אומגעקומען. פֿון אַלעמען

זענען בלויז זכרונות פֿאַרבליבן און דאָס האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט. זי, רעגינע, האָט קיין קינדער ניט געהאַט. דער מאַן איז פֿון לאַנג שוין געשטאָרבן. אויך זי האָט געלעבט אין אַ וועלט פֿון זכרונות. האָבן זיי זיך געוואָרעמט אינעם שײַן פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם.

ער איז פֿאַר איר געווען אַן עכאָ פֿון יענע טעג און נעכט צוזאַמען פֿאַרבראַכטע בײַ אַ העפֿטל לידער, בײַם שפּילן זיך אויפֿן טײַך, בײַ אַ פֿאַרלעזונג אינעם יוגנטקלוב.

צווישן יענעם יונגן בחור מיט די העלע אויגן און דעם אויס־געמאַטערטן מאַן איז געלעגן אַ מהלך פֿון יאָרן און רעגינע האָט ניט געהאַט קיין כּוחות אין זיי אַרײַנבליקן, זיי אַריבערשפּרינגען. זי האָט אים געשעצט און ליב געהאַט ווי מען האָט ליב אַ ווײַטע דערמאָנונג צו וועל־כער מען קערט זיך אָפּט אום מיטן געדאַנק. רעגינע האָט דאָס אים קיין מאָל ניט געזאָגט, ניט געקאָנט ברענגען פֿאַרן מויל, געוווּסט אַז דאָס קאָן אים אויף ס׳נײַ צעברעכן, פֿאַרשאַפֿן נײַע ליידן.

נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און קווענקלענישן האָט זי אָנגעשריבן דעם בריוו אין וועלכן זי האָט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן געפּרוווט געבן צו פֿאַר־שטײן וואָס זי פֿילט צו אים, וואָס זי טראַכט וועגן אים. אָנגעשריבן און דעם בריוו ניט אַוועקגעשיקט.

און אָט האָט מען איר אָנגעקלונגען, אַז ער איז געשטאָרבן. די שטים וואָס האָט אַרײַנגערעדט אין טעלעפֿאָן־טרײַבל איז איר געווען אומ־באַקאַנט און האָט אָפּגעהילכט ווי זי וואָלט צו איר דערגאַנגען פֿון ווײַטע, פֿאַרנעפּלטע ספֿערן.

רעגינע האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, געענטפֿערט קורץ, אַז זי קומט באַלד און גלײַך אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

✶

פֿאָרנדיק אין אויטאָבוס צום ניפּטרס צימער, האָט רעגינע מיט די אויגן געפֿאָרשט די פּנימער פֿון די פּאַסאַזשירן, געוואָלט אַראָפּלייענען זייערע מחשבות. זייערע פּנימער זענען געווען פֿאַרשלאָסן און האָבן ניט

אָפּגעשפּיגלט די געדאַנקען. די מענטשן האָבן זיך געשווינד געביטן. קײן אײן פּנים האָט זיך ניט אײַנגעקריצט אין זכּרון.

ביז צו דער לעצטער סטאַציע איז רעגינע געבליבן אַלײן און מיט איר די רעקלאַמעס אויף די װענטלעך פֿון אויטאָבוס. דאָס זענען געװען בונטע רעקלאַמעס װעגן חתונה־זאַלן צום פֿאַרדינגען, װעגן נײַ מעבל, נײַע טעפּעכער און רײַזעס קײן אויסלאַנד. רעגינע האָט זײ אַלע איבער־געלײענט, װי דאָס װאָלט זי צום מערסטן אינטערעסירט. אין דער אמתן האָט זי ניט געװוּסט אויף װאָס זי קוקט, װאָס זי לײענט. זי האָט אַפֿילו ניט געפֿילט װי דער אויטאָבוס איז געבליבן שטײן אויף דער לעצטער סטאַציע. דער שאָפֿער האָט איר אײדל געמאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז זי דאַרף אויסשטײַגן.

✶

װען רעגינע איז אַרײַנגעקומען אינעם צימער פֿונעם ניפֿטר, האָט זי שוין דאָרטן געטראָפֿן מענטשן. זי האָט זיך מיט זײ ניט באַגריסט און זיך גלײַך אַװעקגעזעצט אויף אײנעם פֿון די פֿרײַע שטולן. רעגינע האָט זיך געפֿילט געענגט. ניט געװוּסט װאָס צו טאָן מיט די הענט, װוּ אַהינ־צוטאָן די אויגן.

עמעצער פֿון די בײַװוינזנדיקע, אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט שטיל געװײנט. דאָס געװײן איז געװען פֿאַראײנזאַמט און ביסלעכװײַז איז עס אויסגעגאַנגען.

אויף אַ טישל, לעבן אַרײַנגאַנג, זענען געלעגן בלומען. אַ יונגע פֿרוי, אַ שכנה, האָט געבראַכט אַ גלעזערנע װאַזע מיט װאַסער און די װאַזע אַװעקגעשטעלט לעבן אָרון װי זי װאָלט געמאַכט געװאָרן פֿון לופֿט און ניט פֿון גלאָז. דערנאָך האָט זי אויך אַזױ שטיל אָפּגעװיקלט דאָס פּאַפּיר פֿונעם בוקעט און די בלומען אַרײַנגעשטעלט אין װאַסער.

דאָס פֿענצטער איז געװען פֿאַרמאַכט און די פֿאַרהאַנגען צונױפֿ־גערוקט. צװײ ברענענדיקע ליכט האָבן זיך געראַנגלט מיטן ביסל טאָג־ליכט װאָס איז אַרײַנגעדרונגען דורך די פֿאָרהאַנגען.

רעגינע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום בײַטל, געװאָלט אַרויס־

נעמען אַ פּאַפּיראָס און זיך פֿאַרהאַלטן. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלעמענס בליקן זענען אָנגעשטעלט אויף איר. זי האָט זיך ניט דערוועגט אַ ריר צו טאָן. פֿון זיצן אין אַזאַ געצוווּנגענער פּאָזיציע האָבן איר אָנגעהויבן ווײ צו טאָן די פֿיס.

רעגינע האָט געקוקט אויפֿן אָרון, אויף די צוויי ברענענדיקע ליכט פֿון וועלכע ס׳האָט אַראָפּגעטריפֿט דער הייסער חלב און איז גלײַך פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

דער טויט האָט געשטעקט אין דער שטילקייט, צווישן די בלומען, וואָס די יונגע שכנה האָט אַוועקגעשטעלט, אין די ליכטפּלעמלעך, אין די אויגן פֿון די פֿאַרזאַמלטע. אויך אין איר באַוווּסטזײַן איז ער אַרײַנגעדרונגען. רעגינע האָט אָבער איר צעבראָכנקייט פֿאַרבאָרגן.

זיצנדיק דאָ, לעבן ניפֿטר, איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דער בריוו, וואָס זי האָט געשריבן, האָט לחלוטין ניט אָפּגעשפּיגלט אירע אמתע געפֿילן צו אים. ער איז פֿאַר איר געווען אַ סך מער ווי אַ „ווײַטע דערמאָנונג”. ווען עס געפֿינען זיך ניט דאָ אַזוי פֿיל פֿרעמדע מענטשן, וואָלט זי עס איצט געזאָגט...

די צײַט האָט זיך געשלעפּט ביז חלשות. פֿאַר וואָס עפֿנט מען ניט דאָס פֿענצטער? פֿאַר וואָס שווײַגן אַלע און זיצן צוגעפֿרוירענע צו זייערע ערטער?

ענדלעך האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס זענען אַרײַנגעקומען פֿיר מענער אַרויסצוטראָגן דעם אָרון. רעגינע איז די ערשטע אויפֿגעשפּרונגען. די מענטשן האָבן זי אָנגעקוקט מיט פֿאַרוואָרף, וואָס זי אײַלט זיך אַזוי. רעגינען האָט עס אָבער ניט געאַרט, אַבי זי איז אויסגעלייזט געוואָרן פֿון דער שטיקנדיקער שווײַגעניש, אַרויס אין דרויסן, אויף דער פֿרישער לופֿט ווו מען קאָן הערן דעם רעש פֿון גאַס, פֿון אויטאָס, פֿון מענטשן.

צום בית־הקברות איז מען געפֿאָרן אין אויטאָס. רעגינע האָט געדונגען אַ באַזונדערן אויטאָ, ניט געוואָלט זיך אויסמישן מיט די אַלע אַנדערע באַגלייטערס.

דאָס איז געווען בײַ טאָג. איצט איז נאַכט. רעגינע ליגט אין בעט און קאָן ניט אײַנשלאָפֿן. אין דרויסן האָט גענומען רעגענען. דאָס איז געווען דער ערשטער ווינטער־רעגן. די טראָפּנס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער די טונקעלע שויבן און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דער נאַכט.

רעגינע האָט אויפֿגעשוידערט. דאָרט, ערגעץ הינטער דער שטאָט, האָט מען הײַנט אָנגעשאָטן אַ פֿריש בערגל. איצטער דרינגט דאָס רעגן־וואַסער אַרײַן און וועט אויסנעצן אַלץ וואָס די ערד האָט צוגעדעקט.

זי האָט ווידער גענומען די פֿאַרגעלטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער אַלטער היים און געוואָלט אָפּזוכן זײַן יונג פּנים און פּונקט ווי פֿריִער איז עס איר ניט געראָטן.

אויפֿן בילד זענען אַלע בחורים ענלעך געווען איינער צום אַנדערן, אַלע אָנגעטאָן אין דרײַ־פֿערטלדיקע טונקעלע רעקלעך און אין שטײַפֿע, הויכע קעלנער פֿון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעשטאַרצט די קעפּ. אַ שוואַרץ, אומעטיק קרענצל. שטענדיק קומען זיי צוזאַמען, שטענדיק שטייען זיי צוזאַמען. זייער קרײַז אַרום איר פֿאַרשמעלערט זיך, ווערט ענגער און הויכט אָן אַ קאַלטן אָטעם, וואָס פֿאַלט אויף אירע אויגן און שלייפֿן. זיי שווימען ערגעץ אָפּ און זי מיט זיי, ביז זי בלײַבט ווידער אַליין. זיי זענען פֿאַרבײַ, צוריק אײַנגעזונקען אין די טיפֿענישן פֿון דער פֿאָטאָ־גראַפֿיע.

רעגינע האָט געוואָלט נעמען נאָך אַ פּאַפּיראָס, נאָר דאָס שאַכטל איז געווען פּוסט. איר בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן שטומען געלעכטער פֿונעם האַלץ־געשניצטן נעגער־קעפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן שאַפֿ־קעלע, לעבן דעם לאָמפּ. זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און זיך אָנגעטראָפֿן אויף איר מאַנטל, וואָס איז געהאָנגען בײַ דער טיר מיט אַראָפּגעלאָזטע אַרבל.

רעגינע האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ. אַלע זאַכן און חפֿצים האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט חושך. בלויז דאָס שטילע געוויין פֿונעם רעגן האָט געציטערט אויף די שויבן.

מידבר

א

האָט אַ בליץ אין בוים געטראָפֿן

אין נגבֿ, בײַ אַ וואַדי, האָט אַ בליץ אין אַ בוים געטראָפֿן. אַ בוים אַן איין־און איינציקער מיט לישײַען באַדעקט, מיט קאָלטנס באַהאָנגען. קאָלטנס שטעכיקע, וואָס האָבן זיך האַרטנעקיק ווינט און זון אַנטקעגנגעשטעלט און אונטער דיקער שאָלעכץ אויסגעטראָגן דאָס ביסל זאַפֿט פֿאַרן קיום.

האָבן ווינטן זיך בייזע צעבלאָזן. געווירבלט מיט זאַמדן אויף מײַלן און מײַלן. פֿון איין אָרט געשלעפּט זיי, אויף צווייטן געוואָרפֿן. אַפֿילו דעם הימל מיט זאַמדן פֿאַרדעקט. האָט הימל מיט דונער געענטפֿערט. האָט הימל מיט בליץ אָפּגעצאָלט. און דער בליץ האָט אין בוים געטראָפֿן, אין דעם איין־און־איינציקן בוים בײַ דער וואַדי.

האָט בוים פֿונעם קלאַפּ זיך צעטרייסלט. געגעבן אַ זעץ זיך אַראָפּ, אַ שטעל אויף און אָנגעהויבן ברענען. מיט אַ מאָל האָט דער בראַנד אַרומגענומען אַלע צווײַגן. די פֿײַערצונגען האָבן געלעקט דעם שטאָם און ביז צו די וואָרצלען זיך אַראָפּגעלאָזט. די פֿלאַמען האָבן זיך פֿאַרכלייניעט מיטן רויך, אויסגעשפּיגן, אַ פֿלאַקער געטאָן און ווידער זיך פֿאַרקײַכט מיט אַ נײַעם קנויל און דער בוים האָט געפֿלאַקערט, געפֿלאַקערט.

ב

אין אַ נאַכט פֿון חסד און רחמים

אין נגבֿ. אין אַ נאַכט פֿון חסד און רחמים, ווען אַלץ האָט גערוט

און געדרימלט: דער יאַשטשער אין שפּאַלט פֿון ערד, די שלאַנג צווישן קוסט, דער רויבפֿויגל אין אויפֿריס פֿון אַ סקאַלע, ווען ווינט האָט געקילט ערד און שטיין און שטויב פֿון די שטערן, האָט אַ גרויסע, פֿולע לבנה זיך אויסגעשיילט, אָפּגעטיילט פֿון איר רויטלעכער שאָלעכץ און איז פּאַמעלעך אויפֿגעגאַנגען צום מיטן הימל אַ בלייכע, אַ געלײַטערטע. אויפֿגייענדיק האָט זיך איר ליכט אין אַ בערגל זאַלץ פֿאַרטשעפּעט און דעם זאַלצגליווער צערודערט. די ברילעס האָבן דאָס מאָטע לבנהליכט אין זיך אײַנגעזויגן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט פּלאַצן אַלע זאַלצהויטן און דאָס בערגל וועט ענדלעך צוריק מענטש ווערן. נאָר פּלוצעם האָט זיך אַ שאָקאָל צעוויעט. די לבנה, דערשראָקן, האָט איר פּנים הינטער אַ באַרג פֿאַרהוילן און ווער ווייסט וויפֿל הונדערטער יאָרן דאָס בערגל זאַלץ וועט נאָך דאַרפֿן וואַרטן אויף אַזאַ נאַכט פֿון חסד און רחמים?

ג

דאָס קעמל און די שלאַנג

אין נגב, איז אַ קעמל מיט אַ פֿוס אין אַ שלאַנגענגעסט פֿאַרקראָכן. פֿון צווישן דעם זאַמדאָנשיט האָט זיך באַוויזן די שלאַנג. קעמל און שלאַנג האָבן זיך אָנגעקוקט. געמאָסטן דעם מרחק צווישן זיך און די גרייס פֿון דער סכּנה.

די שלאַנג איז מיטן אונטערשטן האַלבן גוף געלעגן צונויפֿגעדרייט, נאָר דעם אייבערשטן חלק געהאַלטן אויסגעצויגן אין דער לופֿט. איר געל־ברוינע הויט איז געווען אויסגעשמירט מיט זאַמד און אינעם גלי פֿון זון, געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זי וואָלט באַדעקט געווען מיט אַ שיכט פֿון ניט געשליפֿענעם גלאָז. דאָס פֿאַרשפּיצטע קעפּל האָט אַרויסגעוויזן סימנים פֿון אויפֿרייצונג. זי האָט בייז געבלאָזן און געצישעט. דאָס צינגל האָט אָן אויפֿהער אַרומגערודערט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט עס זיך אויסציִען, ווערן לאַנג און לענגער ביז עס וועט צום קעמל דערגרייכן און מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַדורכשטעכן זײַן פֿלייש און אַרײַנלאָזן דאָרט דעם געלבלעכן גיפֿט.

דאָס קעמל האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿונעם שלאַנגס צינגל. זײַנע שווערע, באַהאָרטע פֿיס האָבן ניט געקאָנט אײַנשטיין. ער האָט זיך עטלעכע מאָל פֿאַרויסגערוקט, פֿאַרמאַסטן און זיך צוריקגעצויגן. די מאָרדע און נאָזלעכער האָבן אומרויִק געצוקט. פֿון זיי איז גערונען אַ ווײַסלעכער גאַווער.

די לופֿט צווישן קעמל און שלאַנג איז געווען מער אָנגעגליט, ווי די לופֿט פֿון די אַרומיקע זאַמדיקע פֿלאַכן. עס האָט זיך דערפֿילט דער ריח פֿון בלוט.

פֿון די בערג איז אָנגעפֿלויגן אַ רויבפֿויגל. דער שאָטן פֿון זײַנע מעכטיקע פֿליגל איז געפֿאַלן אי אויפֿן קעמל אי אויף די שלאַנג. ס׳האָט אַ ווייַע געטאָן מיט פּחד. דער רויבפֿויגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע אַרומגעקרײַזט....

אין דער נאַכט אויף שמירה

מען האָט זיי געבראַכט מיט אַ מיליטערישן לאַסטאויטאָ און אַראָפּ־געלאָזט צום פּונקט ווו זיי האָבן געדאַרפט שטיין אויף שמירה אַרום אַ פאַרקלאַפּט און פאַרחתמעט הויז פול מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און אַנדערע כלי־משחית.

ס׳איז געווען ערב נאַכט.

אַ מאָל איז דער פּונקט געווען אַ באַנסטאַציע. איצט האָבן די רעלסן געזשאַווערט און אין ערגעץ ניט געפירט. די עטלעכע סטאַציע־בנינים, געבויטע פון גרויסע, געטעסעטע שטיינבלאָקן זענען אין דער אמתן שוין אויך געווען חורבות: אָן דעכער, אָן טירן, אָן שויבן. די פענצטער פון אונ־טערשטן גאָרן — צום טייל מיט ציגל און דיקט פאַרלייגט. די אייבערשטע האָבן זיך געטונקלט מיט אויפגעריסענע לעכער. דורך זיי האָבן אָן אויפהער אַרומגעפלאַטערט ווילדע, טונקל־ברוינע טויבן און פייגל. די אַריין און די אַרויס און אַלץ מיט געפילדער, מיט אומרו פון אָנקומענדיקער נאַכט.

די דרויסנדיקע שטיינווענט פון די הײַזער האָבן זיך געהאַלטן פעסט. אינעווייניק אָבער האָט זיך אַלץ געקרישלט און פונאַנדערגעפאַלן: די באַלאַטן פון דיל אַרויסגעריסן, דער קאַלך פון די ווענט אָפּגעשיילט. דאָרט ווו דער טינק האָט זיך נאָך געהאַלטן, האָט מען געקאָנט אָנזען פרימיטיווע קוילגעמעלן פון נאַקעטע פרויען. די האַנט וואָס האָט געצייכנט אָט די בילדער, האָט זיך געפלײַסט און מיטן זעלבן קויל צוגעשריבן עטלעכע געפעפערטע פירושים.

אינעם טונקעלן רוים פון דער חורבה זענען געשטאַנען צוויי אײַזערנע

בעטלעך מיט צוויי צעפּוילטע מאַטראַצן, אַ קעסטל פֿון מאַראַנצן, אויף אים אַ פֿעלד־טעלעפֿאָן און דערבײַ אַ מיליטעריש נאַפּטלעמפּל.

אַזוי האָבן אויסגעזען דאָס אָרט און די באַדינגונגען ווו די צוויי רעזערוויסטן — יצחק, אַ ייִד פֿון מאַראָקאָ, בײַ די פּופּציק, און מיכאל, אַן עטלעכע און דרײַסיק־יעריקער בחור פֿון רומעניע — האָבן געדאַרפֿט אָפּדינען זייערע איין־און־צוואַנציק טעג.

✶

די נאַכט איז גיך צוגעפֿאַלן. מען האָט זיך געמוזט צואײַלן אָנצוצינדן דאָס נאַפּטלעמפּל, פֿונאַנדערצושפּרייטן די פּאָר מיליטערישע קאָלדרעס אויף די קויטיקע מאַטראַצן, איידער מען לאָזט זיך אַרויס אויף שמירה. דאָס לעמפּל אָבער האָט זיך ניט אָנגעצונדן. די קנויט איז געבליבן שטעקן און זיך ניט אַרויפֿגעדרייט. מען האָט געדאַרפֿט אויסזוכן אַ שטיקל דראָט און מיטן דראָט אונטערהייבן די קנויט.

פֿון אַ ווינקל האָט מיכאל אַרײַנגעבראַכט אַ פּעקל אַלטע, פֿאַרגעלטע צײַטונגען און מיט אַ שוועבעלע זיי איינציקווײַז אָנגעצונדן. בײַם ליכט פֿונעם ברענענדיקן פּאַפּיר האָט יצחק אויסגעזוכט אַ שטיקל דראָט. מיט גרויס מי און מאַטערניש איז אים געראָטן אַרויסצוציִען די קנויט און ווי ניט איז אָנצינדן דאָס לעמפּל.

איידער זיי האָבן באַוויזן פֿונאַנדערצושפּרייטן די קאָלדרעס, האָט זיך דער טעלעפֿאָן צעקלונגען. דאָס קלינגען איז געקומען אומדערוואַרט און האָט צעוויגט די לופֿט מיט דער שאַרפֿקייט פֿון קלונג. מיכאל האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרײַבל. אַ יונגע פֿרויענשטים האָט געפֿרעגט:

— שוואַרצע ערד?!

מיכאל האָט זיך ניט געכאַפּט גלײַך וואָס זי פֿרעגט, געמיינט, אַז ס'איז אַ טעות און געוואָלט אַוועקלייגן דאָס טרײַבל, באַלד זיך אָבער דערמאָנט, אַז „שוואַרצע ערד" איז דער פּאַראָל, וואָס מ'האָט זיי איבער־געגעבן, איידער מען האָט זיי פֿון דער מיליטערבאַזע אַהערגעשיקט, האָט ער זיך צוגעאײַלט און אָפּגעענטפֿערט:

— יאָ, יאָ, שוואַרצע ערד!

— איז אַלץ אין אָרדענונג ?!

מיכאל האָט זיך אַרומגעקוקט: דאָס נאַפּטלעמפּל האָט קוים, קוים געלויכטן; אַ ווינטל איז אַרײַנגעדרונגען דורך דעם אָנטיריקן אַרײַנגאַנג, דורך די פֿענצטערלעכער און האָט אונטערגעהויבן די שטיקער פּאַפּיר, וואָס האָבן נאָך געצאַנקט אויפֿן בעטאָנענעם דיל. די לופֿט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ פֿאַרסמאַליעטן ריח און מיט שטיקער צעפֿלויגענער פֿינצטערניש; יצחק איז געזעסן אויפֿן בעטל און מיטן ברעג פֿון זײַן מיליטערישער בלוזע געווישט זיך די הענט פֿון נאַפֿט און סאַזשע.

— אין אָרדענונג! — האָט ער געענטפֿערט און ס׳איז אים אַ שאָד געווען וואָס די זעלנערקע האָט אַזוי גיך אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

✶

די סוף־זומערדיקע לופֿט פֿאַר דער שוועל איז געוואָרן קילער און קילער. די טויבן האָבן נאָך געוואָרקעט אין זייערע באַהעלטענישן, נאָר אויך זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז די דרײַ אַלטע עקאַליפּטוסן, וואָס זענען געשטאַנען געבויגן איינער צום אַנדערן, האָבן ניט אויפֿגעהערט צו רוישן שטיל און אײַנגעהאַלטן. פֿון צײַט־צו־צײַט האָבן זיי פֿאַרלוירן אַ בלאַט, אַ צווײַגל, די בלעטער און צווײַגלעך האָבן זיך געוואַלגערט צוזאַמען מיט די בלעכן, געהילץ און אײַזנבראָך, וואָס זענען געלעגן אַרום די עטלעכע בנינים.

מיכאל האָט דעם עוזי מיט דער קוילן־לאַדונג אַוועקגעלייגט נאָענט פֿון זיך, אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך פֿון די פֿיס און זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעטל. די בעטאײַזנס האָבן זיך צעקרעכצט פֿון דער משׂא.

יצחק, דערקעגן, האָט זיך ניט געאײַלט אַרויפֿצוקריכן אויפֿן בעט. ער האָט אַרויסגעגראַבלט פֿון זײַן זעקל עטלעכע האַרטע אייער, אַ סלאָיִק מיט גרינע איילבערטן, אַ האַלבע פּיתּה און עפּעס אַ גערויכערט פֿלייש, וואָס זײַן ווײַב האָט אים נאָך מיטגעגעבן פֿון דער היים. ער האָט דאָס אַלץ צעשטעלט אויף אַ צײַטונג און מיט אַ ברייטער האַנט־באַוועגונג פֿאַרבעטן מיכאלן צו דער סעודה. מיכאל האָט ניט געהאַט קיין חשק צום עסן און

אָפּגעדאַנקט מיט אַ קוים־באַמערקטן שמייכל. ער האָט פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און טיף אײַן זיך אַרײַנגעצויגן דעם רויך.

ביז צו דער שמירה איז נאָך געווען עטלעכע שעה. מען האָט געקאָנט כאַפּן אַ דרימל, נאָר דער שלאָף איז ניט געקומען אַזוי געשווינד. דעם קליינעם פֿלעמל פֿונעם לעמפּל איז שווער געווען אויסצוטראָגן די משׂא חושך, האָט עס זיך געבויגן, געוואָלט אויסגיין.

יצחק האָט געגעסן מיט גרויס חשק. די הענט און ליפּן האָבן אים געגלאַנצט פֿון פֿעטקייט. אויך די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט. זאַט געוואָרן, האָט ער זיך אַרומגעוויקלט מיט די קאָלדרעס און איז גלײַך אײַנגעשלאָפֿן.

מיכאל איז געבליבן פּלוצעם אַליין. דאָס פֿלעמל האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אויסגעגאַנגען. ערגעץ נאָענט האָבן זיך קעץ צעשלאָגן. אויפֿן דערבײַיִקן שאָסיי זענען אַדורכגעלאָפֿן מיט אימפּעט עטלעכע פּאַנצער־אויטאָס פֿונעם גרענעץ פּאַטראָל. דאָס ליכט פֿון די אויטאָ־פּראָזשעקטאָרן האָט אויף אַן אויגנבליק באַלויכטן דאָס פֿאַרוואָקסענע פּנים פֿונעם שלאָפֿנדיקן און גלײַך איז ווידער פֿינצטער געוואָרן.

יצחק האָט אָנגעהויבן שנאָרכן. דאָס שנאָרכן איז געקומען מיט הפסקות. אַ מאָל שטאַרקער, אַ מאָל שוואַכער, אויפֿגעהערט, כּדי אין אַ מינוט אַרום ווידער זיך צו באַנײַען. די געשרייען פֿון די קעץ האָבן זיך איבערגעחזרט. איצט אָבער זענען זיי געקומען פֿון אַ מהלך־ווײַט.

✶

די פֿינצטערניש האָט פֿאַרשלונגען דעם גאַנצן אַרום. מיכאל האָט מורא געהאַט צו בלײַבן אויג־אויף־אויג מיטן חושך. דער חושך טוט אים אַלע מאָל צוריקשלעפּן צו יענער בלינדער נאַכט אין ניט־געהייצטן באַראַק פֿון טראַנסניסטרישער פֿאַרשיקונג:

ער איז אַ קינד פֿון פֿינף יאָר און לעבן אים, צוגעטוליעט, זײַן מאַמע. זי שיצט אים און וואַרעמט אים קעגן דער קעלט, וואָס בלאָזט דורך די שפּאַרונעס און לעכער פֿון די דינע האָלצווענט, נאָר דעם הונגער קאָן זי ניט פֿאַרטרײַבן. די לעצטע קרישקעס פֿאַרן לעצטן פֿאַרקויפֿטן חפֿץ האָבן זיי שוין פֿון לאַנג אויפֿגעגעסן.

דער קלײנער מיקי װײנט ניט מער. ער באַקלאָגט זיך נאָר מיט אַ שװאַך קול, אַז אין בויך ליגט אים אַ קאַלטע קאַץ װאָס װיל עסן. די קאַץ שפּרינגט אים דאָרט אַרום. ער פֿילט זי יעדער מאָל שטאַרקער. ער נעמט דער מאַמעס האַנט און לײגט זי אויף זײַן בויך. די מאַמע איז אַזוי נאָענט און דאָך זעט ער זי ניט. צװישן אים און איר ליגט די נאַכט. בלויז אירע טרערן פֿילט ער. זײ באַנעצן אים דאָס פּנים, כאָטש ער הערט ניט איר געװײן.

פּלוצעם איז די מאַמע אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער דעם הויפֿן שמאַטעס. מיקין האָט זיך אויסגעװיזן, אַז זי האָט אים איבערגעלאָזט און װעט זיך שוין צו אים ניט אומקערן. ער האָט געװאָלט שרײַען, זי רופֿן, נאָר ער האָט ניט געהאַט קײן כּוח דאָס מויל צו עפֿענען.

די מאַמע האָט אים אָבער ניט פֿאַרלאָזט. זי איז צוריקגעקומען אַן אָפּגעשװאַכטע, אַן אויסגעקילטע און אים געשטופּט עפּעס אין מויל אַרײַן:

— נעם, קינד מײַנס, װעסט פֿון דעם אײַנשלאָפֿן און ניט פֿילן מער קײן הונגער — האָט זי אים געשעפּטשעט אין אויער אַרײַן מיט אַ געבײטענער שטים, פּונקט װי זי װאָלט זיך געהיטן, אַז עמעץ קאָן דערהערן.

מיקי האָט געמײנט, אַז די מאַמע האָט אים פֿון ערגעץ עסן געבראַכט און ברײט דאָס מויל צעעפֿנט, אָבער דאָס, װאָס די מאַמע האָט אים אַרײַנגעשטופּט, איז געװען אַזוי ביטער, אַז נאָך דעם ערשטן שלונג האָט ער עס גלײַך אויסגעשפּיגן. מחמת דער פֿינצטערניש האָט זי ניט באַמערקט װאָס ער טוט און אים װידער צוגעטראָגן צום מויל אַ נײַע פּאָרציע. ער האָט אַװעקגעדרײט דעם קאָפּ און אָפּגעשטופּט אירע הענט. אירע פֿינגער האָבן אויף אים אָנגעװאָרפֿן אַ שרעק. זײ זענען געװען פֿאַרשטײַפֿט און האַרט. ער האָט זײ ניט דערקענט.

— אויך איך האָב דאָס אײַנגענומען און װעל באַלד אײַנשלאָפֿן. עפּן ס׳מײַלעכל, עפּן — האָט זי זיך בײַ אים געבעטן און די טרערן זענען בײַ איר גערונען און גערונען — — —

װען מיקי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז זײַן מאַמע ניט געװען לעבן אים.

ער האָט זי שוין קיין מאָל ניט געזען. פרעמדע מענטשן האָבן אים צוגעטוליעט און צווישן פרעמדע קינדער איז ער געוואַקסן — — —

✶

מיכאל איז אַראָפּ פון בעט. די דערמאָנונגען האָבן אים אַראָפּגעיאָגט. ער האָט גענומען רײַבן איין שוועבעלע נאָכן אַנדערן. די אָנגעצונדענע שוועבלקעפּלעך זענען אָבער ניט בכוח געווען צו פאַרטרײַבן ניט די זכרונות און ניט די פינצטערניש. ער האָט שוין טויזנטער און טויזנטער מאָל געזען די בילדער פון יענער ווײַטער נאַכט. כוואַליעווײַז זענען זיי צוריקגעקומען און אים פאַרשווענקט ביז אָטעם־פאַרכאַפּ, ביז ווייטיק. אויף די שוואַרצע וואַסערן פון זכרון זענען יעדער מאָל אַרויפגעשווומען נײַע פרטים און מיט קאַלטער אײַנגעעקשנטקייט אים אַראָפּגעשלעפּט צום אָפּגרונט פון זעלבסטפּײַן:

אָט דערמאָנט ער זיך אין דער מאַמעס נאַכט־מלבוש, וואָס זי האָט אין יענער נאַכט געטראָגן. אַ צעריסן, אויסגעשמירט קלייד איז דאָס געווען. זי האָט אין דעם געהאַט אַרײַנגענייט אַן אַרבל פון אַ צווייטער קאָליר, ווײַל דאָס קלייד (וואָס עמעצער פון די פאַרשיקטע האָט איבער־געלאָזט, אָדער פאַרגעסן אין באַראַקל) איז געווען אָן אַן אַרבל. ער געדענקט די קאָלירן: איין אַרבל גרוי (ווי דאָס גאַנצע קלייד) און אײנס בלוי (דאָס וואָס די מאַמע האָט געהאַט צוגעשטוקעוועט). ער דערמאָנט זיך אַפילו דעם קלאַנג פון איר שטים, נאָר די אויגן, דאָס פּנים האָט זיך ניט פאַרקריצט אין זכרון און דאָס האָט אים געמאַטערט מער פון אַלץ.

דאָס מלבוש זעט ער, די שטים הערט ער, נאָר דאָרט ווו דער קאָפּ דאַרף זיך געפינען איז שטענדיק אַ פלעק. אַ טונקעלער פלעק און מער גאָרניט. צו אָט דעם שוואַרצן פלעק האָט ער טענות און תרעומות הלמאַי זי האָט זיך דאָס לעבן גענומען און אים גאָרניט געזאָגט, אים גאָרניט געפרעגט. הלמאַי זי איז פון אים אַוועק, מיטגענומען אירע פּנים־שטריכן און געלאָזט אים אַליין.

ער ווייס ס׳איז אַן אומזינען אַזוי צו טראַכטן. ער איז נאָך דעמאָלט צו קליין געווען צו פאַרשטיין וואָס הייסט מלחמה, היימלאָזיקייט, קעלט

און הונגער. דאָך האָט ער זיך אין גערדאַנק מיט איר מתוּוכח געווען, געאַמפּערט, געפּאָדערט תּשובה, נאָר דער שוואַרצער פּלעק פֿון איר פּנים איז געבליבן פּלעק און קיין ענטפֿער ניט געגעבן...

שפּעטער שוין, בײַ די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרײַנגענומען צווישן זייערע אייגענע קינדער און צוזאַמען מיט זיי, אים דערצויגן, האָט ער אַ לאַנגע צײַט אָפּגעשטויסן די ליבשאַפֿט פֿון זייער מוטער, מורא געהאַט פֿאַר איר גלעט, פֿאַר איר בליק.

אין קרײַז פֿון אירע קינדער האָט ער זיך אויסגעלערנט צוריק צו לאַכן, צוריק אַ שטיף טאָן און די מורא איז ביסלעכווײַז צערונען. דער סוד פֿון יענער נאַכט איז אָבער טיף אין אים פֿאַרבליבן. מיכאל האָט זיך מיט קיינעם ניט געוואָלט און געקאָנט טיילן. עס האָט זיך אים שטענדיק אויסגעוויזן, אַז ער לעבט על־פּי טעות און וועט עס אין איינעם פֿון די טעג דאַרפֿן אָפּגעבן ווי אַ ניט־באַצאָלטן חוב.

דאָס געפֿיל איז אַלע יאָרן מיט אים מיטגעגאַנגען, אַ מאָל איז עס געווען שטאַרקער, אַ מאָל — שוואַכער. אין גאַנצן צו באַפֿרײַען זיך פֿון דעם איז אים ניט געראָטן, אַפֿילו ווען ער איז געקומען אַהער, אין לאַנד אַרײַן, ווו אַלץ איז אַזוי אַנדערש און נײַ.

די מלחמה־טעג פֿון חודש יוני האָבן אים ווידער געשטעלט פֿאַר אַ נסיון, איבערחזרנדיק די אַלטע שפּיל פֿון לעבן און טויט:

געווען איז דאָס אין די פֿרימאָרגן־שעהען. די זון איז נאָר־וואָס געהאַט אויפֿגעשטאַנען און אַרויס באַלײַכטן דעם הימל און די ערד. מיטן זונשפּראָץ האָבן האַרמאַטן און קוילן־וואַרפֿערס אָנגעהויבן צו דונערן. מיכאל איז געלעגן, צוזאַמען מיט אַנדערע זעלנער אונטערן דעק פֿון זאַמדזעק. ער געדענקט נאָך דעם שאַרפֿן ריח פֿון רויך און שטויב. ערגעץ ווײַט, אָדער נאָענט האָבן באָמבעס געפּלאַצט. ערגעץ ווײַט, אָדער נאָענט האָט די לופֿט געציטערט. באָמבן־שפּליטערס און קוילן זענען אַרומגעפֿלויגן און יעדער שטיקל אָנגעגליט אײַזן האָט געזוכט זײַן קרבן. בלינד איז געווען זייער פֿלי און בלינד — דער אויסקלײַב. איינער פֿון זיי האָט דערגרייכט צום זאַק וואָס האָט מיכאלס גוף באַשיצט. פֿונעם זאַק האָט געגומען פֿליסן

אַ דין שנירעלע. מיכאל האָט זײַן אויער צום זאַק צוגעלייגט און זיך אײַנגעהערט אין אומאויפֿהערלעכן זאַמדגערויש. דער זאַק האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעליידיקט, אײַנגעשרומפּט געוואָרן.

מיכאל האָט אַ צאַפּל געטאָן פֿאַר פֿרייד וואָס ניט ער, נאָר דער זאַק איז געטראָפֿן געוואָרן. וואָס ניט פֿון אים דאָס בלוט, נאָר דאָס זאַמד פֿון זאַק האָט אויסגעטריפֿט...

דאָס אָבער געהערט שוין אויך צום אַמאָל. איצט איז נאַכט און ער פֿילט זיך דאָ, אויף דער פֿאַרלאָזענער באַנסטאַציע מיטן אויפֿרײַס־מאַטעריאַל אינעם פֿאַרפּלאָמבירטן הויז, ווי ער וואָלט אָנגעקומען צו זײַן לעצטן לעבנספּונקט און יעדער מינוט קאָן דאָס אויפֿרײַס־מאַטעריאַל צעשפּרינגען און זײַן קערפּער וועט בלײַבן אונטער דעם שווערן שטיינ־בראָך פֿון די עטלעכע סטאַציע־בנינים. בלויז דער דינער טעלעפֿאָן־דראָט האָט אים נאָך צונויפֿגעבונדן מיט דער ברייטער וועלט. מיכאל האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן צום טעלעפֿאָן, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געווען דער איינציקער מיקלט...

ער האָט גענומען דאָס טרײַבל, נערוועז אַ דריי געטאָן דאָס הענטל און אַ באַגאָסענער מיט שווייס זיך זשעדנע אײַנגעהאָרכט. פֿון יענער זײַט האָט זיך בלויז געהערט אַ לאַנג זשומעניש. דאָס זשומען האָט פּריקרע געהודזשעט אין די אויערן.

מיכאל איז לאַנג נאָך געשטאַנען און צום סוף אַ רעזיגנירטער צוריקגעלייגט דאָס טרײַבל. ער האָט זיך געפֿילט אָפּגענאַרט, מיד און פֿאַרלאָזן.

אַרום דער חורבה האָבן הונדערטער און הונדערטער ליכטער גע־מיניעט פֿרידלעך און באַרוט פֿון די ניט־ווײַטע בערג־יישובים, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל קיין מלחמה ניט פֿאַרזוכט...

אין אַ צעשטורעמטער נאַכט

לויטן לוח איז שוין געווען יאַנואַר, נאָר דער הימל האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין איין וואָלקנדל, וואָס זאָל אָנדײַטן אויף אַ רעגן. די זון האָט פֿראַנק און פֿרײַ געוואָנדערט אַ צעהעלטע און אַ צעוואָרעמטע איבערן הימלבלוי. די פֿאַרזייטע פֿעלדער מיט ווינטער־תּבֿואה האָבן זיך געשפּרייט אין זייער טונקעלער נאַקעטקייט אַנטקעגן דעם זונקײַלעך מיט צעפּלאַצטע ערדגרודעס.

די מושבֿניקעס האָבן געהויבן די קעפּ צום הימל, געגאַנגען צום ראַדיאָ הערן דעם וועטער־באַריכט. סײַ דער הימל און סײַ די באַריכטן האָבן אַנטוישט. ערשט אין מיטן פֿעברואַר האָט דאָס וועטער אויפֿגעהערט צו מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַ פֿרי־געוואָרענעם זומער און מיט רוגזה זיך צעפּליוכעט מיט לאַנג דויערנדיקע רעגנס.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון צעשטורעמטן דרויסן, ווען די לופֿט איז אָנגעפֿילט געווען מיט עלעקטרישער שפּאַנונג פֿון בליצן און דונער־קנאַלן, איז מנחם ווײַב, רויזע, געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן צו די צוויי קראַנק־געוואָרענע אייניקלעך.

מנחם האָט זייער ניט ליב געהאַט צו בלײַבן אַליין אין זײַן רחבֿות־דיקער, דאָרפֿישער דירה. ווען דעדליק דער טאָכטערס בריוו האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן ווײַב וועט אַזוי גיך ניט אַהיימקומען. די טאָכטער שרײַבט: זאָל די מאַמע קומען, די קינדער זענען פֿאַרקילט, ניטאָ ווער ס'זאָל בלײַבן מיט זיי און זי קאָן זיך פֿון איר אַרבעט ניט באַפֿרײַען.

אין אָוונט, זיצנדיק בײַ דער טעלעוויזיע, האָבן אים ווידער די פּאָר

ווערטער אויפֿגעבראַכט: „...זאָל די מאַמע קומען, ווײַל איך קאָן זיך פֿון מײַן אַרבעט ניט באַפֿרײַען...“ — נו יאָ. דאָ, אין דאָרף ניט געוואָלט פֿאַרבלײַבן. איבערגעלאָזט דעם משק פֿאַרן אַלטוואַרג. דעם מאַן אין שטאָט אַרויסגעשלעפּט. דאָרט טוט זי אַלץ. אַז די קינדער ווערן קראַנק, דאַרף מען די מאַמע און דאָ מעג די ווירטשאַפֿט אונטערגיין.

די בילדער אויפֿן טעלעוויזיע־עקראַן האָבן זיך כּסדר געביטן. בײַ די ידיעות האָט דער ספּיקער איבערגעגעבן, אַז אין צפֿון פֿון לאַנד, האָבן דרײַ דיווערסאַנטן, אונטערן צודעק פֿון דער נאַכט, באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין איינעם פֿון די גרענעץ־דערפֿער און אונטערגעלייגט אויפֿרײַס־מאַטעריאַל, וואָס איז פֿאַרבונדן געווען מיט אַ זייגער־מעכאַניזם, אַרום בעטאָן־באַלקנס פֿון אַ הויז. דאָס הויז איז פֿאַר טאָג אויפֿגעריסן געוואָרן און באַגראָבן הינטער זיך אַ מאַמע מיט צוויי קינדער. דער פֿאָטער איז על־פּי־נס לעבן געבליבן. אין דער נאַכט איז ער געווען אויף שמירה. בעתן איבערגעבן די נײַעס, האָט מען געזען דאָס צעשפּרונגענע הויז, דעם פֿאָטער וואָס איז אויף שמירה געשטאַנען און זײַן ווײַב און קינדער מיטן ביסל האָב־און־גוטס, ניט געקאָנט פֿאַרהיטן.

מנחם האָט געקוקט אויף דעם יונגן פֿאָטערס פּנים, שוואַרץ פֿון רויך וואָס האָט נאָך געזעצט פֿון די חורבות, אַ צעבראָכענער פֿון דעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפֿן. געקוקט אויף די מענטשן וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים אַוועקגעשאַרט דאָס בראָכוואַרג, זוכנדיק די קרבנות און געפֿילט אַ שטיקעניש אין האַלדז, ווי דער רויך פֿון דעם צעשמעטערטן הויז וואָלט פֿונעם טעלעוויזיע־עקראַן אַרויסגעשוווּמען און זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט איבערן צימער.

נאָך די נײַעס איז מנחם געבליבן זיצן אַ שטיק צײַט אַרײַנגעקוועטשט אין אַ ווינקל פֿונעם ווייכן פֿאָטעל, ווי אויך ער וואָלט פֿאַרשאָטן געוואָרן אונטערן געהילץ און ציגלבראָך פֿון יענעם הויז און זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן פֿונעם אָרט. זײַנע בליקן האָבן זיך געצויגן צו דער קיכטיר און געזוכט רויזען, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז זי איז איצט ווײַט און וועט אַזוי גיך ניט צוריקקומען.

אויפֿן טעלעוויזיע־עקראַן האָבן זיך ווידער גענומען בײַטן די ביל־דער: אַ וועג ווערט געפּלאַסטערט, מע ציט וואַסעררערן און מען פֿאַר־טיקט אויס הײַזער אין אַ נײַעם ייִדישן ייִשוב. מנחם האָט אויף זיי געקוקט, געזען און ניט געזען. בײַ אים, אין מוח, האָבן אויפֿגעטויכט אַנדערע בילדער, וואָס האָבן אפֿשר יאָ און אפֿשר ניט געהאַט אַ שײַכות צו דעם וואָס די טעלעוויזיע האָט געוויזן. אים זענען פֿאַרבײַגעלאָפֿן די מראות פֿונעם ברענענדיקן געטאָ: דעכער קנאַקן אויף און זינקען אײַן. וואַנט נאָך וואַנט, טיר נאָך טיר צעפֿאַלט, ווערט אַש, רויך און פֿאַרעך... און ער, מנחם, פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גוי, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע גויִים, קוקן זיך צו שווײַגנדיק פֿון דער אַרישער זײַט ווי דאָס געטאָ גייט אויס אין פֿלאַמען.

די דערמאָנונגען ווערן באַגלייט פֿון שווערע רעגן־טראָפּנס אויף די נאַכטיקע שויבן און פֿון דונער־אויסבראַכן, וואָס דראָען אָט, אָט חרוב צו מאַכן די וועלט. אַ צאַרנדיקער ווינט רײַסט שטיקער פֿון דיביימער. די ביימער ווערן זיך מיט אַלע כּוחות. מנחם האָט זיך צוגעהערט צו זייער פֿאַרייִאושטן געראַנגל.

אין טעלעוויזיע האָט מען דערווײַל געלייענט פּסוקים פֿון תּנך. אַ לאַנגער טײַטל איז פּאַמעלעך אַרומגעגאַנגען איבערן פּאַרמעט און אָנ־געוויזן יעדן אות. מנחם האָט זיך שווער אונטערגעהויבן פֿונעם ווייכן פֿאָטעל און פֿאַרמאַכט די טעלעוויזיע. די נאַר וואָס געזעענע און גע־הערטע נײַס ווען אויפֿרײַס און די זכרונות פֿון די געטאָיאָרן האָבן אים מיד געמאַכט. ער האָט זיך דערפֿילט אַ סך עלטער ווי ער איז געווען.

מנחם האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט אין שלאָפֿצימער, אָנגעשטעלט דעם זייגער אויף פֿיר פֿאַר טאָג, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך אויפֿכאַפּן נאָך איידער דער זייגער וועט זיך צעקלינגען, אָבער אַזוי איז שוין די געוווינהייט פֿון יאָרן. דערנאָך צוגעגרייט דאָס בעט און געגאַנגען אין וואַשצימער. די אויגנטראָפּן זיך אַרײַנגעלאָזט, דעם ציין־פּראָטעז אין אַ גלאָז וואַסער אַרײַנגעלייגט און דאָס מויל אויסגעשווענקט.

נאָך אין וואַשצימער האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט פֿון

דרויסן ווײַטע, מענטשלעכע שטימען און אַ רעש פֿון אַן אויטאָ. די שטימען און דער רעש האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיטן רעגן און ווינט און מנחם האָט אויף דעם מער קיין אַכט ניט געלייגט. ווען ער האָט זיך געלאָזט צו דער וועראַנדע, אַרײַנצונעמען די אַרבעטסקליידער מיט די גומענע שטיוול, כּדי דאָס ניט צו טאָן אין דער פֿאַרטאָגיקער קעלט, האָבן ווידער זיך געלאָזט הערן פֿון דרויסן די קולות. דאָס מאָל נענטער און דײַטלעכער. עטלעכע מענער האָבן איבערגעשריען דעם רעש פֿון רעגן:

— לעזאזל! באַוויזן זיך אַרויסצודרייען...

— כ׳האָב אים געזען דאָ אַרײַנלויפֿן...

— ער האָט בײַ זיך געווער...

— ביסט זיכער?!

— נאָך ווי! אַ קאַלאַטשניקאָוו...

— וואָס טוט מען?

— מירן גיין פֿון הויז צו הויז...

— ס׳וועט ווערן אַ פּאַניק...

— אפֿשר ברענגען די הינט?

— לאָמיר נאָך פּרוּוון אים אַ פּלאָשע טאָן מיט ליכט...

— איכל געבן באַלײַכטונג פֿונעם דזשיפּ, און איר גייט פֿאָרויס. פֿאַרגעסט ניט — ער האָט געווער!

ס׳האָבן זיך געעפֿנט טירן. ערגעץ האָט זיך אַ קינד צעוויינט. עמעץ איז געלאָפֿן דורך אַ לוזשע. עמעץ האָט זיך פֿאַרהאַלטן. עטלעכע צע־שראָקענע שטימען האָבן געפֿרעגט:

— וואָס איז געשען?!

— מען זוכט אַן אַראַבער!

— אַן אַראַבער?!

— אַזוי זאָגן זיי...

— מיט חשיש?

— ניין. ווײַזט אויס אַ דיווערסאַנט פֿון יענער זײַט גרענעץ...

— און ווו זענען אונדזערע שומרים?!

— צוזאַמען מיט דער פּאָליציי!

דאָ און דאָרט האָבן זיך צעבילט די דאָרפּישע הינט. עטלעכע פרויען האָבן געררופן די מענער אומצוקערן זיך אין די הײַזער. טייל זענען צוריקגעגאַנגען און טייל — אַנגעשלאָסן זיך צו די שומרים און פּאָליציי. דער דזשיפּ איז פּאַמעלעך אָפּגעפּאָרן. די פּאָליציי און די שומרים האָבן זיך צעשפּרייט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. ביסלעכווײַז האָבן זיך די הינט אײַנגעשטילט, די טירן פֿאַרמאַכט, די ליכטער אויסגעלאָשן.

מנחם איז נאָך אַלץ געשטאַנען. אַ בלינדער כּוח האָט אים צוגענאָגלט צום אָרט און ניט געלאָזט עפֿענען די טיר, אַ קוק צו טאָן וואָס עס טוט זיך פֿאַר דער שוועל. אומגעזעענערהייט האָט ער זיי געזען, די מענטשן, ווי זיי נישטערן אין די קעמערלעך, שטאַלן, הינערשטײַגן און אונטער די בוי־מאַטעריאַלן מיט טאַשנלעמפּ אין די הענט. ווי די רעפֿלעקטאָרן פֿונעם דזשיפּ באַלײַכטן די ביימער־שורות פֿונעם פּרדס און שפּרינגען אַריבער צו די נאַסע פֿעלדער.

שפּעטער, אויפֿן געלעגער, ווען איבער אים זענען געהאַנגען די צויטן פֿונעם צעריסענעם שלאָף, האָבן מנחמס ליפּן ניט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן מיט אַ מין ביטערער פֿאַרטראַכקייט: — ווען וועט מען שוין לעבן אָן פּחד? און ניט געפֿילט ווי די מחשבות האָבן אים ווידער אַוועקגעטראָגן צו יענער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט:

אָט זעט ער זיך, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען אַן אויסגענעצטער, ווען ער איז אַריבער אויף דער אַרישער זײַט. אויך דעמאָלט האָט גערעגנט. אָט דעם שפּעטהאַרבסטיקן רעגן געדענקט ער נאָך איצט. קיין געלט האָט ער ניט געהאַט. וווּ צו גיין — ניט געוווּסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די גאַסן זענען געווען פּוסט. די קעלט האָט געשניטן און דער רעגן — געשמיסן. פֿון די הײַזער האָט געשלאָגן אַ ליכטיקע שײַן. יעדעס פֿענצטער האָט געצויגן און אָפּגעשטופּט. יעדע טיר איז געווען לעבן אָדער טויט. מען האָט געדאַרפֿט דעצידירן.

פּלוצעם איז זײַן בליק געפֿאַלן צו דער נידער. נעבן טראָטואַר, אין איינעם פֿון די הײַזער, האָט פֿון אַ קעלערשטיבל אַרויסגעבלישטשעט אַ

קוים־באַמערקטע שײַן פֿון אַ נאַפּטלעמפּל. אַט דער שוואַכער שײַן האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך. מנחם האָט זיך אַרײַנגעגליטשט אין טויער, פֿון טויער אין הויף און פֿון הויף צום אַראָפּגאַנג. ביז צו דער טיר האָבן געפֿירט אַ שפּאָר ביסל קרומע און צעסקריפּעטע טרעפּ. וואָס טיפֿער ער איז אַרונטער, אַלץ פֿינצטערער איז געוואָרן. מנחם האָט געשטעלט בלינדע טריט.

אונטן האָט זיך געפֿילט אַן איבלדיקער ריח פֿון שטשורעס און זויער־קרויט. עס זענען געווען עטלעכע טירן. מנחם האָט זיי אַלע אויסגעטאַפּט. ניט צו וויסן ווי אַזוי, האָט ער דאָך אין אַט דעם חושך אויסגעפֿינען די ריכטיקע טיר. ער האָט ניט אָנגעקלאַפּט, אַ קוועטש געטאָן די קליאַמקע און די טיר האָט זיך מיט אַ קוויטש צעעפֿנט. אין קאַרגן ליכט פֿונעם נאַפּט־לעמפּל האָבן זיך אַנטפּלעקט צוויי אײַזערנע בעטלעך. איינס פֿאַרלייגט מיט שמאַטעס. דאָס אַנדערע איז געשטאַנען הויל און מיט די אײַזערנע ריפּן אויסגעזען ווי אַן אָפּגעשונדענע פּגירה וואָס מ׳האָט פֿאַרגעסן אַרויסצו־וואַרפֿן. אויף אַ בענקל — אַן עמער וואַסער און דערנעבן, אויפֿן דיל, אַן אָפּגעהאַקטע עמאַליענע שיסל. ווײַטער אַ ביסל — אַ קרומער קאַמאָד מיט איין פֿיסל. די איבעריקע דרײַ עקן — אונטערגעשפּאַרט מיט רויטע ציגל. איבערן קאַמאָד, אויף דער נאַסער וואַנט, איז געהאַנגען אַ שוואַרצער צלם און פֿון ביידע זײַטן — עטלעכע אָפּגעבליאַקעוועטע בילדער פֿון הייליקע. אין מיטן שטיבל האָט זיך געפֿונען אַ פֿאַרקאָפּטשעט, אײַזערן אייוועלע מיט רערן און אויף אים האָט זיך געוואַרעמט אַ טאָפּ וואַסער. ניט ווײַט פֿונעם אייוועלע איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע די אייגנטימערין און געשלייסט פֿעדערן. אַ האַלב־בלינדע פֿרוי איז דאָס געווען, וואָס האָט איר חיונה געצויגן פֿון בעטלערײַ בײַ איינעם פֿון די וואַרשעווער קאָשטשיאָלן. זי האָט זיך ניט דערשראָקן און איז ניט איבער־ראַשט געוואָרן פֿון דעם אומגעריכטן און אומגעבעטענעם גאַסט. זי האָט אַפֿילו ניט איבערגעריסן דאָס שלייסן. בלויז מיטן האַלב־בלינדן בליק זיך אײַנגעגעסן אין מנחמס צעשראָקענע און תחנונים־בעטנדיקע אויגן. מנחם האָט קוים געקאָנט באַהערשן זײַן אָטעם און אַרויסגעשטאַמלט:

— קאָן איך בײַ דער פּאַני איבערנעכטיקן?

אָנשטאָט ענטפֿערן, איז די פֿרוי אויפֿגעשטאַנען, מיט אַ זעלטענער רויִקייט אָפּגעווישט זיך די הענט אין דעם פֿאַרהויבענעם זוים פֿונעם פֿאַרלאַטעטן קלייד, זיך דערנענטערט און פֿון דער נאָענט אים ערשט אויף רעכט אַרײַנגעקוקט אין פּנים, אויף זײַנע אויסגעגנעצטע מלבושים, אויף די אויסגעדרייטע און צעריסענע שיך. דערנאָך אָנגענומען אים פֿאַר זײַן ציטערנדיקער האַנט און שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— אַ ייִד?

ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, האָט זי אים צוגעפֿירט צום בענקעלע, אויף וועלכן זי איז פֿריער געזעסן און אים אַװעקגעזעצט אין מיטן פֿונעם שטויס פּעדערן. דערנאָך אַוועק צום קאָמאָד און פֿון דאָרט געבראַכט עטלעכע גראָשעדיקע, קלעפּיקע צוקערלעך. די צוקערלעך האָבן געהאַט דעם זעלבן פֿאַרדעמפּטן גערוך וואָס איר קלייד...

אַ שאַרפֿער געביל פֿון הינט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דעם דינעם געוועב פֿון די דערמאָנונגען און מנחמען צוריקגעבראַכט צו דערווירקלעכקײַט: נאַכט, רעגן און אַ ווײַטער, ווײַטער אָפּהילך פֿון אײַלנדיקע טריט איבער די אויסגעווייקטע דאָרפֿסוועגן.

פּיעראַ

אין דער באַן האָב איך זי באַגעגנט. זי איז געזעסן אַנטקעגן מיר. ווײַזט אויס אַ נײַע אין לאַנד, צי גאָר אַ טוריסטין. דאָס האָט זיך אָנגעזען אין איר האַלטונג, קליידונג און אין דער וואַליזע וואָס איז באַקלעפּט געווען מיט עטיקעטן פֿון די אַדורכגעפֿאָרענע לענדער.

חוץ אונדז ביידן זענען אין וואַגאָן־קופּע געזעסן דרײַ אַראַבער. צוויי מענער און אַ פֿרוי מיט אַ פּיצלס אין איר שויס. די צוויי מענער זענען געווען פֿאַרטאָן אין אַ הויכן שמועס, ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט. די פֿרוי, די אַראַבערין, האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט אין זייער וויכּוח. זי איז געזעסן מיט שטומע אויגן און לײַכט געוויגט דאָס קינד אויף די קני. דער שטערן און די צעקאַרבטע באַקן אירע זענען געווען אויסטאַטוּירט מיט אַ בלוילעכער פֿאַרב. פֿון איר לאַנג, שוואַרץ קלייד האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון ציגנמיסט און פֿון עפּעס צוגעברענטס. עס איז קוים געווען צו גלייבן, אַז זי איז דאָס די מאַמע פֿון דעם קינד. ערשט ווען ס׳עופֿעלע האָט זיך צעוויינט און זי האָט אַ צעשפּיליע געטאָן ס׳קלייד, אַרויסגעצויגן אַן אויסגעמאַטערטע, אַראָפּהענגענדיקע ברוסט און דעם וואָרצל אַרײַנגעשטופּט אין קינדס מײַלעכל, איז שוין קיין ספֿק ניט געווען, אַז זי איז די מוטער. סײַ די מענער און סײַ די פֿרוי האָבן אויף אונדז קיין אַכט ניט געלייגט. די אַראַבערין האָט זיך אַפֿילו ניט מטריח געווען צו פֿאַרשטעלן די ברוסט פֿאַר אונדזערע בליקן.

דאָס איז שוין געווען די לעצטע באַן וואָס פֿאָרט אָפּ נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט איבערגעהיפּערט די קליינע סטאַציעס, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט

אַניאָגן די פֿאַרשפּעטיקטע צײַט. בלויז אויף איין סטאַציע האָט די באַן זיך יאָ פֿאַרהאַלטן און דאָרט זענען די אַראַבער אויסגעשטיגן. די אַראַבע־רין האָט אַ נעם געטאָן אין איין האַנט אַ גרויסן קלומיק, אַ פּאַק זאַכן אַרײַנגעלייגט און צונויפֿגעבונדן מיט די פֿיר עקן פֿון אַן אָפּגעקראַכענעם טישטעך, אין דער צווייטער האַנט דאָס עופּעלע און זי איז שווער אַראָפּ־געקראָכן פֿון די פּאַר וואַגאָנטרעפּלעך. נאָך איר זענען געלאָפֿן אַרויס די צוויי מענער. בײַ דעם ייִנגערן אַראַבער איז פֿונעם אָרעם אַראָפּ־געהאָנגען אַ טראַנזיסטאָר אויף אַ רימענדל.

מײַן שכנה, ניט וויסנדיק צי כ׳פֿאַרשטיי איר פּויליש לשון, צי ניט, האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר האָט געזען אַ סצענע? אַ טראַנזיסטאָר איז טאַקע פֿאַראַן אָבער אַ ביסל פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַ פֿרוי... דאָ שטעקט מען נאָך טיף אין מיטל־עלטער! די פֿרוי האָט אַפֿילו קיין גרימאַסע ניט געמאַכט, אַז איר איז שווער צו שלעפּן דעם פּאַק און דאָס קינד.

כ׳בין צופֿרידן געווען פֿון דעם וואָס כ׳פֿאַרשטיי איר שפּראַך, וואָס איז אויך געווען מײַן שפּראַך פֿון דער אַלטער היים, סײַ פֿון דעם וואָס זי האָט זיך ענדלעך אָנגערופֿן צו מיר און מיט דעם אײַנגעבראָכן דאָס ווענטל פֿון פֿרעמדקייט:

— גאַנץ ריכטיק — האָב איך געענטפֿערט — נאָר אַ שטייגער־לעבן און אײַנגעוואָרצלטע באַגריפֿן בײַטן זיך ניט אַזוי לײַכט, אַפֿילו ווען דער אָרום פֿירט זיך אַנדערש.

מײַן שכנה האָט זיך פֿאַרטראַכט. אויך איך בין געבליבן שטיל, כ׳האָב ניט געהאַט קיין חשק ווײַטער צו ציִען אונדזער שמועס אויף דער טעמע. רעדן האָט זיך מיר דווקא יאָ געוואָלט מיט איר. זי האָט מיר אָבער אין דעם ניט אַרויסגעהאָלפֿן. אַ לײַכט זומערווינטל האָט געבלאָזן פֿון אָפֿענעם פֿענצטער און צעשויבערט אירע לענגלעכע האָר — בלאָנדע, ווייכע און נאָכגיביקע. זיי האָבן זיך געפֿאַלדעוועט און לײַכט פֿאַרדעקט איר נאַקן. דורכן פֿענצטער איז אַרײַנגעדרונגען אַ ריח פֿון ים. פֿון דעם האָב איך געוווּסט, אַז מיר פֿאָרן ניט ווײַט פֿון ים־ברעג. עס איז מיר בפֿירוש אַ

שאַד געווען וואָס מען דערגענטערט זיך אַזוי געשווינד צום סוף פֿון דער נסיעה. כ׳האָב געפֿילט אַן אַלץ וואַקסנדיקן אינטערעס צום מיידל מיטן סלאַווישן אויסזען.

מײַן שכנה האָט זיך פּאַרזיכטיק אָפּגערופֿן און דערמיט איבערגעריסן דאָס לאַנגע שווײַגן.

— מעג איך אײַך פֿרעגן ווי לאַנג איר זײַט אין לאַנד און ווו איר וווינט ?

כ׳האָב איר גערן געענטפֿערט אויף אירע פֿראַגן און צוגעגעבן, אַז אויב זי וויל קאָן זי מיך רופֿן בײַם ערשטן נאָמען — פּיעראָ. סתּם פּיעראָ — האָב איך צוגעגעבן — ס׳איז היימישער אַזוי.

זאָגנדיק מײַן נאָמען, האָב איך דערוואַרט, אַז אויך דאָס מיידל וועט זיך פֿאַר מיר פֿאָרשטעלן. זי אָבער האָט מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג אויסגערופֿן :

— פּיעראָ ?

— פֿאַר וואָס ניט פּיעראָ ?

אַנשטאָט אַן ענטפֿער האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ הויך און ניט־דיסקרעטן געלעכטער, פּונקט ווי מײַן נאָמען וואָלט געווען דער קאָ־מישסטער אין דער וועלט. כ׳האָב זיך געפֿילט באַליידיקט. כ׳האָב איר אָבער ניט געשטערט און אויסגעוואַרט זי זאָל זיך באַרויִקן און אַליין אויפֿקלערן די סיבה פֿון דעם פּלוצעמדיקן לאַכן און חידושן זיך.

ווען דאָס מיידל האָט זיך ענדלעך אײַנגעשטילט, האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן מיר און מיט איר האַנט לײַכט אָנגערירט מײַן אַקסל. דאָס איז געטאָן געוואָרן אַזוי נאַטירלעך, אַז נאָך איידער זי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, איז זיך דאָס לײַכטע רויכל פֿון פֿאַראיבל צעקראָכן.

— איר וועט מיר מוחל זײַן מײַן ניט שיינע אויפֿפֿירונג. כ׳ווייס אַליין ניט ווי דאָס איז געשען.

זי האָט קינדיש פֿאַרצויגן די ליפּעלעך, פֿאַרשולדיקט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, צוריק זיי אויפֿגעהויבן און אַ שמייכל געטאָן. עס איז געווען צו זען, אַז דאָס מיידל איז פֿון עפּעס אויפֿגעברויזט.

— כ׳וויל אײַך עפּעס דערציילן. ס׳וואָלט מיר קיין מאָל ניט אײַנ־געפֿאַלן דאָס צו טאָן, ווען ניט דאָס אומגעריכטע אַרויפֿשווימען פֿון דעם נאָמען „פּיעראָ״. די מעשׂה וועט אפֿשר אויסזען אין אײַערע אויגן צו ראָמאַנטיש, נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. בעסער אָן הקדמות: פּיעראָ איז געווען מײַן ליבלינג. כ׳האָב אויף אים אַלע נאַכט געוואַרט. ווען עס האָט געשלאָגן צוועלף האָט זיך דאָס בלויע טירעלע פֿונעם געשניצטן וואַנט־זייגער צעעפֿנט. צו ערשט האָט זיך געהערט אַ שטילע מוזיק, אויס־געשפּילט פֿון אַ מין שפּיל־מאַשינקעלע און דערנאָך האָט זיך איבער דער בלויער שוועל באַוויזן דער לײַכטפֿיסיקער פּיעראָ. אַרויסגעקומען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פֿיר עקן פֿון גרויסן צימער. די מוזיק איז אײַנגעדעמפּט געוואָרן און דעמאָלט האָט זיך דערהערט פּיעראָס פֿאַר־בענקטע שטים:

— מאַ בעל, ווו ביסטו?!

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט. ווען די מוזיק האָט זיך ווידער אָנגעהייבן, איז ער פּאַמעלעך פֿאַרשוווּנדן הינטער דער בלויער טיר פֿונעם וואַנטזייגער.

איך בין דעמאָלט געווען אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זעקס־זיבן. כ׳האָב געוווינט בײַ מײַן באָבען אין פֿאָלוואַרק. מײַן מאַמע איז מיט אַ צוויי יאָר פֿריִער געשטאָרבן. דער טאַטע האָט זיך געפֿונען אין אויסלאַנד.

בײַ דער באָבען איז מיר גוט געווען, אָבער לאַנגווײַליק: גרויסע, פּוסטע צימערן, אַ סך טרעפּ, אַ סך גאַניקעס. אַ נס וואָס ניט ווײַט פֿונעם פֿאָלוואַרק האָט זיך געפֿונען אַ געמישטער וואַלד פֿון אַלכעס און ליפּעס. ניט איין מאָל בין איך אַהין אַוועק, אָן דער באָבעס וויסן. אַ צווייט פֿאַר־געניגן זענען פֿאַר מיר געווען די זונטיקדיקע טעג. זונטיק זענען מיר גאַנץ פֿרי אויפֿגעשטאַנען. דער עקאָנאָם האָט אײַנגעשפּאַנט די פֿערד אין דער בריטשקע און געפֿירט מיך מיט דער באָבען צום קאָשטשיאָל אין דעם ניט ווײַטן שטעטל. דאָס עצם אַרויספֿאָרן איז שוין פֿאַר מיר געווען אַ שטיק יום־טוב. כ׳האָב זיך געפֿרייט וואָס די באָבע האָט מיך אויסגעפּוצט אין אַ שיין קליידל, לאַקירטע שיך און סטענגעס אין די

צעפּ. אַ באַזונדערע הנאה האָב איך געהאַט פֿונעם טרעפֿן זיך מיט אַנדערע קינדער. אין דער קירך, בעת אַלע האָבן תּפֿילה געטאָן, האָב איך זיך כּסדר אַרומגעקוקט, ווײַל אַלץ איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט און פֿאַרכאַפּנ־דיק. די באָבע פֿלעגט מיך שלעפּן בײַם אָרבל, צווינגען נאָכצוזאָגן און צלמען זיך. אויפֿן וועג צוריק פֿלעגט זי מיר פֿאַרוואַרפֿן, אַז כ׳פֿיר זיך ניט אויף לײַטיש, כ׳טו איר אָן בזיונות.

— מײַן קינד — האָט זי געטענהט — מען דאַרף זײַן פֿרום, ווײַל אויפֿריכטיקע פֿרומקייט מאַכט ווייך דאָס האַרץ צו יענעמס צרות.

אַזעלכע רייד האָבן בײַ מיר אַרויסגערופֿן חרטה־געפֿילן און כ׳האָב איר צוגעזאָגט צו זײַן גוט און פֿרום. זעלטן ווען אָבער האָב איך געקאָנט מקיים זײַן מײַן צוזאָג.

די באָבע האָט גערעדט וועגן אַ „ווייך האַרץ‟, נאָר איר באַציונג צו מיר איז געווען גענוג שטרענג, כאָטש זי האָט מיך זייער ליב געהאַט. איך זי האָב אויך ליב געהאַט, אָבער גלײַכצײַטיק אַ שפּאָר ביסל זיך געשראָקן פֿאַר איר און געסטאַרעט זיך זי ניט צו דערצערענען. דער איינציקער נפֿש אין וועמען כ׳האָב אַ חבר געפֿונען איז געווען „קודלאַטי‟ — אַ הונט אַ שטיפֿער, אַ טומלער נאָר אָן איבערגעגעבענער און געטרײַער. ער האָט שפּעטער געטיילט דעם זעלבן גורל פֿון דעם אָרעמען פּיערע. נאָר לאָמיר ניט פֿאַרלויפֿן דעם וועג. חוץ „קודלאַטי‟ האָבן זיך דאָרט געפֿונען דעם גערטנערס דרײַ קינדער. צוויי מיידלעך, אַ צווילינג אין מײַנע יאָרן און אַ יינגל מיט עטלעכע יאָר עלטער. די באָבע האָט אָפּגעהיט כ׳זאָל זיך צו פֿיל מיט זיי ניט חברן.

דעם געשניצטן וואַנטזייגער האָב איך געזען אין סאַלאָן, פּונקט ווי דעם פֿאָרטעפּיאַן, דעם דיוואַן, די בילדער אויף די ווענט. ער האָט ניט געוועקט מײַן קינדערישן נײַגער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע חפֿצים און מעבל.

ביז איינער אַ נאַכט. אַ ווינטערנאַכט. ס׳איז געווען אין דער צייט ווען די דײַטשן האָבן אונדזער לאַנד פֿאַרנומען. כ׳האָב געהאַט זייער אַ לײַכטן שלאָף. כ׳בין נאָך געווען אָנגעשראָקן פֿון די באָמבאַרדירונגען און

שיסערײַען וואָס מיר האָבן געהערט אין אונדזער סביבה. דערצו נאָך האָט די באָבע געמוזט אָפּטרעטן צוויי צימערן פֿאַר עטלעכע דײַטשע אָפֿיצירן. אויך דאָס האָט, ווײַזט אויס, גורם געווען אין מיר דעם פּחד.

אין יענער נאַכט איז אין דרויסן געווען אַ שטאַרקער פֿראָסט. ביימער האָבן אַזש געטרעסקעט פֿון קעלט. אַ צווײַג האָט געגראַבלט אין דעם פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטער פֿון מײַן צימער. טאַקע דאָס שקראַבען פֿון דער צווײַג האָט מיך וואַך געמאַכט. כאָטש מײַן צימער איז געווען באַהייצט און איך בין געלעגן גוט אײַנגעדעקט, איז מיר קאַלט געוואָרן. פּלוצעם האָט זיך צעקלונגען דער וואַנטזייגער. כ׳האָב אים קיין מאָל פֿריִער ניט געהערט קלינגען אַזוי לאַנג און אַזוי שאַרף. אפֿשר האָב איך אים יאָ געהערט אין מיטן טאָג. בײַ טאָג אָבער איז דאָס קלינגען אַנדערש און עס טיילט זיך ניט אויס פֿון די איבעריקע קולות און קלאַנגען. כ׳האָב מורא געהאַט צו ליגן אַליין אין בעט. בין איך אַרויסגעשפּרונגען און געלאָפֿן צו דער באָבען. די באָבע איז געשלאָפֿן אין אַ צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען נאָכן גרויסן סאַלאָן און ניט אין אירע שלאָפֿצימערן אויפֿן ערשטן גאָרן, ווי פֿאַר דער מלחמה, ווײַל דאָרט האָבן זיך צעלייגט די דײַטשע אָפֿיצירן. כּדי צוצוקומען צו דער באָבען, האָב איך געמוזט דורכגיין דעם סאַלאָן־צימער וווּ דער זייגער איז געהאַנגען.

ווען איך בין אַרײַן אַהין איז געווען פֿינצטער, נאָר פֿונעם קליינעם לעמפּעלע וואָס האָט געברענט בײַם זיידנס געמאָלן בילד זענען געפֿאַלן שוואַכע ליכטפֿלעקן. ס׳האָט פּונקט אויסגעשלאָגן דער צוועלפֿטער קלונג און די שטילע מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן. די מוזיק איז פֿאַר מיר געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז כ׳האָב זיך פֿאַרהאַלטן. דערנאָך דאָס מענטשעלע און זײַן:

— מאַ בעל, ווו ביסטו ? !

צו דער באָבען בין איך שוין ניט אַרײַן. די מוזיק, דאָס מענטשעלע און זײַן לאַשטשענדיק־פֿאַרחלומט קול האָט אָפּגעווישט פֿון מיר דעם פּחד. אין אַלע גלידער איז זיך צעגאַנגען אַזאַ זיסע, אײַנשלעפֿערנדיקע רו, אַז כ׳האָב אַפֿילו ניט געפֿילט די קעלט אין דעם ניט־געהייצטן סאַלאָן.

פון דעמאָלט אָן בין איך אָן אָפּטער גאַסט געווען אין סאַלאָן אין דער צוועלפטער נאַכט־שעה. וואָס אַ מאָל האָט מיך מער געצויגן צו הערן ווי פּיעראָ רופּט:

— מאַ בעל, ווו ביסטו?!

וואָס עס מיינט „מאַ בעל" האָב איך ניט פאַרשטאַנען, נאָר עס איז גוט געווען צו הערן. כ׳בין זיכער געווען, אַז פּיעראָ בענקט נאָך מיר און זוכט מיך.

איר וועט פרעגן פון וואַנען כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס מענטשעלע רופט מען „פּיעראָ"? די באָבע האָט עס מיר דערציילט. אַזוי האָט אים דער זיידע גערופן. דער זייגער איז געווען אַ קונסטשטיק מיט אַ זייער קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע, לויטן פּלאַן פון דעם זיידן גופא. דער זיידע איז נאָך אַ בחור געווען ווען ער האָט דעם זייגער געבראַכט פון פראַנקרייך. אַ זייגער־מאַכער, אַ מייַסטער האָט דאָס געווערק צונויפּ־געשטעלט. דער זיידע איז געווען אַ טשיקאַווער טיפּ מיט מאָדנע אייַנפאַלן. מען האָט זיך וועגן אים אָנדערציילט אויסטערלישע געשיכטן.

די באָבע האָט זיך געוווּנדערט ווי קום איך צו וויסן וועגן מענטשעלע, ווייַל די שפּיל קומט פאָר איין מאָל אין מעת־לעת אום האַלבער נאַכט. כ׳האָב עפּעס אַ שטאָמל געטאָן. האָט זי מיך צו רו געלאָזט, ניט מער געפרעגט און ניט געפאָרשט. דער קאָפּ איז איר געווען פאַרדרייט מיט דאגות און צרות וואָס די נייַע לאָקאַטאָרן, די דייַטשע אָפיצירן, האָבן איר פאַרשאַפט.

איין מאָל אין אַ נאַכט, ווען כ׳האָב ווי געוויינטלעך אָפּגעוואַרט די צוועלפטע שעה, האָב איך געהערט, אַז אין סאַלאָן רודערט זיך. עס זענען צו מיר דערגאַנגען מענער־און פרויען־שטימען. מען האָט דאָרט גערעדט זייער הויך, ממש געשריגן. עס האָט זיך אויך געהערט אַ מעסער־גאָפל־געקלאַנג און אַ געשטויס פון גלעזער אָן גלעזער. עמעץ האָט געקנאַקט אויפן פאָרטעפּיאַן. אַ מיידל האָט פּרובירט זינגען, נאָר איר שיכּורע שטים האָט זיך אייַנגעבראָכן. מען האָט איר אַפּלאָדירט. דאָס בראַוואָ־פּאַטשערייַ איז איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ פּייַפערייַ און הילכיקע געלעכטערס.

ביסלעכווײַז האָט זיך אַלץ אײַנגעשטילט. כ׳בין זיכער געווען, אַז די אָפּיצירן און זייערע געסט זענען אַוועק.

ווען דער זייגער האָט זיך צעקלונגען, האָב איך לײַכט אַ דריק געטאָן די קליאַמקע און כ׳בין אַרײַן. אין מיטן זאַל איז געשטאַנען דער לאַנגער טיש, וואָס מען האָט אַרײַנגעשלעפּט פֿון עסצימער, ער איז באַדעקט געווען מיט אַ ווײַסן טישטעך וואָס איז שוין ווײַט ניט ווײַס געווען און אויף אים האָבן זיך געוואַלגערט שיריים פֿון עסנס, פּלעשער פֿון ווײַן און בראָנפֿן, טאַצן, טעצלעך, גלעזער און קעלישקעס. צו מײַן שטוינען האָב איך דאָרט געפֿונען די דרײַ אָפּיצירן וואָס זענען בײַ אונדז געווען אײַנגעקוואַרטירט. איינער פֿון זיי איז געזעסן, געהאַלטן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן ראַנד פֿון טיש און אין אַזאַ פּאָזיציע אײַנגעשלאָפֿן. דער צווייטער איז געווען אין בלויזן העמד. זײַן מיליטערישע קורטקע איז געהאָנגען אויפֿן אָנלען פֿון דער שטול. ער האָט מיט איין פֿינגער געבאָמקעט איבער די קלאַווישן. אויפֿן פּאָרטעפּיאַן איז געשטאַנען אַ דרײַ־רעריקער לײַכטער און אין אים האָבן זיך דערברענט דרײַ ליכט. אויף דעם דריטן אָפּיציר האָב איך געטראָפֿן אַ זיצנדיקן. ער איז געווען פֿאַרזונקען אין דעם ווייכן לעדערנעם פֿאָטעל אַנטקעגן דעם וואַנטזייגער און האָט צו זיך אַליין געמורמלט. זײַנע אויגן זענען געווען ווי פֿון רויטלעכן גלאָז געמאַכט. איך געדענק זייער גוט זײַן בליק, כ׳האָב זיך לאַנג צו אים צוגעקוקט. קיינער פֿון זיי האָט מיך ניט באַמערקט.

ווען דער זייגער האָט פֿאַרענדיקט דעם צוועלפֿטן קלונג און די מוזיק האָט זיך אָנגעהייבן, האָט דער וואָס איז אין פֿאָטעל געזעסן אויפֿגעהערט צו מורמלען און אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. ווען דאָס טירל האָט זיך צעעפֿנט און פּיעראָ איז אַרויסגעקומען, האָבן זיך זײַנע פֿאַרוואָסערטע אויגן פֿאַרהאַלטן אויפֿן מענטשעלע. קוקנדיק אויף פּיעראָ האָט דער אָפּיציר אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פֿונעם פֿוטעראַל. ער האָט זיך צעלאַכט און גערופֿן צו די אַנדערע צוויי אָפּיצירן, אָנווײַזנדיק מיטן רערל פֿונעם רעוואָלווער אויף דעם זייגער־מענטשעלע. דאָס איינציקע וואָרט וואָס כ׳האָב פֿאַרשטאַנען איז געווען דאָס וואָרט „יודע״. כ׳האָב געוווּסט,

אַז דאָס מיינט אַ „ייִד״, ווײַל דעם גערטנערס קינדער פֿלעגן זיך שפּילן אין „ייִדן״ און אין „דײַטשן״. ווען פּיעראָ האָט אַרויסגעזאָגט זײַנע פּאַטאַלע פּאַר ווערטער, האָט דער דײַטש אין אים אַרײַנגעשאָסן. איך האָב זיך אַזוי צעשריִען, אַז די אַנדערע צוויי דײַטשן זענען אויפֿגעשפּרונגען און מײַן באָבע איז בהלהדיק געקומען צו לויפֿן און — טוליענדיק מיך צו זיך — אַוועקגענומען.

פֿון דעמאָלט אָן בין איך שוין געשלאָפֿן מיט דער באָבען. דער זייגער איז מער ניט געגאַנגען. דער סאַלאָן איז געווען ווי פּוסט אָן דעם קלאַנג און טיק־טאַק פֿונעם זייגער. די באָבע האָט געזען מײַן צער און ניט געוווּסט ווי מיך צו טרייסטן.

— ווּעסט זען — האָט זי צו מיר ווייך גערעדט — פּיעראָ וועט צוריקקומען. זאָלן ״זיי״ נאָר אַוועק, וועט פּיעראָ צוריקקומען.

אין יענע שווערע טעג איז פֿון מיר „קודלאַטי״ ניט אָפּגעטראָטן. דער הונט האָט ווי פֿאַרשטאַנען וואָס איך לעב איבער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו שטיפֿן און אין די נעכט, צוזאַמען מיט מיר, באַוויינט מײַן פֿאַרלוסט.

אויך דעם הונט האָבן די אָפֿיצירן דערשאָסן. ס'קאָן טאַקע זײַן מחמת זײַן וואָיען. זיי האָבן זיך עפּעס פּאַר יעדער קלייניקייט געשראָקן. יעדער איבעריקער קלאַנג האָט זיי נערוועז געמאַכט. ס'איז דעמאָלט געווען אַ צײַט ווען אין די אַרומיקע וועלדער האָבן זיך באַוויזן פּאַרטיזאַנער־גרופּן. איינער פֿון די אָפֿיצירן האָט אָפֿן געזאָגט דער באָבען, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַן איבערזעצער, אַז ער איז זי חושד אין פֿאַרבינדונגען מיט די באַנדיטן. די באָבע האָט אַ שטאָלצע אויסגעהערט די באַשולדיקונג און דערויף ניט רעאַגירט. אויך דאָס איז אפֿשר געווען אַ סיבה אויף צו דערשיסן דעם הונט, ווײַל טאָן עפּעס דער באָבען האָבן זיי זיך ניט דערוועגט. דער פֿראָנט האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט און עס האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופֿט זייער מפּלה. איך האָב ניט געזען און ניט געהערט ווען מען האָט „קודלאַטי״ אומגעבראַכט. דעם גערטנערס קינדער האָבן מיר דאָס דערציילט — — —

דאָ ענדיקט זיך די געשיכטע. וואָס ווײַטער איז געווען, איז שוין ניט וויכטיק. גיי ווייס — האָט זי צוגעגעבן — אַז אין יאָרן אַרום נאָך האַלבער נאַכט, ווען מען פֿאָרט אין אַ באַן, טרעפֿט מען אַ פּיעראָ...

די באַן איז אַרײַנגעפֿאָרן אין דער לעצטער סטאַציע און זיך פֿאַר־האַלטן. כ׳האָב גענומען מײַן קליין וואַליזקעלע אין איין האַנט און איר שווערע וואַליזע אין דער צווייטער און מיר זענען אויסגעשטיגן. פֿון דער אַנדערער זײַט וואָקזאַל, אויף די טרעפּ, האָבן מיר זיך פֿאַרהאַלטן. דאָס מיידל האָט מיך געבעטן גיין באַשטעלן אַ טאַקסי. כ׳האָב אַראָפּגעשטעלט די וואַליזעס און בין אַוועק.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען מיט דער טאַקסי, האָב איך בלויז געטראָפֿן מײַן קליין וואַליזקעלע. פֿון דעם מיידל און איר באַגאַזש איז קיין סימן ניט פֿאַרבליבן. די טאַקסי איז צוריקגעפֿאָרן אַ ליידיקע.

כ׳האָב געהאָפֿט, אַז דאָס מיידל וועט צוריקקומען. זי איז אָבער ניט צוריקגעקומען. בין איך געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפֿענער אויף די נאַכטיקע טרעפּ און ניט געפֿילט ווי כ׳שעפּטשע שטיל צו זיך, פֿאַר זיך:

— מאַ בעל, ווו ביסטו?

צווישן די דיונעס פֿון סיני

אַ שטומע וועלט. אַן אין־סוף פֿון זאַמדן. דיונעס אַרויף און דיונעס אַראָפּ. זון, ווינט און ווײַטקייטן. שטויבן טראָגן זיך פֿון אָרט צו אָרט. פֿון אַ גרוב ווערט אַ בערגל, פֿון אַ בערגל — פֿלאַכלאַנד. אַלץ איז הפֿקר און בלענדיק. גאָרניט איז שטאַנדהאַפֿטיק. דאָס וואָס פֿאָרמירט זיך, ווערט אין מינוטן צערונען. דאָס וואָס צערינט, וויל צוריק עפּעס ווערן. עס זעט אויס ווי ערבֿ־בראשית און גאָט ווייסט נאָך ניט וואָס צו טאָן מיט דעם שטיק רויקייט.

דער אײַנדרוק פֿון אורצײַט ווערט גיך צעשטערט, ווען דאָס אויג טרעפֿט זיך אָן מיטן מאָדערנעם כּלי־משחית, וואָס דער מלחמה־שטורעם האָט דאָ אומגעשלײַדערט. אין מענגעס ליגן זיי: לאַסטאויטאָס, דזשיפּן, שלעפּוועגענער. טייל זענען אַזוי פֿאַרברענט, אַז מען דערקענט גאָרניט וואָס דאָס איז פֿריִער געווען. אַנדערע זעען אויס, ווי אַ מעכטיקער פֿוס וואָלט איבער זיי געטראָטן און זיי אַרײַנגעקוועטשט טיף אין זאַמד אַרײַן. צווישן דעם אײַזנבראָך סטאַרטשען טאַנקען און האַרמאַטן. די האַרמאַטנ־העלדזער הענגען אַראָפּ ווי ניט פֿון שטאָל זענען זיי געמאַכט געוואָרן, נאָר פֿון עפּעס אַ שוואַרצער מאַסע, וואָס צעגייט און צעשמעלצט זיך אונטער דעם בראַנדראָד פֿון דער זון.

אָפּגערוקט אין אַ זײַט וואַלגערט זיך אַ זעלנערישע קאַסקע, אַ האַלבֿ־פֿאַרסמאַליעטער רימענט, אַ ליידיק שאַכטעלע פֿון פּאַפּיראָסן און עטלעכע אָפּגעזונקטע פֿאָטאָגראַפֿיעס. פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַ צופֿרידן ווײַב און פֿון עטלעכע צעשמייכלטע קינדער. די קאַסקע, דער רימענט, דאָס ליידיקע שאַכטעלע און די פֿאָטאָגראַפֿיעס קאָנען זײַן פֿון די זיגער, אָדער — באַזיגטע. די זאַמדן וועלן דאָס אַלץ ביסלעכווײַז פֿאַרווייען, פֿאַרדעקן און ס׳וועט דאָ ווידער אויסזען ווי ערבֿ־בראשית.

יולי 1967

ירושלים

זיבעציק שלעסער האָבן פֿאַרשפּאַרט די זיבן טויערן. איצט שטייען די טויערן אָפֿן. די שלעסער אויפֿגעבראָכן און די טויערן — אָפֿן.

פֿון איין העלפֿט שטאָט שטראָמען מענטשן צו דער אַנדערער העלפֿט. מע גייט און מע גייט. מ׳קאָן זיך ניט זעטיקן.

טרעפּ, דורכגענג, נישעס, געוועלבן. מען שטופּט זיך און מען רײַבט זיך איינער אָן דעם אַנדערן. די פֿון לינקס און די פֿון רעכטס. די, טרעפּ אַרויף און די — טרעפּ אַראָפּ. שטיינער פֿון ברוק און שטיינער פֿון מויערן זענען אויסגעריבן און אָנגעגליט פֿון דער זון.

אַ שטיבל, אַ גריבל, אַ לאָך — און אין זיי וווינען זיי, די בני־ישמעאל. די קינדער מיט פֿאַרקאָלטנטע האָר און טראַכאָמעאויגן רויען זיך אומעטום און די ווײַבער אין לאַנגע, שוואַרצע קליידער, וואָס גלאַנצן פֿון שווייס און פֿון אַלטקייט, מישן מיט הילצערנע לעפֿל אין פֿאַר־סאַזשעטע טעפּ שאַרף־ריחותדיקע מאכלים. די אַלטע לײַט זיצן בײַ די טירן און שטרעקן געקאַרבטע הענט נאָך נדבות, אָדער גייען נאָכן צעצויגענעם רוף פֿונעם מועזין, וואַשן די פֿיס און דאָס פּנים אונטער די קראַנען, לאָזן די שטעקשיך בײַם אַרײַנגאַנג פֿונעם מעטשעט און זעצן זיך אויף די אויסגעריבענע טעפּעכער אָפּריכטן אַ תּפֿילה צו גאָט און צו זײַן נביא, מיט אַ ביטערן געפֿיל פֿון פֿאַרלאָזנקייט און פֿון מפּלה.

ניט ווײַט פֿונעם מעטשעט — אַ קלויסטער און נאָך אַ קלויסטער און נאָך אַ קלויסטער און ווידער אַ מעטשעט. אַלע זענען זיי גאַנץ. אין אַלע קאָן מען דינען גאָט. בלויז די בתּי־מדרשים און די קלויזן שטייען מיט צעזעצטע ווענט און אײַנגעפֿאַלענע דעכער.

ס׳איז דושנע, ס׳איז שטויביק, סע פּאַרעט. מ׳רוקט זיך פֿאָרויס און מ׳בלײַבט הינטערשטעליק. מע האָט שוין געגוג און מען וויל נאָך. בלויז אויף איין אָרט פֿאַרהאַלט מען זיך לענגער: בײַ דער וואַנט. בײַם כּותל. די ריזיקע בלאָקן־שטיינער ליגן איינס אויף ס׳אַנדערע, איינס איבערן אַנדערן. פֿון די שפּאַלטן און שפּעלטלעך וואַקסן גראָזן און מיט זיי צוזאַמען — קוויטלעך. קוויטלעך וואָס בעטן אויף פּרנסה, געזונט, נחת פֿון קינדער און אויף שלום. מער פֿון אַלץ — אויף שלום.

אַלץ איז אויסגעמישט. זיגער מיט באַזיגטע. די נעכטיקע שׂונאים רופֿן צו דיר אויף קולי־קולות זאָלסט בײַ זיי קויפֿן. קויפֿן. קויפֿן. אַלט און יונג און קליינע קינדער — אַלע זענען פֿאַרטאָן אין מיסחר. מע האַנדלט מיט פּאָסטמאַרקעס און מיט בלײַפֿעדערס. מיט פּלודערן און מיט פּאַפּיראָסן. מיט טעפּעכער, פֿאַרצעלײַענע קאַװעשעלעכלעך און מיט פֿאַר־זשאַווערטע פּרימוסן. מיט פּיטעס, קוכן געטונקען אין בוימל, ציבל־פּלעצלעך און קאָקאַ־קאָלאַ. צווישן די פֿאַרקויפֿערס שטופּן זיך אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרניט קיין סחורה, אָבער זיי רופֿן, שרײַען און לייגן פֿאָר זאָלסט בײַ זיי קויפֿן דאָס, וואָס זיי פֿאַרמאָגן ניט. דער פֿיבער פֿון האַנדלען איז אָנשטעקנדיק. אין ווירבל פֿון מיסחר פֿאַרגעסט מען וואָס איז געווען נעכטן, אייערנעכטן...

אַחוץ דעם האַנדל האָבן זיי ניט מיט דיר קיין קאָנטאַקט. מחוץ דעם מאַרק זענען אָט די טונקל־ברוינע מענער פֿרעמד און אָפּגעזונדערט. זיצן אויף נידעריקע בענקלעך אַרײַנגעטאָן אין זיך און ס׳איז שווער צו וויסן וואָס זיי קלערן, בעת זיי האַלטן אַ נאַרגילע־רערל צווישן די ליפּן; אָדער ציילן מיט זעלטענעם געדולד אַ קרעל נאָך אַ קרעל פֿונעם דיקן בײַטשל געלע קרעלן; צי זיי הערן זיך צו צו דער שטים וואָס טראָגט זיך פֿון אַ טראַנזיסטאָר — צו דער שטים, וואָס קומט פֿון יענער זײַט גרענעץ. ערשט נעכטן, אייערנעכטן איז דער „יענער זײַט גרענעץ" געווען דאָ, אויף דעם פּלאַץ ווו זיי זיצן איצט, אין דער ענגשאָפּט פֿון קלייטלעך און רינשטאָקן. זיי גליווערן אַזוי אין דער נאָכמיטאָג־היץ און די פֿליגן קריכן זיי איבער די הענט און פּנים. אָבער ווען דו באַגעגנסט זיי אויף די טרעפּ

אַראָפּ פֿון אַ ליקל, אָדער אין אַ דורכגאַנג צו אַ שפּאַלט וואָס דאַרף זײַן אַ גאַס, מעסטן זיי דיך אָפּ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אַ לאַנגן, שווערן און אָנגעשאַרפֿטן בליק. ווען זיי דערפֿילן אַז דו האָסט אויפֿגעכאַפּט דעם קוק, לאָזן זיי געשווינד אַראָפּ די אויגן און גייען פֿאַרבײַ מיט געמאַכטער גלײַכגילטיקייט.

די זון טוט זיך ביסלעכווײַז אָפּרוקן פֿון די מויערן, נאָר דער מענטשן־שטראָם ווערט ניט שוואַכער. זיי קרײַזן אום, קומען אַלע מאָל צוריק פֿון דאָס נײַ זיך צו איבערצײַגן אַז די שלעסער זענען אויפֿגעבראָכן און די טויערן — אָפֿן.

יולי 1967.

ביי דער טרעפּערקע

מלכּה איז געזעסן אינעם פֿאָדער־צימער פֿון דער טרעפּערקע און האָט געוואַרט אויף איר ריי. די ווענט פֿונעם צימער זענען געווען גלאַטיק און ווײַס, אָן באַפּוצונגען, אָן אַ בילדל. די ווײַסקייט האָט אָפּגעשטופּט פֿון זיך די פּאַסמעס זונשטראַלן, וואָס זענען אָן שטערונגען אַרײַנגעדרונגען דורכן אָפֿענעם פֿענצטער פֿונעם צעהיצטן דרויסן. אירע געדאַנקען האָבן אַרומגעזוכט איבער דער פּוסטער וואַנט עפּעס אַ פּונקט, אַ שטריך, אַ שפּרענקל אויף צו קאָנען זיך אָנשעפּען, און ניט געפֿונען. מלכּה האָט זיך געצוווּנגען צו באַהערשן די נערוון. פֿאַר די לעצטע חדשים האָט זי געפֿירט מיט זיי אַ נערוונקריג. פֿון זינט איר גדי איז אין סיני, בײַ די וואַסערן פֿון קאַנאַל, און דער ראַדיאָ ברענגט יעדע שעה נײַע מלחמה־קאָמוניקאַטן (כאָטש ס'איז שוין אַזוי לאַנג נאָך די „זעקס טעג"), פֿון זינט דעמאָלט איז זי מיטן טויט אויף „דו". דער טויט האָט זיך ניט געבונדן קאָנקרעט מיט גדי (דאָס האָט זי פֿאַרעקשנט אָפּגעשטויסן), נאָר ער איז איר יעדער מאָל אַנטקעגנגעקומען און געגעבן פֿון זיך צו וויסן: אָט האָט דער גרויסער, ברייטבלעטערדיקער פֿילאָדענדרום אָפּגעדאַרט און אין דער זעלבער וואָך איז איר באַליבט קעצל קראַנק געוואָרן און אויסגעגאַנגען. גאַר אָפֿט האָט זי אים, דעם טויט, געזען אַרויסקוקן דורך די שוואַרצע רעמלעך פֿון די טאָגצײַטונגען.

איין מאָל, אין אַ סוף־אויגוסט־אָוונט, איז זי געזעסן און געוואַרט אויף די ראַדיאָ־נײַעס. געזעסן און געשטריקט פֿאַרן זון אַ סוועטער. אורלי,

איר פּופּצן־יאָריקע טאָכטער, איז געװען בײַ זיך אין צימער און געגרײט די ביכער צום נײַעם שוליאָר. אַברהם, דער מאַן, איז אויך פֿאַרנומען געװען: ער האָט זיך געפּאָרעט און פֿאַרראַכטן דאָס לענגלעכע טירל פֿונעם בעטגעװאַנט־קאַסטן. די נײַסן זענען געװען אויפֿטרייסלענדיק. מלכּה האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אויסגערופֿן:

— מײַן גאָט! װען װעט עס זיך שוין ענדיקן?!

אַברהם האָט, ניט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, קורץ געענטפֿערט:

— גאָר גיך.

מלכּה האָט אים אָנגעקוקט, װי זי װאָלט ניט פֿאַרשטאַנען װאָס ער זאָגט. איר בליק האָט זיך פֿון אים אַראָפּגעגליטשט צום קאַסטן און אין דעם מאָמענט האָט דער קאַסטן אויסגעזען אין אירע אויגן װי אַן אָרון פֿאַר טויטע...

ניט לאַנג נאָך דעם פֿאַל איז גדי אומגעריכט געקומען אויף אורלויב. ער איז געװען אַ ביסל מאָגערער װי פֿריִער. דאָס פֿאַרברענטע פּנים פֿון דער מידבר־זון האָט מיט גאָרנישט ניט דערמאָנט די איבערגעלעבטע װאָכן אין די שוצגראָבנס. זײַנע אויגן האָבן אָפּגעהיטן די אַמאָליקע קלאָרקייט און דאָך האָט מלכּה אויסגעפֿונען אין זײ פֿאַרבאַהאַלטענע מידקייט און אויפֿבליצן פֿון טרויער. ס׳האָט אָבער געקאָנט זײַן, אַז עס האָט זיך איר אַזוי אויסגעװיזן.

אין די עטלעכע טעג װאָס גדי איז געװען אין דער היים, האָט ער זיך ניט אויפֿגעהערט צו װיצלען און אַרומשטיפֿן מיט אורלי. איידער מען האָט זיך אַרומגעזען איז דער אורלויב פֿאַרבײַ. דאָס ספּאָרטהעמדל, די קורצע זומער־הייזלעך און די סאַנדאַלן זענען װידער פֿאַרביטן געװאָרן אויף די הויכע, זעלנערישע שיך, אויף די גרינע כאַקי־בלוזקע און הויזן, װאָס מלכּה האָט אין אַזוי פֿיל װאַסערן געשװאָנקען ביז זי האָט פֿון זײ אַרויסגעשװאָנקען יעדן טראָפּן שװייס, זאַמד און אַלע מלחמה־ריחות. גדי האָט פֿאַרװאָרפֿן אויף זיך דעם רוקזאַק און איז אַװעק צוריק אין יענע מקומות, װאָס עס רעדט זיך װעגן זײ אין ראַדיאָ און פֿון װעלכע די צײַטונגען האָבן אַזוי פֿיל צו שרײַבן און באַשרײַבן.

גדי איז אַוועק און צוזאַמען מיט אים איז אַוועק דאָס ביסל רו און פֿרייד פֿון דער היים. מען האָט ווידער געוואַרט אויף אַ קלונג פֿונעם טעלעפֿאָן, אויף עטלעכע געאײַלטע שורות. מלכּה האָט ווידער געגרייט, צוויי מאָל אין וואָך, פּעקלעך מיט זיסוואַרג. עס האָט ניט געהאָלפֿן וואָס אורלי האָט זיך בײַ איר געבעטן:

— אמא, מע דאַרף ניט איבערטרײַבן. ס'איז גענוג איין פּעקל אַ וואָך. ס'זענען פֿאַראַן מאַמעס וואָס שיקן נאָר איין מאָל אין חודש און גלייב מיר, אַז זיי האָבן ניט ווינציקער ליב זייערע זין, ווי דו, דײַן גדי.

מלכּה האָט געשיקט, געשיקט און מיט אַ מאָל האָבן די פּעקלעך אָנגעהויבן צוריקצוקומען און נאָך זיי אַ מיטטיילונג פֿונעם זיכערהייטס־מיניסטעריום, אַז גדי איז נעלם געוואָרן בשעת אַ דעסאַנט־אַקציע אויף יענער זײַט קאַנאַל. מסתּמא אַרײַנגעפֿאַלן אין פּלען צו די מיצרים. עס ווערט געפֿירט אַן אויספֿאָרשונג. דאָס מיניסטעריום וועט אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער משפּחה — — —

דער קאָנטאַקט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן, נאָר קיין רעזולטאַטן האָט דערווײַל די אויספֿאָרשונג ניט געגעבן. יעדער קלונג פֿון טעלעפֿאָן האָט אָפּגעהילכט ווי אַן אַליאַרם־גלאָק. בײַ יעדן פֿאַרהאַלטן זיך פֿון אַן אויטאָ לעם הויז האָט זיך דער אָטעם פֿאַרהאַקט. מלכּה האָט מורא געהאַט צוצוגיין צום פֿענצטער און אַרויסקוקן. בכלל איז זי פֿון שטוב כּמעט ניט אַרויס, כּמעט די קליידער ניט געביטן. בלויז אין יענעם טאָג ווען זי איז צו דער טרעפֿערקע געפֿאָרן האָט זי זיך איבערגעטאָן אין אַ לײַטישערן בגד.

מלכּה האָט קיין מאָל ניט געטראַכט, אַז זי וועט דאַרפֿן, אַז זי וועט מסוגל זײַן גיין צו אַ טרעפֿערקע. אַז אין איר באַדרענגעניש וועט זי זוכן הילף דאָרטן וווּ זי קאָן צום ווינציקסטן געהאָלפֿן ווערן — און אָט געפֿינט זי זיך דאָ און וואַרט אויף איר ריי. דערנעבן, אויף אַ קליין טישל, זענען געלעגן אילוסטרירטע זשורנאַלן, נאָר מלכּה האָט זיי ניט אָנגערירט. יעדע פּאָר מינוט האָט זי געוואָרפֿן אַ בליק צום האַנטזייגערל. דאָס איז געווען דאָס פּאַמעלעכדיקסטע זייגערל אויף דער גאַנצער וועלט.

אינעם צימער זענען נאָך עטלעכע מענטשן געזעסן: אַ פֿרוי מיט אַ קלײנינק הינטעלע אויפֿן שויס, צוויי עלטערע מענער וואָס האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ שטילן וויכּוח, אַ יונגער־מאַן אין אָפּגעטראָגענע דזשינס־הויזן, אַ געבלימט העמדל, מיט לאַנגע האָרקודלעס און באָרד. ער האָט געדרייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און געצופּט זיך די האָר, ווי די באָרד וואָלט אים געשטערט און ער האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פֿון איר. אַנטקעגן אים האָט זיך אַ יונגע דאַמע מיט גרין־באַפּאַרבטע אויגן־אַפּלען געפּלײַסט צוצוצײַען זײַן בליק צו אירע אָפּגעבערענטע קני און צו איר אָפּגעברענטן שמייכל. דער בחור האָט זיך אָבער אויף איר ניט אומגעקוקט.

ענדלעך האָט זיך מלכּה דערוואָרט. די טרעפּערקע איז אַרויסגעקומען און זי אַרײַנגעבעטן אינעם אַנדערן צימער. דאָס צווייטע צימער האָט מלכּהן דערשטוינט מיט דער איבערגעלאָדנקייט פֿון כּל־מיני חפֿצים: קודם־כּל די אומדערוואַרטע קילקייט, די האַלב־טונקלקייט, דער ווייכער טעפּעך פֿון וואַנט צו וואַנט, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט די טריט און אויך דער ברייטער טיש באַצויגן מיט אַ גרינעם געוואַנט. אויף אים זענען צעשטעלט געווען סלאָיִקעס מיט פֿאַרשיידענע פֿליסיקייטן. יעדע פֿליסיקייט מיט איר קאָליר. לעבן זיי, שאַכטלען מיט שטיינדלעך, מיט פֿאַרטריקנטע גראָזן. ס'האָבן אויך ניט געפֿעלט קיין קייטעלעך, פּאַטשערקעס און ביינדלעך. אין סאַמאָראָדנעם מיט פֿון טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער גלעזערנער באַלעם אָנגעפֿילט ביז דער העלפֿט מיט גרין וואַסער. די ווענט זענען באַהאָנגען געווען מיט קמיעות און צווישן זיי — אײַנגעראָמטע בריוו פֿון קליענטן מיט ליבווערטער פֿאַר דער טרעפּערקע.

דער טיש, די פֿאָטעלן, די באַגלאָזטע שאַפֿעס זענען געווען מגושמדיק און מאַסיוו. די טרעפּערקע אַליין איז אויך געווען ווי אַ מין מעבלשטיק: אַ זייער, זייער דיקע פֿרוי מיט זייער פֿעטע פֿינגער און דרײַ גוידערס. ווען זי האָט גערעדט האָבן אַלע דרײַ גוידערס מיטגערעדט. איר עבֿרית איז געווען צעקאַליעטשעט מיט אַ בולטן אונגאַרישן אַקצענט. ווען זי האָט ניט געוווסט אַ וואָרט, האָט זי זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט יידיש.

מלכּה האָט זיך פֿון ערשטן אויגנבליק באַצויגן צו איר מיט געמישטע

געפּילן. שוין דאָס אַליין וואָס זי דאַרף אָנקומען צו איר, איז גענוג געווען זי זאָל די טרעפּערקע פֿײַנט האָבן. פּונקט ווי די טרעפּערקע וואָלט שולדיק געווען וואָס זי האָט זיך געלאָזט באַהערשן פֿון אימפּולסן, וואָס האָבן זי אָוועקגעשלעפּט אויף בלינדע וועגן צו אָבערגלויבנס, צו העלזועריי, צו ניט־רעאַלקייטן, וואָס קאָנען בלויז פֿאַרפֿירן. פֿון דער אַנדערער זײַט, איז די טרעפּערקע געווען פֿאַר מלכּהן דער צווייטער עק פֿון לעבן צו וועלכן מען אַנטלויפֿט, ווען אַלע בריקן פֿאַלן אײַן, ווען פֿון אַלע גלויבנס, אַלע האָפֿענונגען ווערט אַ וויסטעניש און דו בלײַבסט אין דעם מידבר אין גאַנצן אַליין.

ווען די טרעפּערקע, פֿרוי מאַטילדאַ, האָט געזען, אַז מלכּה איז אַ ניט־דעצידירטע געבליבן שטיין בײַ דער טיר, האָט זי אָנגענומען מלכּהן לײַכט פֿאַרן אָרעם און מיט אַ שמייכל זי פֿאַרבעטן צום טיש.

— גברת זיך זעצן, מאַכן באַקוועם, פֿילן זיך היימיש — האָט זי אויסגעזונגען די ווערטער מיט אַ פֿרעמדן ניגון.

ווען מלכּה איז שוין געזעסן, איז פֿרוי מאַטילדאַ אַריבער צום צווייטן זײַט טיש און אַראָפּגעלאָזט איר שווערן גוף אין דעם לעדערנעם פֿאָטעל. ערשט איצט האָבן זיךביידע פֿרויען רעכט אָנגעקוקט. אָנגעקוקט זיך, אָנגעשוויגן זיך צו דער זעט, האָט פֿרוי מאַטילדאַס קול ווידער אויפֿגעזונגען:

— גברת מיר אַ בריוו געשריבן. מאַטילדאַ ווייסט. גברת ניט צו פֿיל צוטרוי צו מאַטילדאַ, נאָר, אַז גברת געקומען מוז גברת זיך פֿאַרלאָזן! מאַטילדאַ זאָגן אַלץ. מאַטילדאַ ניט קאַרגן קיין מי! גברת בלויז זײַן אָפֿנהאַרציק.

מלכּה איז געוואָרן אומרויִק. געדרייט זיך אויפֿן שטול. ווי קאָן זי זיך אָנפֿאַרטרויען צו אָט דער פֿרעמדער פֿרוי? וואָס קאָן די טרעפּערקע איר שוין זאָגן וועגן איר גדי? אויב די מיליטער־לײַט ווייסן ניט ווו איר זון איז אַהינגעקומען, וועט זי עס וויסן? מיט וועלכן כּוח? מיט אָט די אַלע ביינדלעך, שטיינדלעך און גראָזן, וואָס זענען צעשפּרייט אויפֿן גרינעם טוך פֿון טיש און אין די שאַפֿעס? זי דאַרף זיך אויפֿהייבן און אַנטלויפֿן.

אויב זי וועט עס איצט ניט טאָן, וועט זי שפּעטער זיך שעמען צו קוקן אין די אויגן אַרײַן פֿון איר מאַן און טאָכטער. מלכּה איז אָבער געבליבן זיצן. עפּעס אַ פֿאַרהוילענע קראַפֿט האָט זי געהאַלטן צוגעשמידט צום אָרט און די זעלבע קראַפֿט האָט זי אויך געצוווּנגען צו ענטפֿערן:

— כ׳פֿאַרלאָז זיך פֿולשטענדיק אויף אײַך. מיר קאָנען אָנהייבן. איר קאָנט פֿרעגן.

די טרעפֿערקע האָט אָבער גאָרנישט ניט געפֿרעגט. זי האָט מיט אירע גראָבע פֿינגער אַרומגענומען דעם גלעזערנעם באַלעם און אין אים אַרײַנגעוואָרפֿן עטלעכע אומפֿאַרשטענדלעכע פּסוקים. דאָס גרינע וואַסער האָט זיך צעברויזט און צעשוימט. די טרעפֿערקע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿונעם וואַסער, ביז דאָס וואַסער האָט זיך אײַנגעשטילט. ערשט דעמאָלט האָט זי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופֿן. מלכּה האָט געקוקט אויף אירע ליפּן און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. מלכּה האָט געקוקט אויף אירע פֿינגער, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דעם באַלעם און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס האַלט זי ניט דעם באַלעם, נאָר איר קאָפּ. אָט באַלד וועט זיך דער קאָפּ צעשפּאַלטן. אַלע פּחדים, אַלע פֿינצ־טערע רעיונות וועלן פֿון אים אַרויספּלייצן מיט אַ גרינער שליימיקײַט און זי, צוזאַמען מיט דער טרעפֿערקע, מיט אַלע אירע שאַלעמויזן וועלן דערטרונקען ווערן אין אָט דער גרינער ביטערניש און קיינער וועט ניט וויסן ווו זי איז אַהינגעקומען — —

אין שיין פון נר־תמיד

זיי זענען נאָך געזעסן שיבעה. אויפֿן ערשטן בליק האָט די שטוב ניט אויסגעזען ווי אַ שטוב פֿון אַבלים. דער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ ווײַסן סערוועט און בלומען האָבן זיך דאָרט געפֿונען און גלעזער טיי מיט כּיבוד. יואל האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גאַסט־געבער. זײַן פּנים איז געווען אָפּגעצערט און בלייך, אָבער צוליב דעם רויטלעכן האָראָנוווקס, האָט זיך די בלייכקייט ניט אַזוי שטאַרק אָנגעזען. אַרום אים זענען געזעסן צוויי־דרײַ קרובים מיט זייערע ווייבער, עטלעכע שטאָטישע און אַ פּאָר שכנים. צווישן זיי — אַ פּאָרל פֿון אַמעריקע. יואלס אַ יוגנט־חבר, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אין חדר געגאַנגען.

דער לאַנדסמאַן איז געווען אָנגעטאָן אין דרײַפֿערטל־הויזן. פֿון זיי האָבן זיך אַרויסגעזען אַ פּאָר אויסגעהאָרעוועטע פֿיס, פֿול מיט בלויע אָדערן. זײַן מיסיס האָט געטראָגן אַ געבלומט קלייד מיט אַ ברייטן דעקאָלט. אויף דער פֿולכנער האַנט האָט געבלישטשעט אַ גאָלדענער בראַסלעט צו וועלכן עס זענען געווען צוגעטשעפּעט אַ פּאָר מטבעות און עטלעכע גאָלדענע באַמבעלעך. די מטבעות און די באַמבעלעך האָבן אונטערגעקלונגען יעדעס מאָל ווען זי האָט אויפֿגעהויבן די האַנט אָפּ־צווישן זיך די ליפּן מיט אַ סערוועטקע, אָדער בײַם פֿאַרריכטן זיך די מיט ספּריי באַשפּריצטע, שטייפֿלעכע האָר. אין זייער ברייטן, וואַרשעווער יידיש מיט „יאָך״ און מיט „ענק״ האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט דער ענגלישער „יו נאָו״, „עקזעקטלי״ און „עקסקיוז מי״.

זיי זענען געקומען קיין „איזראַעל״ אין סאַמע מיטן פֿונעם אויס־

מאַטערונגס־קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה. ניט געקאָנט זיך אײַנהאַלטן מער. מען האָט זיי געוואָרנט, אַז מען שיסט בײַם קאַנאַל, אַז ס׳איז אַ סכּנה.

בײַם קאַנאַל שיסט מען — האָבן זיי זיך געקלערט — אָבער אין תל־אביב איז רויק. דעם גולן קאָן מען באַזוכן. בײַם כּותל דאַוונט מען. זענען זיי געקומען און זיי באַדויערן עס גאָרניט.

דער וואַרשעווער אַמעריקאַנער האָט פּאַרזיכערט יואלן, אַז ער האָט סײַ ווי בדעה געהאַט צו קומען זיך זען מיט אים און זיך באַקענען מיט זײַן משפּחה, נאָר ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער באַזוך וועט זײַן בײַ אַזעלכע — — — דאָ האָט ער זיך אויף אַן אויגנבליק אָפּגעשטעלט. געוואָלט זאָגן: בײַ אַזעלכע טראַגישע אומשטענדן, צוריקגעכאַפּט זיך, געזוכט אַ פּאַסיקערן אויסדרוק און ניט געפונען. האָט ער אומבאַהאָלפן אַ צעפּיר געטאָן מיט די הענט און אַרויסגעשטאַמלט:

— ווער האָט זיך אויף אַזוינס געקאָנט ריכטן?

זײַן פרוי האָט אָפּגעזיפצט:

— אַ רחמנות אויף די יונגע־לײַט, וואָס געבן נאָך אַלץ אַוועק זייערע יונגע לעבנס!

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף אירע רייד. ס׳איז געוואָרן פריקרע שטיל. די, וואָס האָבן געזופּט פון דער טיי, האָבן די גלעזער צוריקגעשטעלט אויף די טעצעלעך.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך ווידער געלאָזט הערן. ער האָט אַ מאָל געלייענט אין אַ „פּייפּער” אַ זאָג פון אַ פּערזענלעכקייט, אַז אַ מדינה טראָגט מען ניט אַנטקעגן אויף אַ זילבערנעם טאַץ:

— דזשאַסט ע מיניט — האָט ער געקנייטשט דעם שטערן — ווער האָט דאָס געזאָגט?!

ס׳איז אים אָבער ניט געראָטן צו דערמאָנען זיך.

די שטימונג איז געוואָרן געדריקטער. יוכבד איז אַרויס אין קיך און געבראַכט פרישע גלעזער טיי. יואל האָט זיך באַמיט אַנצוהאַלטן דאָס געשפּרעך. ער האָט גערעדט וועגן זון, ווי ער וואָלט נאָך געלעבט.

דערציילט וואָס ער טוט. וואָס ער האָט ליב. מיט וואָס ער פּאַראינטערע־סירט זיך. בלויז דער נר־תּמיד און די ווײַסע גלאַדיאָלן וואָס זענען געשטאַנען נעבן דער פֿאַרגרעסערטער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונעם זון, האָבן דערמאָנט אַז דאָס אַלץ וואָס יואל דערציילט איז שוין פֿאַרבײַ אויף ניט אומצוקערן זיך. יואל האָט גערעדט פֿרײַ, מיט אַ שמײכל פֿון שטאָלץ וועגן יואבן. ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ טאַטן, וואָס וויל זיך אַ ביסל באַרימען מיט די מעלות פֿון זײַן בן־יחיד.

יוכבד האָט ניט אָנטייל גענומען אינעם געשפּרעך. בלויז פֿון צײַט צו צײַט האָט זי עפּעס צוגעגעבן צו איר מאַנס רייד. יוכבד, דערקעגן, האָט יאָ גערעדט וועגן זון אין זמן עבר:

— אַז יואב פֿלעגט לאַכן — האָט זי געזאָגט — איז עס געווען ניט בלויז מיטן מויל, נאָר מיטן גאַנצן פּנים. מיט די אויגן.

אָדער:

— יואב האָט אונדז ניט דערלויבט זיך משתדל זײַן אַז מ׳זאָל אים ניט נעמען אין קיין קאָמפּס־איינהײַט. אמא — האָט ער געזאָגט — יעדער זון איז בײַ זײַנע עלטערן אַ בן־יחיד און ווער וועט מלחמה פֿירן?!״

בשעת יוכבד האָט גערעדט, האָט יואל אויף איר געקוקט מיט אָנשטרענגונג. זײַנע בליקן זענען אָנגעהאַנגען געווען אויף אירע ליפּן, ווי זיי וואָלטן אַכטונג געגעבן זי זאָל, חס־וחלילה, ניט נכשל ווערן מיט עפּעס אַן איבעריק וואָרט. ערשט ווען זי האָט געענדיקט, האָט די אָנשטרענגונג נאָכגעלאָזט און ער האָט דאָס פּנים צוריק אויסגעדרייט צום עולם.

די צוויי טוריסטן זענען גורם געווען, אַז דאָס געשפּרעך זאָל זיך פֿאַרקערעווען צום אַמאָליקן וואַרשע. עס איז אַוועק אַ גערייד וועגן ווײַבערישע שײַטלען, חסידישע היטלעך און כאַלאַטן. וועגן דראָשקעס און טראַמווײַען. וועגן זאַקסישן גאָרטן און וועגן מאכלים. מען האָט זיך דערמאָנט אין אַן אַ שיעור מענטשן און פֿריילעכע פּאַסירונגען. דער און יענער האָט זיך אַפֿילו דערלויבט הויך אויף אַ קול אַ לאַך צו טאָן. אַלע אין איינעם האָבן, ווי לויט אַ ניט־געשריבענעם אָפּמאַך, אויס־

געמיטן צו רעדן וועגן וואָרשע בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, וועגן געטאָ־אויפשטאַנד. איז במילא ניט אויסגעקומען צו דערמאָנען יואלס ערשט ווײַב און זײַן איין און איינציק יינגעלע. דער זכר פון יענע גרוילן און דער ציטער פון דעם וואָס עס איז איצט געשען אין מידבר, בײַ די וואַסערן פון קאַנאַל, האָט סײַ־ווי אַרומגעשוועבט איבער אַלעמענס קעפ. ס׳איז געווען גענוג צו וואַרפן אַ בליק צום ספרים־אַלמער און דער בליק זאָל זיך גלײַך אָנשטויסן פון איין זײַט אויפן קליינעם, אײַנגערעמטן בילדעלע פונעם יינגעלע אין ווינטערדיקן קאַשקעטל מיט די אַראָפּ־געלאָזטע, וואַטענע אויערן, לאַנגע זאָקן און קאַלאָשן. מיט די גרויסע, נײַגעריקע אויגן און, פון דער אַנדערער זײַט — מיטן פאַרגרעסערטן בילד פונעם צה״ל־זעלנער אינעם מיליטערישן דזשיפּ, אויפן פאָן פון די געפאַלדעוועטע דיונעס.

די שײַן פונעם נר־תמיד האָט צו גלײַך באַלויכטן ביידע בילדער. די שײַן פון נר־תמיד האָט אָפּגעווישט דעם מרחק פון צײַט און פון אָרט. דאָס פלעמל האָט פאַרגאָסן זײַנע הייסע, חלבנע טרערן איבער די צוויי לעבנס, וואָס זענען פאַר דער צײַט פאַרשניטן געוואָרן.

אברהם

א

און עס איז געווען אין די טעג פֿון היטלער. און די שטאָט וואַרשע איז באַלעגערט און באַשאָסן געוואָרן פֿון זײַנע חיילות אויף דער ערד און פֿונעם הימל. און די שטאָט וואַרשע האָט געברענט פֿון אַלע זײַטן. און קיין וואַסער איז ניט געווען צו לעשן דאָס פֿײַער. און דער וואַרשעווער ייִד, אברהם, איז געשטאַנען פֿאַר גאָט. און אַברהם האָט געגענט און האָט געזאָגט:

— ניט שוין וועסטו אומברענגען דעם אומשולדיקן? און וועסט ניט פֿאַרגעבן דאָס אָרט פֿון וועגן די אומשולדיקע? חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך! זע, איך בעט דיך, איך אונטערשטיי מיך צו רעדן צו מײַן האַר, הגם איך בין שטויב און אַש!

און גאָט האָט פֿאַרדעקט זײַן פּנים מיט רויך און מיט פֿלאַמען פֿון דער ברענענדיקער שטאָט. און אַברהם האָט בחינם געהויבן זײַן קאָפּ צו די הימלען.

און שׂרה, זײַן ווײַב, און יצחק, זײַן זון, זענען פֿאַרצערט געוואָרן פֿונעם בראַנד.

איז אַברהם, דער וואַרשעווער ייִד, געפֿאַלן אויף זײַן פּנים און אַזוי געזאָגט צו גאָט:

— האָסט פֿאַר אַברהם אָבינו געהאַט צוגעזאָגט: און איך וועל אויפֿשטעלן מײַן בונד צווישן מיר און צווישן דײַן זאָמען נאָך דיר אויף דור־דורות!

שטום זענען אָבער געווען די הימלען. ווײַט זענען געווען די הימלען. און זיי האָבן געמאַכט רעגענען מיט שוועבל און פֿלאַמען.

איז אַברהם ווידער געפֿאַלן אויף זײַן פּנים און אַזוי געזאָגט צו גאָט:

— צו אַברהם אָבינו האָסטו יאָ געשיקט דעם מלאך ער זאָל אים פֿאַרהאַלטן ווען ער האָט זײַן יצחקן מיט שטריק געבונדן און אים אַרויפֿגעטאָן אויפֿן מזבח איבערן צעלייגטן האָלץ, כּדי אים אויפֿצוברענגען אויף דער עקדה! דער מלאך האָט דעמאָלט גערעדט אין דײַן נאָמען: איך שווער בײַ זיך — האָסטו געזאָגט דורך זײַן מויל צו אַברהם אָבינו — אַז, ווײַל דו האָסט געטאָן די דאָזיקע זאַך און האָסט ניט פֿאַרמיטן דײַן זון, דײַן איין־און־איינציקן, איז בענטשן וועל איך דיך בענטשן און מערן וועל איך דיך מערן! — יענעם יצחק האָסטו געשוינט, אָבער מײַן איין־און־איינציקן און צוזאַמען מיט אים זײַן מאַמע, ליגט פֿאַר דײַנע אויגן דאָ אונטערן ציגלבראָך פֿון דעם אײַנגעפֿאַלענעם מויער!

און אַברהם, דער וואַרשעווער ייִד, האָט געזען אַז גאָט האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן, האָט ער קריעה געריסן און זיך געזעצט אויפֿן באַרג אַש קלאָגן און באַוויינען זײַנע ליבסטע.

ב

און עס איז געווען נאָכן גרויסן אומקום. און אַברהם, דער ייִד פֿון וואַרשע, האָט זיך געפֿעדערט און איז אויפֿגעגאַנגען אין לאַנד כּנען. ער איז פֿון די שבעה־מדורי־גיהנום בגפֿו געקומען. אָן שאָף און אָן רינדער. אָן זילבער און אָן גאָלד. און אַברהם איז שוין געווען אַ באַטאָגטער מאַן.

און נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז דאָס וואָרט פֿון גאָט ווידער געווען מיט אַברהמען. ווײַל ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער הערט דורך די וואָלקנס אַ קול:

— חלילה דיר זאָלסט פֿאַלן בײַ זיך. איך האָב דיך פֿון עמק־הבכא דערהויבן. פֿון קאַלכאָויוון אַרויסגעצויגן און צוריקגעבראַכט אין לאַנד פֿון דײַנע אָבות. דערמאָן זיך וואָס כ׳האָב געהאַט צוגעזאָגט פֿאַר אַברהם בן־תּרח: צו דײַן זאָמען וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד! איז קוק ניט וואָס דו ביסט באַיאָרט. שטיי אויף, זוך אויס אַ בת־זוג און שטעל אויף אַ משפּחה.

האָט אַברהם, דער ייִד פֿון וואַרשע, געלאַכט און געזאָגט ביי זיך אין האַרצן:

— קאָן אַ מאַן אין מײַנע יאָרן נאָך אויפֿשטעלן אַ דור?

און אַברהם איז אַוועק איבערן לאַנד צו זוכן פֿאַר זיך אַ בת־זוג. און אַברהם האָט געטראָפֿן אַ פֿרוי זיצן ביי אַ שוועל. און די פֿרוי האָט פֿאַרבעטן אַברהמען. און די פֿרוי האָט געבראַכט אַ קרוג מיט וואַסער אויף אַרומצווואַשן זײַנע פֿיס און אַ שטיקל ברויט אויף אונטערצולעגנען זײַן האַרץ. און די פֿרוי האָט זיך געשעמט אויפֿצוהייבן די אויגן, ווען זי האָט אויף זײַן שאלה אים געזאָגט, אַז איר נאָמען איז שׂרה. און אַברהם האָט אין דעם געזען אַ צייכן אַז גאָט איז מיט אים און שׂרהן מיטגענומען צו זײַן געצעלט.

און די לבנה איז צוועלף מאָל אויפֿגעגאַנגען און צוועלף מאָל זיך געטוקט און שׂרה איז טראָגעדיק געוואָרן. און שׂרה האָט געבראַכט אַ בן־זכר אויף דער וועלט. און דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן יצחק. און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז אַנטוויינט געוואָרן. און טאַטע־מאַמע האָבן נחת געהאַט פֿונעם געראָטענעם זון. און יצחק איז פֿון אַ קינד אַ בחור געוואָרן.

און עס איז געווען אין יענער צײַט, ווען די חיילות פֿון מצרים און פֿון אַרם האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן לאַנד ישׂראל. געוואָלט עס פֿאַרווונ־דיקן און צעשנײַדן, אַוועקנעמען די וואַסערקוואַלן, ס׳זאָל ניט זײַן וואָס צו טרינקען. און פֿאַרברענען די תּבֿואות פֿון די פֿעלדער, ס׳זאָל ניט זײַן וואָס צו עסן. האָבן די זין פֿון ישׂראל זיך אויפֿגעהויבן און מיט גרימצאָרן זיך געוואָרפֿן אויף די אָנפֿאַלערס. און אין זעקס טעג זיי צוריקגעשלײַ־דערט און זיי פֿאַרשאַפֿט אַ סך אבֿדות.

און די פֿעלקער פֿון מצרים און פֿון אַרם האָבן זיך פֿאַרשווירן אָפּ־צומעקן די בני־ישׂראל פֿון דער ערד. און די וואָס ווען זיך ראַטעווען פֿון זייער שווערד — אין די ים־טיפֿענישן וואַרפֿן.

און אין פֿאַרכטיקן טאָג פֿון יום־הדין, ווען די בני־ישׂראל זענען געווען פֿאַרשמאַכט פֿון תּענית און פֿון תּפֿילות, ווען פֿון אונטער די

טליתים אַפּיר האָבן זיי געבעטן אויף אַ גמר־חתימה־טובה. אין יענעם טאָג האָבן די מצרים און די מחנה פֿון אַרם ווידער זיך אַ לאָז געטאָן. די פֿון מערב און די פֿון צפֿון. די פֿון די בערג און די דורכן מידבר. די — מיט פעך און שוועבל און די — מיט פעך און שוועבל. אין די טויזנטער זענען זיי געקומען. אין די צענער טויזנטער. אַלץ האָבן זיי פֿאַראומ־רייניקט. אַלץ פֿאַרלענדט: די בהמה אין שטאַל, די פּרוכט אויפֿן בוים, דאָס גערעטעניש פֿונעם פֿעלד.

און די מענער פֿון ישראל זענען אַרויס פֿון די געבעטהײַזער, אויסגעטאָן די טליתים, אַוועקגעלייגט די מחזורים, געקושט ווײַב און קינדער, געזעגנט טאַטע־מאַמע און אַוועק פֿאַרהאַלטן די שׂונאים.

און צווישן די מענער האָט זיך אויך געפֿונען יצחק, אַברהמס זון, וואָרעם יצחק איז שוין אַ מאַן געווען. אַ מאַן מיט מענער גלײַך.

און יצחק, דער זון פֿון אַברהם, איז פֿון בראַנדפֿעלד ניט צוריק־געקומען. מען האָט אים ניט געציילט צווישן די טויטע. אויך צווישן די פֿאַרווונדיקטע האָט מען יצחקן ניט געפֿונען. מ׳האָט אַברהמען געטרייסט: אפֿשר איז דער זון אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ער וועט זיך נאָך אָפּרופֿן.

און אַברהם, דער ייִד פֿון וואַרשע, וואָס האָט שוין איין מאָל זײַן איין־און־איינציקן פֿאַרלוירן, איז פֿון גאָט געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ נײַעם נסיון.

און אַברהם האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ צו די הייכן. און געטאָן אַזוי רעדן:

— אונטערגיין זאָל דער טאָג וואָס איך בין אין אים געבוירן געוואָרן און די נאַכט וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז מײַן ייִנגל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ס׳האָט מיך אַ פחד געטראָפֿן און אַ ציטערניש און אַלע מײַנע ביינער צעשוידערט. קאָפּויער געשטעלט מײַנע גרויע האָר אויפֿן קאָפּ. דער, וואָס גיט רעגן אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד און שיקט וואַסער אויפֿן געזיכט פֿון די פֿעלדער, זאָל זיך מרחם זײַן און טאָן מיט מיר דעם לעצטן חסד און מציל זײַן מײַן קינד. און מיך ניט אויספּרוּוון צום צווייטן מאָל!

סוכות תשל״ד

דאָרט ווו אַלץ פֿאַרשווינדט. דאָרט ווו אַלץ פֿאַרגייט

אין די מלחמה־טעג פֿון יום הדין, אין סאַמע ברען פֿון די שלאַכטן, איז געפֿאָרן אַ דזשיפּ איבער די רחבֿותן פֿון מידבר סיני. און אין דזשיפּ — אונדזער אַלטער, גוט־באַקאַנטער קונצן־מאַכער מיט זײַן אויסגעריבענעם צילינדער, שוואַרצן כּישוף־שטעקעלע און מיט דער סודותפֿולער וואַליזע. די פֿראָנטזעלנער האָבן שוין אויף אים געוואַרט. ס׳איז געווען בשעת אַן אָטעם־פּויזע נאָך אַ שווערן קאַמף.

ערגעץ הינטער אַ בערגל האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, די פֿון רויך אַדורכגענומענע און פֿון שווייס דורכגעווייקטע קריגערס אין אַ האַלב־קרײַז. דעם רימענט לויז געמאַכט. די אײַזערנע קאַסקע — אויסגעטאָן. דעם „עוזי״ אויף די קני. בלויז דער מידבר־שטויב איז געבליבן ווי געווען צווישן די האָר פֿון קאָפּ, אויפֿן פּנים און אויף די ברעמען. אויף דער מיליטערישער בלוזע און אויף די שווערע שיך.

און אונדזער גוט־באַקאַנטער, כּמעט באַנאַלער קונצן־מאַכער, האָט אַוועקגעשטעלט זײַן טישל מיטן גרינעם צודעק אין דער סאַמער וויסטע־ניש פֿון דער וועלט. און אין דער אומרעאַל־רעאַלער געל־גרויער זאַמדי־קייט איז ער געשטאַנען מיט זײַן כּישוף־שטעקעלע ווי אַ נבֿיאַער גאָט. אַ גאָט אין אַ צילינדער. און ער האָט באַפֿוילן, אַז דאָס שטעקעלע זאָל באַשאַפֿן עטלעכע טיולענע טיכער. האָבן זיך באַלד באַוויזן עטלעכע טיולענע טיכער. און זיי האָבן אויפֿגעפֿלאַטערט מיט ראָזע, מיט גרין און מיט בלוי.

צענדליקער פּאָר ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן האָבן צוריקגעשימערט

מיט ראָזע, מיט גרין און מיט בלוי. דאָ און דאָרט האָט זיך פֿון אונטערן מלחמה־שטויב, וואָס איז געלעגן אויף די זעלנערישע פּנימער, באַוויזן אַ מידער שמייכל. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט עטלעכע באַוווּנדע־רונגס־אויסרופֿן.

„וירא כי טוב" — האָט דער נײַער גאָט אינעם צילינדער פּאַמעלעך צונויפֿגענומען די קאָלירטע טיכער אין די פֿויסטן. די פֿויסטן צונויפֿ־געקוועטשט און ווען ער האָט זיי אַן עפֿן געטאָן זענען אַרויסגעפֿלויגן אַ פּאָר ווײַסע טויבן. די טויבן האָבן אַזוי אַרומגעקרײַזט עטלעכע מינוט אין דער איבלדיקער לופֿט אין וועלכער ס'האָבן זיך אויסגעמישט די ריחות פֿון בענזין און דינאַמיט מיט ריחות פֿון פֿאַרשרפֿעטע קערפּערס. זיי האָבן זיך אומגעקערט און זיך געזעצט אויף די צעשפּרייטע הענט פֿונעם קונצן־מאַכער. מיטן אָנריר פֿונעם שטעקעלע זענען די טויבן נעלם געוואָרן. די זעלנערישע הענט האָבן אים לאַנג און וואַרעם באַדאַנקט מיט אַ הילכיק פּאַטשן.

— ווי אַזוי מאַכסטו דאָס ?! — האָט איינער פֿון די קריגערס אויסגערופֿן.

— גאָר פּשוט — האָט אים דער קונצן־מאַכער געענטפֿערט — בלויז מיט די הענט. מען דאַרף האָבן געשיקטע און פֿלינקע פֿינגער — און דערבײַ האָט דער קונצן־מאַכער אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף אַ ברענענ־דיקן פֿײַנדלעכן טאַנק, וואָס האָט זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿונעם בערגל הינטער וועלכן די זעלנער זענען געזעסן. און נאָך אַ קליינער פּויזע נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט — מען דאַרף בלויז האָבן פֿלינקע פֿינגער ! — און צוגעגעבן : אַלץ קאָן מען מאַכן, ווען מען האָט געשיקטע הענט !

— אויב ביסט שוין יאָ אַזאַ הכּל־יכול, איז אפֿשר קאָנסטו מיט דײַן שטעקעלע אויפֿוועקן מײַנע צוויי חברים, וואָס זענען נעכטן געפֿאַלן נעבן מיר אין שלאַכט ? — האָט אַ צווייטער קריגער, כּמעט אַ קינד, מיטן ערשטן פּוך פֿון אַ באָרד, אים געפֿרעגט און זײַן שטים האָט געציטערט.

דער גאָט אינעם צילינדער האָט זײַן שליטה פֿאַרלוירן. דאָס כּישוף־

שטעקעלע אין זײַן האַנט האָט אים געבריט, ווי ניט קיין שטעקעלע פֿון האָלץ וואָלט עס געווען, נאָר אַן אָנגעגליט שטיק אײַזן.

דאָס ראָזע, דאָס גרין און דאָס בלוי האָט גענומען אין די זעלנערס אויגן אויסגיין. מיט אַ מאָל איז געוואָרן שטיל און די שטילקייט האָט געהאַט אַ געלבלעך־גרויען קאָליר, ווי אַלץ דאָ אין מידבר. די הענט, וואָס האָבן נאָר וואָס אַזוי הילכיק געפּאַטשט, זענען געבליבן שטאַרצן אין דער לופֿט און צום סוף אַראָפּגעפֿאַלן, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט פֿאַר דעם רעש וואָס זיי האָבן אָקערשט געמאַכט. די זעלנערישע בליקן זענען צוריק געוואָרן האַרט און שטרענג און צוזאַמען מיטן פֿרעגער געוואָרט אויף אַ תּשובֿה.

דער גאָט האָט זײַן צילינדער אויסגעטאָן און צוזאַמען מיטן שטעקעלע אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער וואַליזע. די וואַליזע פֿאַרקלאַפּט. אין דזשיפּ אײַנגעשטיגן און אַוועקגעפֿאָרן. אויף די קעמפּער זענען זיך ביסלעכווײַז פֿונאַנדערגעגאַנגען. בלויז די געשטעלטע פֿראַגע פֿונעם פּשוטן זעלנער וואָס איז נאָך כּמעט אַ קינד געווען, איז געבליבן. געבליבן און זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן די צעשמעטערטע לאַסטאויטאָס, אויפֿגעריסענע האַרמאַטן־העלדזער, ראַקעטן־שפּליטערס און זיך געוואָרגן מיט די מלחמה־רויכעס און ריחות, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף מײַלן און מײַלן, ביז צום האָריזאָנט, דאָרט ווו אַלץ פֿאַרשווינדט. דאָרט ווו אַלץ פֿאַרגייט.

די נײַע שכנים

די אַלטע יוכבד האָט געהאַט אויפֿן האַנט־געלענק אַן אויסטאַטואירטן נומער און אַ פֿאַרחושכט צריפֿל בײַם ראַנד פֿון דער מושבה, ניט ווײַט פֿון ים.

זי האָט געלעבט פֿון קיצבה און פֿון זכרונות.

אויף יענער זײַט סמבטיון זענען געבליבן איר מאַן, אירע זין און טעכטער. אירע שוועסטער, מומעס, פֿעטערס און קוזינען, אירע חברטעס און באַקאַנטע.

דאָ אַהער האָט זי מיטגעבראַכט דאָס הוילע שטיקל לעבן, וואָס איז יעדע נאַכט אונטערגעגאַנגען אונטער דער לאַסט פֿון דערמאָנונגען און מיטן טאָג אָנקום אַרויפֿגעשווומען אויף דער אויבערפֿלאַך און זיך צוריק אָנגעקניפּט צו דערווירקלעכקייט.

די יאָרן האָבן זיך פֿון איר אַראָפּגעוויקלט ווי באַנדאַזשן און ווי באַנדאַזשן — אָפּגעפֿאַלן. די וווּנד איז געבליבן.

די אַלטע יוכבד וואָלט אַזוי אָפּגעלעבט אירע פּאָר באַשערטע יאָר אַ פֿאַרגעסענע פֿון גאָט און לײַט אין איר פֿינצטערן צריפֿל, ווען עס וואָלטן זיך ניט באַוויזן די נײַע שכנים:

צווישן דער אַלטערס הילצערן קעמערל און שכנותדיקן הויז האָט זיך געצויגן אַ הילצערנער פּלויט. דאָס הויז איז פֿון כּמה און כּמה יאָרן געשטאַנען פֿאַרוואָרלאָזט און פּוסט. אַרום שטיינערנעם בנין האָבן זיך פֿון איין זײַט געפֿונען עטלעכע שורות עפּלביימער און פֿון דער אַנדערער

זײַט — אַ ניט גרויסער פּרדס. די עפּלביימער און דער פּרדס זענען ווי דאָס געבײַ געווען פֿאַרווילדעוועט און הפקר. טייל ביימער פֿאַרטריקנט, אַנדערע האַלב־פֿאַרטריקנט און נאָך אַנדערע מיט אַנעמיש־שיטערע בלעטערקרוינען. די עפּלביימער האָבן שוין פֿון לאַנג אויפֿגעהערט צו עפּלען אָבער זיך געסטאַרעט אויפֿצוהאַלטן, ווי ניט איז דאָס געבלעטער. געקעמפּט פֿאַר יעדן ביסל פֿײַכטקייט, פֿאַר יעדן טראָפּן טוי. די מאַראַנצנביימער האָבן זיך יאָ דערוועגט צו געבן זייער פֿרוכט. נאָר וואָס פֿאַר אַ פֿרוכט איז דאָס געווען? קליינע, האַרטע מאַראַנצעלעך, אָן זאַפֿט און אָן קאָליר. שיטער צעהאָנגען אויף די פֿאַרחלשטע צווײַגן האָבן זיי זיך קוים געהאַלטן און אַזוי אויף די צווײַגן ביסלעכווײַז אײַנגעגאַנגען.

דער גאַנצער שטח אַרום הויז און ביימער איז אַרומגערינגלט געווען מיט הויכע דערנער און ווילדע קרײַטעכצער, וואָס האָבן זיך פֿאַרמערט נאָך די ערשטע ווינטער־רעגנס. אָפּגעבליט, אָפּגעגרינט זענען זיי אַ גאַנצן זומער געשטאַנען און מיט זייער הויכער צעוואַקסנקייט און געדיכטעניש באַשיצט שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען און אַנדערע פֿויזנדיקע באַשעפֿענישן, וואָס האָבן זיך דאָרט געווימלט און געפֿרוכפּערט אָן אַ שיעור.

האָבן טאַקע מענטשלעכע פֿיס אויסגעמיטן יענעם פּלאַץ, אָבער דערפֿאַר האָבן זיי אומגעשטערט דאָס מיסט אַהין אַרײַנגעוואָרפֿן. צווישן שמאַטעס, זעק און פּאַפּירן האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע נאַפֿטאויוונס, אָפּ־געקראַכענע, אָפּגעבראָכענע אײַזקאַסטנס, פֿאַרזשאַווערטע פּרימוס־מאַשינ־קעס, אויפֿגעריסענע מאַטראַצן מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פּרוזשינעס און ווײַסע קנאָכן פֿון פֿערדישע פֿיס. די ברעטער פֿונעם הילצערנעם פּלויט האָט מען אויך ניט געשאַנעוועט. מיט יעדן יאָר זענען זיי ווינציקער געוואָרן.

אַזאַ איז געווען דאָס בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר די אויגן פֿון דער אַלטער, ווען זי פֿלעגט עפֿענען די טיר אין די פֿרימאָרגן־שעהען. אַרויסגעקומען פֿון איר טונקעלער נאָרע אויף גאָטס ברייטער, צעשײַנ־טער וועלט האָט זי זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף עלנטקייט, הפקרות און אונטערגאַנג. שוין ניט פֿון מענטשן, נאָר פֿון שטומע זאַכן. אונטער

די יונגע זונענשטראַלן איז עס נאָך בולטער געווען, נאָך שאַרפֿער זיך אײַנגעשניטן אין די אויגן.

★

מיט אַ מאָל האָט אַרום דעם אויסגעליידיקטן הויז זיך גענומען רודערן: לאַסטאויטאָס האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן אַהער און אַהין. דער האָט געבראַכט בלאָקן און זיפּזיף און יענער — צעמענט, געהילץ און רערן. דאָ האָט מען דאָס בראַכוואַרג און מיסט צונויפֿגעשאַרט און געמאַכט פֿון דעם אַ באַרג און דאָרט האָט עמעצער דעם דערנער־דזשונגל פֿאַר־ברענט. אַנדערע האָבן די אָפּגעטרוקנטע ביימער אויסגעקאָרטשעט און אַרומגעגראָבן די ערד אַרום די לעבעדיקע. זעגן און האַמערס האָבן זיך צעקלונגען און מיט זיי — אַ בעטאָן־מישער, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל פֿאַרכליניעט מיטן אייגענעם רויך און אָנגעפּילט די לופֿט מיט כאַר־כלענדיקער סאָפּערײַ.

ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג און דאָס אַלטע הויז האָט זיך אויסגעע־שיילט פֿון אַלטן שימל, אויסגעווײַסט און מיט ליכטיקע שויבן אַ גלאַנץ געטאָן אַנטקעגן דער זון. נײַע שטיינטרעפּ האָבן ווידער געפֿירט צו אַ נײַער, ברייטער, ניט־געפֿאַרבטער טיר פֿון נאַטירלעכן האָלץ־קאָליר מיט אַ גלאָק פֿון אויבן, מיט אַ באַגלאָזט „הערצל״ אין מיטן, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט זען ווער עס קלאַפּט, איידער מען האָט געעפֿנט די טיר און איידער דער גלאָק האָט זיך אויטאָמאַטיש צעקלונגען. אויך אַ פֿאַרקאַן איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן, אָבער שוין ניט פֿון האָלץ, נאָר פֿון בעטאָנענע סלופּעס, דורך וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעזען וואָס אין „הויף״ טוט זיך:

די עפּלביימער זענען גיך געקומען צו זיך. דער פּרדס איז אויך ניט געבליבן הינטערשטעליק — גענומען פֿאַרשמעקן די געגנט מיט באַנייטן כוח פֿון ווײַסע געבליטן.

צום פּרדס און סעדל איז צוגעקומען אַ בלומען־גאָרטן. בייטן ווי די סטרונעס האָבן זיך אַ צעצי געטאָן פּאַזע די פֿענצטער און אויף יעדן בייט זײַן סאָרט און זײַן קאָליר בלומען.

אַ גערטנער איז אַרומגעגאַנגען אין אַ גראַנאַטענעם קאָמבינעזאָן

מיט אַ שטרויענעם הוט אויפֿן קאָפּ און מיט גרויסע הענטשקעס אויף די הענט, וואָס זענען געווען אַ מין קאָמבינאַציע פֿון ליַוונט און לעדער, און אָפּגעהיטן דאָס באַגיסן צו דער ציַיט און עס זאָל זיך חלילה ניט אַריַינכאַפּן אַ פֿרעמד גרעזל אינעם בלומען־גאָרטן.

יוכבד האָט זיך צוגעקוקט צו די ניַיע איַינפֿירונגען און זיך געחידושט, וואָס זינט דער לעצטער האַמערקלאַפּ איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז אַוועק אַ שפּאָר ביסל ציַיט און די ניַיע שכנים זענען נאָך אַלץ ניט געקומען זיך צו באַזעצן.

חוץ דעם גערטנער, וואָס האָט זיך מטפּל געווען מיטן גאָרטן און געהיט דאָס הויז, האָט מען דאָרט קיינעם ניט געזען.

מיט דער ציַיט איז בלויז צוגעקומען אַ גרויסער ברוין־גרויער יאַגד־הונט מיט אַראָפּגעלאָזטע, לאַנגע אויערן און דאָס איז געווען אַלץ.

דער הונט, אַ זאַטער, אַן אויסגערוטער, אַ צופֿרידענער איז אַרומגעגאַנגען פֿראַנק און פֿריַי, געצויגן די לופֿט מיט די נאָסלעכע נאָזלעכער און קיין ברום ניט געטאָן. ביַי נאַכט, ווען אַנדערע הינט פֿון דער סביבה, האָבן הימלען געשפּאָלטן מיט זייערע בילעריַיען, אַפֿילו דעמאָלט האָט מען אים ניט געהערט. פּונקט ווי ער וואָלט קיין קול ניט געהאַט, קיין הונט ניט געווען און די הינטישע חשבונות זענען אים ניט אָנגעגאַנגען.

יוכבד האָט עפּעס ניט געהאַט קיין צוטרוי צום הונטס געלאַסנקייט. זי האָט זיך שוין ניט איין מאָל געהאַט אָנגעשטויסן אויף הינט פֿון זיַין גזע און פֿון זיַין גרייס און געזען צו וואָס זיי זענען מסוגל געווען.

איינע אַזאַ חיה האָט יוכבד געטראָפֿן אין אוישוויץ, וואָס אַזוי איז זי געלעגן מילד, ווייך און נאָכגיביק ביַי די גלאַנציקע שטיוול פֿון איר האַר. אָבער, אַז דער שטיוול האָט איר מיטן שפּיץ נאָסיק בלויז אַ ליַיכטן קיצל געטאָן אין בויך, האָט זיך דאָס אַ ריס געטאָן, אַ וואויע, און מיט שום אויפֿן פּיסק זיך געוואָרפֿן אויף איר קרבן. מיט די קליקעס געביסן, מיט די נעגל געריסן און ניט אָפּגעלאָזט אַזוי לאַנג ווי לאַנג דער קרבן האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פֿון לעבן...

יוכבד האָט קיין צוטרוי ניט געהאַט צום הונט. די זעלבע געפֿילן האָבן אַרויסגערופֿן בײַ איר דאָס הויז און דער גאָרטן. זיי זענען איר לחלוטין פֿרעמד געווען. באַזונדערס דערווידער איז איר דער שווײַגנ־דיקער גערטנער אין זײַן ניט־היגן הילוך. אַלץ איז דאָרט, פֿון יענער זײַט פּלויט, געווען צו צוגעקליבן, צו אויספּלאַנירט און אויסגעסדרט. כמעט אַ דײַטשע פּינקטלעכקייט.

אָ, די אַלטע יוכבד האָט זיך געקענט אויף דעם. מען האָט איר שיעור ניט די לונגען אָפּגעשלאָגן בײַם דײַטשן גוטבאַזיצער אינעם נידערשלעזישן דאָרף. אויך דאָרט זענען געווען בייטן. ניט פֿון בלומען נאָר פֿון „געמיזע״ און זי האָט געדאַרפֿט זײַן די „פֿלעגערין״ און גלײַכצײַטיק די „מעלקערין״ פֿון קי און „באַשפּײַזערין״ פֿון חזירים, און ביז זי האָט זיך „אױסגעלערנט״ ניט „פֿאַול״ צו זײַן און אָפּהיטן אַקוראַט די צײַט פֿון מעלקן, פֿון פּאַשען און פֿון יעטען דעם גאָרטן, האָט זי ניט איין מאָל געבעטן אויף זיך דעם טויט. דערנאָך איז געקומען אוישוויץ...

★

סוף־כל־סוף איז די נײַע שכנה אָנגעקומען. דער הויף האָט זיך אָנגעפֿילט מיט דײַטש גערעדערײַ. אַ טראַקטאָר מיט אַ צוגעטשעפּעטער פּלאַטפֿאָרמע האָט זיך מיט גרויס רעש אַרײַנגעקײַקלט און געבליבן שטיין פֿאַרן אַרײַנגאַנג אין הויז. די פּלאַטפֿאָרמע איז באַלאָדן געווען מיט קאַסטנס מעבל.

געדונגענע אַרבעטער האָבן מיט צוואַנגען און אײַזערנע שטאַנגען צו ערשט אַראָפּגעריסן די אײַזערנע פּאַסן וואָס האָבן געהיט, אַז די קאַסטנס זאָלן זיך ניט צעפֿאַלן אין דער לאַנגער רײַזע. דערנאָך אַרויס־געריסן די טשוועקעס, פֿאַנאַנדערגענומען די ברעטער און פֿון אונטערן שטרויצודעק איינס נאָך איינס אַרויסגעשלעפּט די טונקעלע פֿאָטעלן מיט לעדערנער אויסבעטעכץ, די פּאָליצעס, שענק און שענקלעך, דעם רונדן שטייהענגער מיט די נאַקעטע האָקנס גרייטע אויפֿצונעמען אויף זיך מאַנטלען און הוטן און שירעמס מיט שאַלן, אַן אָרנאַמענטאַלן צלם

פֿון האָלץ, אַ גלאַנציקן קלאַוויר מיט אַ מעשענעם פּירמעטעאָוועלע. און אַ קיכטיש איז געווען פֿון פשוטע סענקעוואַטע ברעטער מיט קיכשטולן, וואָס האָבן געהאַט הויכע אָנלענען מיט אויסגעשניצטע הערצלעך, ווי בײַ דער אַרײַנגאַנגטיר. עכט דאָרפֿיש מעבל. מסתמא וועט די נײַע שכנה דאָרט צעהענגען האַנטוכער מיט גאָטישן אויפֿשריפֿט „גוט מאָרגען" און אויפֿן טיש וועט זי מסתמא אויסשפּרייטן אַ טישטוכל פֿון אייגענער אַר־בעט מיטן געמיטלעכן „גוטען אַפּעטיט". דאָס פּאַסט זיך טאַקע אין אַזאַ קיך פֿון אַזאַ שטוב בײַ אַזאַ בעל־הביתטע.

די בעל־הביתטע האָט יוכבד ניט געזען און זי האָט איר גאָרניט געוואָלט זען. גענוג געווען דאָס מעבל און יוכבד האָט זי שוין געקענט: אַ מיטלוווּקסיקע, פּולבלעכע פּרוי מיט קליינע, פֿלינקע אייגעלעך, גרויסע, שיטערע ציין. דאָס פּנים אָפּגעוועלקט. די גלאַטע האָר אַרומגעראַמט מיט אַ ווײַסן טשעפּיק, אַ ברייטער שירץ פֿון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ ברייטער, ווײַסער קאָלנער. אויף די דיקלעכע ליפּן טראָגט זי אַרום אַ גרייטן שמייכל פֿאַר יעדן. אַפּילו ווען אירע ליפּן שליסן זיך צו און פֿאַרדעקן אויף אַ ווײַלע די גרויסע, שיטערע ציין, אַפּילו דעמאָלט האָט מען דעם אײַנדרוק אַז זי שמייכלט. וואָס עס האָט איר געפֿעלט איז די קאַטשערע מיט וועלכער מען פֿלעגט אַרויסשאַרן דאָס אַש פֿון די אויס־געברענטע קוילן און מיט אַט דער אײַזערנער קאַטשערע זאָל זי זיך וואַרפֿן אויף יוכבדן און זי שלאָגן פֿאַרן ניט אויסשײַערן גוט די חזיר־קאַרעטעס, פֿאַרן באַהאַלטן עטלעכע מערן אונטערן שטרויזאַק, פֿאַרן פֿאַרגיסן אַ ביסל מילך בײַם מעלקן — — —

ניין, זי וויל ניט זען און זי וויל ניט קענען די נײַע שכנים.

מײַן שוועסטער

מײַן שוועסטער איז אײנע אַליין געזעסן אין אַ וואַגאָן־קופּע. זי איז געווען אײַנגעגענורעט אין איר ווינקל און אין דער האַלב־פֿינצטערניש פֿונעם וואַגאָן האָט מען זי קוים אַרויסגעזען. אַ קאַלט־נאַסער, האַרבסט־טיקער ווינט האָט זיך יעדער מאָל פֿאַרמאָסטן אַרײַנצורײַסן; נאָר די טונקעלע שויב האָט מיט ציטער און גרויל אים אָפּגעשטופּט.

מײַן שוועסטער האָט אײַנגעצויגן די אַקסלען, געוואָלט אײַנשלאָפֿן און ניט געקאָנט. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי הערט ווידער דאָס קול פֿונעם וואָקזאַל־הילכער: אײַנשטײַגן! אײַנשטײַגן! און דעם טומל פֿון געזעגענונג. עמעץ האָט עמעצן נאָכגעשריִען „פֿאַרגעס ניט צו שרײַבן!״. עמעץ האָט עמעצן געקושט. אַ וואַליזע האָט זיך מיט מי און מאַטערניש אונטערגעהויבן. אַ פּיצלס איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין. אַ גרײַז האָט אָן אַ סיבה זיך פּלוצעם צעלאַכט מיט אַן אײַנגעפֿאַלן מויל. דער לאָקאָ־מאָטיוו האָט אָנגעהויבן אַרויסווײַזן סמנים פֿון אומגעדולד, צום סוף אָנגענומען זיך מיט מוט און צעפּרײַכט זיך מיט ביידע באַקעס. דאָס פֿײַפֿל בײַם באַן־נאַטשאַלניק האָט זיך שאַרף און וואָרענענדיק צעשריִען. לעצטע טירן האָבן זיך פֿאַרקלאַפּט. דאָס פֿענדל האָט זיך קאַטעגאָריש צעפֿאָכעט. די פֿאַרע האָט אַ בוכע געטאָן און די רעדער האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די רעלסן.

מײַן שוועסטער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווען זי איז אײַנ־געשטיגן. ס׳איז איר אויסגעקומען, אַז זי פֿאָרט שוין אַזוי יאָרן. קיינער קומט ניט פֿרעגן צי זי האָט אַ בילעט. קיינער ווייס ניט פֿון וואַנען זי

פֿאָרט און וואַהין וויל זי אָנקומען. די באַן רײַסט זיך פֿאָרויס אָבער אַלץ וואָס מ׳זעט דורכן פֿענצטער לויפֿט אויף צוריק. אַלץ, אַלץ לויפֿט אויף צוריק.

מײַן שוועסטער ווייס ניט צי זי וויל עפּעס אָניאָגן אָדער פֿון עפּעס אַנטלויפֿן. פֿון איין זײַט האָט זי די צונויפֿגערוקטע טיר פֿון דער וואַגאָן־קופּע וואָס טיילט זי אָפּ פֿון דער וועלט און פֿון דער אַנדערער זײַט — דאָס וואַגאָן־פֿענצטער וואָס בינדט זי צונויף מיט דער וועלט. זי קוקט צו דער טיר, קוקט צום פֿענצטער און פֿאַר בײדע שרעקט זי זיך. פֿון יענער זײַט טיר, פֿונעם קאָרידאָר, הערט מען שטימען, הערט מען טריט און דורך דער שויב זעט מען וועלדער פֿינצטערע, וועלדער נאַסע און אַ ווינט אַזאַ וואָס רײַסט און בײַסט. די באַן יאָגט פֿאָרויס אָבער אַלץ לויפֿט אויף צוריק.

מײַן שוועסטער איז אַ קנויל פֿון דערמאָנונגען. דאָס איז איר גאַנצער באַגאַזש וואָס זי פֿירט מיט זיך. זי צייכנט אַן מיטן פֿינגער אויף דער פֿאַרלאָפֿענער שויב אַ קינד מיט צעפּעלעך. דאָס קינד האַלט אַ ליאַלקע. לעבן קינד מאָלט זי אויס אַ הײַזקע מיט אַ פּלויט, מיט אַ בוים און איבער דעם אַלעם — אַ זון. זי ווישט דאָס אָפּ. בייגט צו איר הייסן שטערן צו דער קאַלטער שויב. האַלט אים אַ ווײַלע דאָרט, גלײַכט זיך אויס און צייכנט ווידער אַ בילד: אַ מיידל אָן צעפּלעך, אָן אַ ליאַלקע אָבער אויך אָן אַ הײַזקע, בוים, פּלויט, זון. אַרום דער מיידל איז פּוסט, בלויז דראָטן, בלויז שטעכלדראָטן ציִען זיך אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הייך. אויך דאָס פֿאַרווישט מײַן שוועסטער. זי נעמט זיך מאָלן אַ באַן. זי וואַרפֿט אָן מיטן פֿינגער די ערשטע קאָנטורן, נאָר זי ענדיקט ניט, ווי דער פֿינגער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו מאָלן. דער בליק אירער בלאָנדזשעט פֿון דער שויב צום סומנעם שײַן פֿונעם לעמפּל און פֿונעם לעמפּל צוריק צו דער האַרבסטיקער, שוואַרצער שויב. דער בליק אָבער איז אויסגעלאָשן, שפּיגלט ניט אָפּ די מחשבות, שפּיגלט ניט אָפּ דעם אינערלעכן ציטער.

אומדערוואַרט האָט זיך די טיר פֿונאַנדערגערוקט. אַ מאַן אין אַן

אוניפֿאָרם מיט אַן אָנגעהאַנגענעם לעדערנעם טאַש איז אַרײַנגעקומען. מײַן שוועסטער האָט זײַן פּנים ניט געזען. מײַן שוועסטער האָט זײַנע רייד ניט געהערט. דער אוניפֿאָרם מיט די מעשענע קנעפּ האָט איבער איר שטום געהויערט. זי האָט געוווסט, אַז אַן אוניפֿאָרם מוז מען פֿאָלגן און אויספֿירן זײַנע באַפֿעלן. די געשטאַלט אָבער האָט קיין פּנים ניט געהאַט. אַ קעלט האָט פֿון איר געווייעט. די קעלט האָט מײַן שוועסטער דורכגענומען און איר ביסלעכווײַז די געדאַנקען אײַנגעשלעפֿערט. ווען זי איז בײַגעקומען די פֿאַרגליווערונג איז זי שוין ווידער געווען אַליין. דער ווינט האָט זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט מיטן פֿענצטער. עס איז נאָך אַלץ נאַכט געווען. מײַן שוועסטער האָט זיך ניט דערוועגט אַ ריר צו טאָן. ס'האָט אויסגעזען, אַז די רײַזע און די נאַכט וועלן זיך קיין מאָל, קיין מאָל ניט ענדיקן.

דאָס געריכט

שוויַיגנדיקע מענער אין שוואַרצע פֿראַקן מיט צילינדערס אויף די קעפּ זענען פֿאַר מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען און יעדערער באַזונדער האָט זיך פֿאַרנייגט.

שוואַרצע פֿייגל האָבן איבער מיר דורכגעשוועבט. יעדער פֿון זיי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און מיר אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל אין באַק. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

ווען ס׳האָט געטאָגט בין איך אויפֿגעשטאַנען און זיך געוואָלט אָנקוקן אין שפּיגל, נאָר דער שפּיגל איז געווען צעבראָכן, אַזוי צעבראָכן, אַז פֿון דעם באַזילבערטן גלאָז איז בלויז געבליבן אַ צעפּינקלטער שטויב.

אויפֿן טיש איז געלעגן דאָס צעטל וואָס כ׳האָב נעכטן באַקומען דורך פּאָסט. ס׳איז געווען אַן אַרויספֿאָדערונג כ׳זאָל זיך הײַנט צען אין דער פֿרי שטעלן צום געריכט. מען באַשולדיקט מיך, אַז דורך עפּעס אַ כעמי־שער פֿאָרמולע איז מיר געראָטן צוריקצוצי׳ען דעם רויך פֿון מײַן פֿאַר־ברענטן גוף, וואָס איז אויסגעשפּיגן געוואָרן דורך אַן אוישוויצער קוימען און דעם רויך פֿאַרוואַנדלען אין מאַרך און ביין.

כ׳האָב אויסגעזוכט דעם שענסטן אַנצוג, צוגעקליבן דעם קאָלירטסטן קראַוואַט, אָנגעטאָן האַלבע שיך מיט לאַנגע, גלאַנציקע שפּיצן, אין לאַץ פֿאַרשטעקט אַ בלום און מיטן קאַפּעליוש אין האַנט בין איך פּאַוואָליע אַוועק צום געריכט.

דעם געריכט־בנין האָב איך נאָך געקענט פֿון מײַנע קינדעריאָרן. אַ שווערער, מאַסיווער בלאָק איז דאָס געווען מיט אַ סך הויך־שמאָלע

פּענצטער. ברייטע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפֿירט צו זײַן אַרײַנגאַנג און איבערן אַרײַנגאַנג, אין דער הייך, איז געווען צוגעפֿעסטיקט אַ שטיינערנע סטאַטוע פֿון אַ יונגער פֿרוי אין אַ רוימישער טוניק, מיט לאַנגע האָר. אירע אויגן זענען געווען מיט אַ טיכל פֿאַרבונדן און אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ האַנטוואָג. די צוויי וואָגצינגלעך זענען געשטאַנען אַנטקעגן־זיך, גלײַך אויף גלײַך.

ווען כ׳בין אַ קינד געווען פֿלעגט די מאַמע מיט מיר דאָרט שפּאַצירן. אונדזער געסל איז געווען שמאָל, גרוי און טוכלע און דאָרט, בײַם געריכט־בנין, האָבן זיך געפֿונען עטלעכע ביימער, אַן אַרומגעצוימטער שטח מיט גראָז און בלומען, דערנעבן עטלעכע גרין־געפֿאַרבטע בענק.

אַז כ׳בין צוגעקומען צום אָרט, האָב איך געטראָפֿן נאָר די פּאָר צענדליק ברייטע, שטיינערנע טרעפּ וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַקט אין מיטן. פֿון מויער איז קיין סימן ניט פֿאַרבליבן. אויף די טרעפּ איז געזעסן אַן אַלטע, צעקנייטשטע פֿרוי מיט אַ קאָשיק פֿאַרפֿוילטע עפּל. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ פֿאַרזשאַווערטע האַנטוואָג.

כ׳בין צו איר צוגעגאַנגען און געוויזן איר דאָס צעטל. זי האָט דאָס צעטל אַרויסגענומען פֿון מײַן האַנט. מיטן אײַנגעפֿאַלענעם מויל אַדורכ־געקײַעט אַ שורה, זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי זיך געוואָלט איבערצײַגן צי דאָס וואָס איז אין פּאַפּירל געשריבן האָט אַ שײַכות צו מיר. כ׳האָב זיך ניט אַרײַנגעמישט. כ׳בין רויק און געדולדיק געשטאַנען און אויסגעוואַרט. צום סוף האָט די אַלטע מיר צוריקגעגעבן דאָס צעטל. אָנשטאָט עפּעס זאָגן, האָט זי אָנגעוויזן אויף דער וואָג און שטיל אויסגערופֿן:

— עפּל האָב איך צו פֿאַרקויפֿן. עפּל.

אַחוץ דער אַלטער האָב איך ניט געפֿונען וועמען צו פֿרעגן ווו איז אַהינגעקומען דער בית־דין וואָס וויל מיך מישפּטן פֿאַר האָבן די העזה צוריק צו ווערן מענטש. כ׳בין געגאַנגען פֿון גאַס צו גאַס און די שטאָט איז געווען פּוסט.

די מאַמע איז אַרויף אויפֿן לייטער

די מאַמע איז אַרויף אויפֿן לייטער אַראָפּצונעמען פֿונעם בוידעם דאָס פּסחדיקע געפֿעס. די מאַמע איז פֿונעם בוידעם ניט צוריקגעקומען. בין איך זי געגאַנגען זוכן. דער לייטער האָט זיך צעוואַקלט אונטער מײַנע פֿיס. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, דער לייטער. אַרויף צום דאַך, דורכגעלעכערט די שינדלען, אַרויס צום אָפֿענעם הימל און זיך פֿאַרהאַלטן בײַ אַ שווערער, שוואַרצער, כמאַרע, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעלייגט אויפֿן אויסגעלײַטערטן הימל.

אונטן האָט געבושעוועט אַ פֿײַער. דאָך נאָך דאַך האָט אויפֿגעפֿלאַמט, געקנאַקט, אונטערגעשפּרונגען און צוזאַמען מיט די ווענט — אײַנגעפֿאַלן.

די שׂרפֿה האָט זיך געוואָרפֿן אויף צעהאַנגענע וועש, וועגענער היי, ערדענע מילכטעפּ וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף פּלויטן און אַלץ, אַלץ פֿאַרצוקט. אַ געדיכטער, פֿעטער רויך האָט זיך געהויבן. קולות האָבן זיך געריסן. קולות האָבן זיך געבראָכן. פֿאַרשטיקט געוואָרן און ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען.

כ׳האָב זיך געוואָלט באַהאַלטן אונטערן דעק פֿון דער כמאַרע. איז זי פֿון מיר אָפּגעשוווּמען. כ׳בין געבליבן בלויז מיט דער מאַמעס יום־טובדיקער שאָל. די שאָל האָט געשמעקט מיט נאַפֿטאַלין און מיטן שאַרפֿן ריח פֿון אויסגעשטאַנענע עפּל.

פֿונעם רויך איז אַ טויב מיט אָפּגעזענקטע פֿליגל געקומען צו פֿליען. כ׳האָב די טויב געוואָלט נעמען אין די הענט, צוטוליען צו זיך, נאָר אירע פֿעדערן האָבן געבריט און געשטאָכן, ווי יעדע פֿעדער וואָלט געווען אַן אָנגעגליטע נאָדל.

אַ ווינט איז אונטערגעלאָפֿן און מיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿונעם לייטער.

מײַן גוף האָט די שווערקייט פֿאַרלוירן. אַנשטאָט צו דער ערד פֿאַלן, בין איך איבער איר געבליבן הענגען.

דאָס פֿײַער האָט זיך אײַנגעשטילט. איצט האָט געברענט דער הימל. דער ווינט האָט מיטן אַש פֿון די פֿאַרשׂרפֿהטע הײַזער דעם הימל פֿאַרשאָטן און געמאַכט נאַכט.

אַ פֿרעמדער, אַלטער ייִד מיט אָפּגעטראָגענע מלבושים און צעריסענע שטיוול איז אויף אַ חורבה געזעסן. די חורבה האָט זיך נאָך גערייכערט. דער רויך איז אַרײַנגעקראָכן אין זײַן צעשויבערטער באָרד, אין די נאָזלעכער און אין די אויגן. פּלוצעם האָט דער ייִד אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דערזעענדיק מיך שוועבן אין דער לופֿטן — אַ רוף געטאָן:

— קום ייִנגעלע פֿרעגן די פֿיר קושיות!

כ׳האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז כ׳בין געפֿאַנגען צווישן הימל און ערד און ניט געקאָנט אַדורכרײַסן די שטומקייט. געוואָלט אים געבן אַ צייכן מיט די הענט, נאָר אויך די הענט זענען געווען אַנמעכטיק ווי דאָס מויל. פֿון אונטער אַ פֿאַרקוילטן ברונעם האָט אַ פֿאַרקוילט ציגעלע אָפּגעענטפֿערט:

— מע, מע, מ—ע—ע!

דער אַלטער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, גענומען אַן עמער אַן אַ דנאָ און געגאַנגען צום ברונעם שעפּן וואַסער.

ס׳האָט זיך באַוויזן די מאַמע. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין איר יום־טובדיק קלייד מיט דער גאָלדענער שפּילקע. ווען זי האָט דערזען אַז איך הענג נאָך אַלץ אין דער לופֿטן, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט, נאָר זי האָט צו מיר ניט געקאָנט דערגרייכן. כ׳האָב געקוקט אויף איר מיט תּחנונים. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער. אונטערגעשפּרונגען. געשריִען. באַמיט זיך איבערצושרײַען די שטילקייט נאָר קיין איין וואָרט איז צו מיר ניט דערגאַנגען. אַרום אונדז איז געווען פּוסט און וויסט. בלויז דאָס מעקען פֿונעם פֿאַרקוילטן ציגעלע פֿון אונטערן פֿאַרקוילטן ברונעם האָט זיך דורכגעריסן און אויפֿגעטרייסלט דעם נאַכטיקן גליוווער.

דער נומער וואָס דו בעטסט, איז שוין לאַנג פאַרברענט

האַלאָ! שרײַ איך אַריין אין שוואַרצן טרײַבל פֿון דער נאַכט. האַלאָ! ציטערט מײַן שטים אין פֿינצטערן חלל.

אפֿשר קאָן איך זיך פֿאַרבינדן מיט מײַן שוועסטער? יאָ, מײַן שוועסטער! זי איז פֿון אונדז געווען די גרעסטע. זי איז פֿון אונדז געווען די שענסטע. אויף גאָרניט זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט. קיין מאָל אויף קיינעם די שטים ניט געהויבן.

— דער נומער וואָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. אַ דאַנק!

זי האָט ליב געהאַט צו זינגען וועגן רײַזעס איבער ימען און אויסנייען מיט זײַדענע פֿעדעם אויף קליינע קישעלעך הירשן און פֿייגל און בלומען בוקעטן.

— דער נומער וואָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. אַ דאַנק!

ווען מיר האָבן טאַטע־מאַמע אָנגעווירן איז מײַן שוועסטער געווען פֿאַר אונדז ווי טאַטע־מאַמע. געבאַקן ברויט, געשײַערט טעפּ און אונדז קינדער אָפּגעהיטן ניט אַרונטערפֿאַלן פֿון די טרעפּ. כ׳געדענק ווי איצטער אירע האָר. זיי האָבן ניט געוווּסט דעם טעם פֿון שער. זי האָט זיי געקעמט מיט אַ גרויסער קאַם. אַזעלכע לאַנגע, ווייכע האָר!

— דער נומער וואָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. אַ דאַנק!

מײַן שוועסטער האָט געזונגען וועגן רײַזעס איבער ימען און נאָר דעם

װעג פֿון שטוב צום מאַרק געװוּסט. שבת פֿלעגט זי זיך פֿאַרגינען מיט חברטעס שפּאַצירן, לענג אויס דעם געסל, ביז צום לעצטן הויז. אין מיטן װאָך קײן צײַט ניט געהאַט אַ קוק צו טאָן אין שפּיגל. בלויז בײַם שעפּן װאַסער, האָט איר פּנים אויפֿן װאַסערפֿלאַך פֿון ברונעם, אַ בליאַסק געטאָן אַנטקעגן מאָרגנדיקער זון און גלײַך געלאָפֿן מיט די עמערס צו די טעפּ און אויװן.

— דער נומער װאָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. אַ דאַנק!

מײַן שװעסטער איז פֿאַרטאָן געװען מיט דער שטוב. מײַן שװעסטער איז פֿאַרטאָן געװען מיט אונדז — דריי צעפּילדערטע, צעשפּילטע ברואים; האָט זי ניט באַמערקט, אַז ס׳קוקן בחורים צו אונדזער שויב און טיר. האָט זי ניט געפֿילט, אַז אָט די אַלע בליקן מײנען טאַקע איר. זי האָט אויסגעגנײט ביז שפּעט בײַ נאַכט בלומען, הירשן און פֿייגל מיט די שענסטע קאָלירן פֿון רעגן־בויגן, ביז די נאָדל איז איר פֿון די הענט אַרויסגעפֿאַלן און דער שלאָף האָט איר פֿאַרקלעפּט די אויגן. איז װוּ זענען די בלומען און די הירשן? און װוּ — די פֿייגל?

— דער נומער װאָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. אַ דאַנק!

„אַ דאַנק. אַ דאַנק!״ און דאָס איז אַלץ. איך װיל מײַן שװעסטער! זי איז פֿון אונדז געװען די גרעסטע!

— דער נומער װאָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט. דער נומער װאָס דו בעטסט איז שוין לאַנג פֿאַרברענט!!!

צווישן גרענעצן

א.

דאָס יינגל האָט געוואָלט אָנקומען אויף דער רוסישער זײַט, איידער די ערשטע פּרעסט שטעלן זיך. ער האָט געהאָפּט דאָרט אָפּצוזוכן דעם טאַטן. לויט שמועות זאָל מען אים האָבן געזען אין יענע מקומות.

פון זינט דער טאַטע איז פאַרפאַלן געוואָרן אין מלחמה־געווירבל, האָט די מאַמע זיך געעלטערט, אײַנגעגאַנגען. אירע ליפּן האָבן מער ניט געוווסט דעם טעם פון אַ שמייכל. צוזאַמען מיט איר איז אײַנגעגאַנגען די שטוב. די טעפּ אויפן קאַלטן אויוון, דער הוילער טיש, די אויסגעהאַקטע שויבן האָבן צוגענומען דאָס געפיל פון אַן אייגן ווינקל, פון אײַנגעזעסנקייט. די פיר ווענט זענען מער ניט געווען קיין שוץ קעגן די פורעניותן פון דער גאַס. ער האָט פאַרגעלייגט דער מאַמען זי זאָל קומען מיט אים, נאָר זי האָט ניט געוואָלט הערן דערפון: טאָמער וועט דער טאַטע זיך אומקערן?

אויך אים האָט זי ניט אַזוי לײַכט אַוועקגעלאָזט. אין אירע אויגן איז ער נאָך אַלץ אַ קינד געווען, כאָטש שוין אַ בחור פון זיבעצן יאָר. צווינגען אים אָבער צו בלײַבן, האָט זי קיין האַרץ ניט געהאַט. ווער ווייסט וואָס עס קאָן געשען? די דײַטשן כאַפּן אויף אַרבעט, שלאָגן, ראַבעווען, האַלטן ערובניקעס און הייסן צאָלן קאָנטריבוציע. מ׳שמועסט שוין, אַז מען וועט יידן אָפּזונדערן, אײַנשליסן אין אַ געטאָ. האָט זי אים ניט געשטערט און דאָס יינגל איז אַוועק.

בײַם פאַרלאָזן די שטאָט האָט ער אָנגעטאָן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן

דאַשעק, אַ קורטקע מיט אַ וואַטענעם אונטערשלאַג און אויף די פּיס, שווערע ווינטערשיך. אין אַזאַ הלך פֿון אַ שײַגעץ איז זיכערער געווען צו באַוועגן זיך אונטערוועגנס. קיין פּעקלעך האָט ער ניט מיטגענומען, נאָר אין די קעשענעס אַרײַנגעלייגט אַ ברויט, אַ שטיקל געלן קעז, אַ פֿלאַש טיי און אַ ביסל געלט. געפֿאָרן איז ער מיט אַ באַן, דערנאָך זיך געשלעפּט אין אַ פּויערישן וואָגן איבער די צענעצטע, האַרבסטיקע וועגן און צו לעצט געגאַנגען צופֿוס ביז צום גרויסן וואַלד. אויפֿן וועג האָט ער זיך באַקענט מיט אַ צווייט ייִנגל, וואָס איז אויך געגאַנגען אויף מיזרח, צו דער נײַ־געשאַפֿענער גרענעץ. זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען די גאַנצע צײַט.

ניט ווײַט פֿונעם גרויסן וואַלד האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אויף נאָך ייִדן. די גרופּע איז געגאַנגען שווײַגנדיק, פֿאַרזיכטיק. אומגעקוקט זיך אויף אַלע זײַטן און זיך באַמיט צו האַלטן וואָס ווײַטער פֿונעם שאָסיי. דער וועג דורך די קאַרטאָפֿל־פֿעלדער איז געווען שווער. די ערד — נאַסלעך, קלעפּיק. בײַ יעדן טראָט האָבן די שיך מיטגעשלעפּט פּודן בלאָטע. מען איז גיך מיד געוואָרן. קיינער האָט אָבער ניט געטראַכט וועגן אָפּשטעלן זיך, אָפּרוען. מ׳האָט געוואָלט דערגרייכן די ערשטעביימער פֿונעם גרויסן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן ביז איבער דער גרענעץ.

די וואָלקנס אויפֿן הימל האָבן אויסגעזען ווי אָט, אָט צעפּליוכען זיי זיך. אַ קאַלטער ווינט האָט געהוליעט פֿראַנק און פֿרײַ און טרויעריק געשאָרכט צווישן די איבערגעבליבענע פֿאַרטריקנטע קאַרטאָפֿל־שטענג־לעך. דער טאָג איז געווען קרענקלעך־גרוי, אויסגעמאַטערט און אויס־געגאַנגען פֿאַר דער צײַט.

פֿון דער ווײַטנס האָט מען ענדלעך דערזען דעם טונקל־בלויען מאַסיוו פֿונעם וואַלד. אומגעריכט האָבן זיך געיאָוועט דײַטשע זעלנער. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. מ׳האָט געוואָרפֿן פֿון זיך פּעק, פּעקלעך, וואַליזקעס און רוקזעק. די דײַטשן האָבן נאָכגעשאָסן. עטלעכע זענען געכאַפּט געוואָרן. די איבעריקע — זיך צעלאָפֿן.

אין אָט דער סומאַטאָכע איז דער חבר נעלם געוואָרן. דאָס ייִנגל איז

אָן אָטעם דערלאָפֿן צום וואַלד. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דאָס האַרץ האָט זיך אים אײַנגעשטילט. ערשט דעמאָלט האָט ער אויפֿגעמאַכט די אויגן און זיך אַרומגעזען אַז ער איז אַליין.

ער האָט געקוקט צו די פֿעלדער. די לעצטע טאָגפֿלעקן האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פֿײַכטער ערד און אין די לוזשעס, וואָס זענען פֿאַרבליבן פֿונעם לעצטן רעגן. ניט לאַנג צוריק זענען מענטשן דאָרט געווען און צווישן זיי אויך ער און זײַן חבר. איצט איז דאָרט פּוסט און וויסט.

הינטער אים זענען פֿאַרבליבן די פֿעלדער און ווײַטער פֿון די פֿעלדער — די היים, די קינדער־יאָרן, שול, חברים, דאָס ערשטע רויטלען זיך בײַם אַנטרעפֿן דעם בליק פֿון שכנס מיידל. איצט איז ער געשטאַנען ווײַט פֿון דעם אַלעם, אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטן, פֿאַרסודעטן וואַלד. ווו צו גיין האָט דאָס ייִנגל ניט געוווסט, נאָר לענגער וואַרטן ניט געטאָרט, מחמת דער סכנה פֿון ווערן געכאַפּט, פֿון אַנשטויסן זיך נאָך אַ מאָל אויף אַ דײַטשן פּאַטראָל און ווער ווייסט, צי ער וועט זיך דערוועגן אַרײַנצולאָזן אין די טיפֿענישן פֿון וואַלד, ווען עס וועט צופֿאַלן די נאַכט. איז ער אויפֿגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען. בײַם ערשטן טראָט האָט דאָס ייִנגל דערפֿילט אַ ווייטיק. די שווערע ווינטערשיך זענען צו ענג געווען און בעתן לויפֿן האָט ער זיך אָנגעריבן אַ פֿוס.

דער וועג האָט געפֿירט איבער פֿוילע, גליטשיקע בלעטער. איבער דאַרע, אָפּגעבראָכענע צווײַגן. אַזוי בוים נאָך בוים, אַלץ טיפֿער אין וואַלד. דערווײַל האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. איבערן קאָפּ איז געהאַנגען אַ שוואַרצער, פֿאַרחתמעטער הימל. שוואַרץ זענען געוואָרן דיביימער. מען האָט זיי מער אַרויסגעפֿילט ווי אָנגעזען. ס׳איז ממש אויסגעקומען דעם וועג אָנצוטאַפּן. דאָס ייִנגל האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, אײַנגעהאָרכט און ווידער געגאַנגען. וואָס אַ מאָל איז אים שווערער געוואָרן דאָס באַוועגן זיך. דער וואַלד האָט זיך גאָרניט געוואָלט ענדיקן. ניט מען האָט געזען אַ שײַן און ניט אַן אָפּשײַן. וואָלט כאָטש עמעץ געווען מ׳זאָל קאָנען אַרויסרעדן אַ וואָרט. פֿילן איינער דעם אַנדערנס אָטעם. אָנשפּאַרן

זיך אַ ווײַלע. באַשווערט דאָס פּאָרויסגיין האָבן אויך די צווײַגן. אַלע מאָל האָט אים אַן אַנדערער צווײַג פּאַרהאַלטן: דער האָט אַ שלעפּ געטאָן בײַם קאָלנער, יענער — צעראַצט ס׳פּנים און אַ דריטער צווײַג האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט רעשטלעך קאַלטע רעגן־טראָפּנס. פֿון דער אומגעריכטקייט האָט אַזש דער קערפּער אויפֿגעציטערט. ס׳האָט אים געאיבלט. דער פּוס האָט אַלץ מער ווי געטאָן. דער פּלאָם פֿון דער וווּנד איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן גוף. דאָס ייִנגל האָט אָבער געוווּסט, אַז אויב ער זעצט זיך אַראָפּ, טויט אויס דעם שוך, וועט ער שוין מער ניט אויפֿשטיין.

דיביימער האָבן גערוישט, געשאָרכט, און זיך געבויגן. פֿון דער הייך, פֿון צווישן די צווײַגן, אָדער פֿון ערגעץ נאָך העכער האָט זיך געהערט אַ ווויען. דאָס געוווי איז איבערגעגאַנגען פֿון בוים צו בוים און צעשטערט די רו פֿון נאַכטיקן וואַלד. דאָ האָט מען עס געהערט פֿון דער ווײַטנס און דאָ נענטער. פֿון דער ווײַטנס האָט עס געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי שטאָט־סירענעס וואָלטן זיך צעפּײַפּט. דעם ייִנגל איז גוט באַקאַנט געווען דער אַליאַרם־סיגנאַל. אַ חודש צײַט, טאָג און נאַכט איז ער מיט דער מאַמען און מיט שכנים געלאָפֿן אין די באַהעלטענישן. אָפֿט איז מען שוין דאָרט איבערגעזעסן די נאַכט. געוויינטלעך איז נאָכן אַליאַרם געקומען דער רוצחישער רעש פֿון אַראָפּנידערנדיקע עראָפּלאַנען, דער קראַך פֿון באָמבעס, דער דולער שפּרונג און צעפֿאַל פֿון די געטראָפֿענע הײַזער. דערנאָך איז אַלץ פֿאַרהילט געוואָרן אין רויך... פֿון דער נאָענט האָט דאָס געוווי אָפּגעקלונגען ווי דאָס געוויין פֿון זײַן מאַמע. זי האָט צו אים געקוקט פֿון הינטער אַ בוים. ער האָט איר פּנים ניט געזען, נאָר די אויגן. גרויסע, אויפֿגעריסענע אויגן. ער האָט געוואָלט אַ לויף טאָן אין איר ריכטונג. דער ברען פֿון דער וווּנד האָט אים צוגענאָגלט צום אָרט. ווען ער לענט זיך ניט אָן אין אַ שטאַם, וואָלט ער אומגעפֿאַלן. ס׳האָט אים געזשומעט אין די אויערן. דער קאָפּ איז אַרײַנגעשוווּמען ערגעץ אין אַ נעפּל און אינעם נעפּל האָבן זיך באַוויזן פּנימער. צו ערשט האָט מען זיי ניט געקאָנט אונטערשיידן. זיי האָבן זיך אויסגעמישט, פֿונאַנדער־געטיילט, אויסגעמישט. שפּעטער האָט ער זיי דערקענט: אַט קרײַזט

אַרום דעם טאַטנס פּנים, אָט — דער מאַמעס און נאָך איר, דאָס געזיכט פֿונעם שכנס מיידל, קרײַזן אַרום און פֿאַרשווינדן...

דורך די ביימערשפּיצן האָט זיך גענומען ביסלעכווײַז אַדורכזופּן די ערשטע בלייכקײַט פֿון אַ נײַעם טאָג. ס׳האָט אָנגעהויבן שנייען. דער שניי איז געווען נאַס און נאָך איידער ער איז צוגעקומען צו דער ערד, איז ער צעגאַנגען. שפּעטער איז ער געוואָרן טרוקן, ווייך און שטיל. די קילקייט פֿונעם שניי האָט באַרירט דעם ייִנגלס שלייפֿן. ביסלעכווײַז איז ער געקומען צו זיך, געעפֿנט די אויגן. די לעפּלעך האָבן נאָך אַראָפּגעשווערט, געוואָלט זיך צוריק שליסן. דער געדאַנק האָט קוים צונויפֿגעבונדן דעם איבערגעריסענעם פֿאָדעם. דאָס ייִנגל האָט זיך אַרומגעקוקט: די ביימער, וואָס האָבן געדרוישט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, זענען איצט געשטאַנען ערנסט־שטיל און זיך צוגעהערט צום געלאַסענעם גאַנג פֿון די ווײַסע פֿליטערלעך.

דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז מען טאָר זיך ניט פֿאַרהאַלטן, אַז מען מוז ממשיך זײַן. האָט ער זיך אײַנגעבויגן, אויסגעזוכט אַ צווײַג צום אָנשפּאַרן זיך און הינקענדיק ווײַטער געגאַנגען.

מיטן טאָגליכט האָט זיך אַ פֿעלד אַנטפּלעקט. דער יונגער שניי האָט דאָס פֿעלד באַוויזן צו פֿאַרדעקן פֿון ברעג צו ברעג. עס האָט אויסגעזען ווי עמעץ וואָלט אויסגעשפּרייט אַ גרויסן בויגן ווײַס פּאַפּיר און ער, דאָס ייִנגל, האָט געדאַרפֿט מיט זײַן צעוויײטיקטן טראָט צייכענען אויף אים די ערשטע שורות פֿון אַ נײַעם פּרק.

ב

אָנגעקומען אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ, איז דאָס ייִנגל (לאָמיר אים רופֿן — ישׂראליק) אַוועק אין דער קרײַזשטאָט, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען דאָס רוב ביעזשענצעס. די שטאָט איז איבערגעפֿולט געווען מיט אַנטלאָפֿענע און קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז נאָך אַ מענטש האָט אַרײַנגעטריפֿט אינעם ביטערן ים פֿון היימלאָזע.

די גאַסן זענען באַהאָנגען געווען מיט פּלאַקאַטן און בילדער. רויט־געפֿאַרבטע פּלאַקאַטן האָבן דערציילט וועגן ברידערלעכקייט און גלײַכ־

הייט פֿון פֿעלקער. וועגן דער מאַכט פֿון אַרבעטער, פּויערים און אינ־טעליגענץ. די בילדער, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון די דעכער, פֿון ווענט און פֿון באַלקאָנען, האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זיי פֿירן צווישן זיך אַ געוועט וועלכעס פֿון זיי וועט העכער שטיין, גרעסער זײַן און אַלע האָבן זיי געוויזן די געשטאַלט פֿונעם פֿירער און די איבעריקע העלדן פֿון דער רעוואָלוציע.

די שטאָט פֿאַרטונקען אין דער מענגע פֿענער, בילדער, לאָזונגען און מוזיקקלאַנגען פֿון די צעשטעלטע הילכערס, האָט אויסגעזען ווי אַ כּסדרדיקער קאַרנאַוואַל. ווי אַ יום־טוב וואָס מ׳ווײַסט ניט ווען ער וועט זיך ענדיקן. בלויז די הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן אויסגעפּילט די גאַסן און סקווערן און ניט געוווסט ווו זיך צו קערן און ווענדן, האָבן זיך עפּעס ניט אַרײַנגעפּאַסט אין דעם פֿאַרביקן יריד. מ׳האָט זיי געזען אין די לאַנגע רייען בײַ די ברויט־מאַגאַזינען, בײַ די עפֿנט־לעכע קיכן, אויף די טראָטואַרן און אין מיטן גאַס. זיך געפּלאָנטערט צווישן וועגענער און מיליטערישע לאַסט־אויטאָס. אין די גערטנער און אויפֿן מאַרקפּלאַץ. אַלע אין אָפּגעטראָגענע מלבושים. אַלע מיטן זעלבן אויסדרוק פֿון די אויגן. אַ פֿרעמדע, אַנאָנימע מאַסע.

אין אָט דעם מענטשן־געדראַנג האָט ישׂראליק געקומען זוכן זײַן טאַטן. מענטשן האָבן אים געראַטן גיין צום בנין פֿון דער געוועזענער ייִדישער קהילה. דאָרט האָט ער געטראָפֿן אַלע ווענט, פֿענצטער און טירן באַשריבן, באַקלעפּט און באַהאַנגען מיט צעטעלעך, צעטלען און גאַנצע מגילות פֿון מענטשן וואָס האָבן איינער דעם צווייטן אַרומגעזוכט.

ישׂראליקס אויגן זענען אַרײַנגעדרונגען אין דער טיף פֿונעם ווערטער־פּלאָנטער און אין דער געדיכטעניש געפּרוווט אָפּצוגעפֿינען די שפּורן פֿון זײַן פֿאַרלוירן געוואָרענעם טאַטן; אַ מיידל פֿון גריצע האָט געפֿרעגט, צי ס׳האָט ווער געזען, אָדער ווייסט וועגן דעם גורל פֿון איר מומע מיט אירע צוויי קינדער; אַ מאַמע האָט זיך געבעטן מע זאָל איר העלפֿן אָפּזוכן איר צוועלף יעריקן זון, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן בעתן שוואַרצן די גרענעץ; אַ טאָמאַשאָווער בחור זוכט ניט, בעט ניט. ער האָט נאָר צו וויסן

געגעבן, אַז ער שלאָפֿט אין דער גרויסער שול, פֿון רעכטס, אויף דער צווייטער באַנק, נעבן באַלעמער.

ישׂראליק האָט געבלאָנדזשעט מיט די בליקן איבער די אויסטער־לישע וואָרטגעמעלן. געלייענט נעמען פֿון שטעט, נעמען פֿון מענטשן. אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ייִאוש און מאַכטלאָזיקייט, וואָס האָט אַראָפּ־געווייעט פֿון די באַשריבענע ווענט.

די צײַט האָט זיך אַוועקגערוקט, אָבער ישׂראליק האָט אין ערגעץ ניט אַנגעטראָפֿן דעם טאַטנס נאָמען. ער האָט אויף זיך רחמנות באַקומען. טרערן האָבן אים גענומען שטיקן. ער האָט זיי באַצײַטנס אַראָפּגעשלונגען, די אַרומשטייענדיקע זאָלן עס ניט באַמערקן.

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך צעבלאָזן און מיט אים — זיך צעפּרושעט אַ שניי. דאָס רעדל מענטשן איז געוואָרן שיטערער. ישׂראליק האָט בײַ עמעצן געבעטן אַ ברעקל בלײַפֿעדער און בײַ אַ צווייטן אַ שטיקל פּאַפּיר. מיט שוואַכע האָפֿענונגען האָבן די פֿאַרשטײַפֿטע פֿינגער אַרײַנגעשריבן אינעם פּאַפּיר זײַן בקשה. די אותיות זענען אַרויסגעקומען צעקרימט, ווי דער אינהאַלט וואָלט זיי ווי געטאָן. צעקרימט, אָבער גענוג דײַטלעך צו פֿאַרשטיין, אַז:

איך, ישׂראל האָפֿענונג, זון מײַן טאַטן חיים־לייב האָפֿענונג פֿון פּלאַץ גזשיבאָווסקי 9, וועלכער איז אַרויס פֿון וואַרשע דעם 19 אָקטאָבער 1939. לויט די גרוסן דאַרף ער זיך געפֿינען דאָ, אין ביאַליסטאָק. ווער עס האָט אים געזען, אָדער ווייסט ווו ער געפֿינט זיך, זאָל אַזוי גוט זײַן צושרײַבן אויף דעם ליידיקן אָרט פֿון מײַן צעטל, ווײַל כ׳האָב ניט קיין אַדרעס און ווייס ניט ווו כ׳וועל איבערנעכטיקן.

אָנגעשריבן, אויפֿגעהאָנגען און זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿונעם אָרט. אַן עלטערע פֿרוי אין אַ פֿאַטשיילע האָט זיך צוגערוקט, פֿון איבער זײַן אַקסל איבערגעלייענט דאָס צעטל, אַ זיפֿץ געטאָן און אַוועק.

דער פֿאַלנדיקער שניי האָט געפּרוווט מיט זײַן ווײַסקייט אויפֿהאַלטן דאָס שיטער געוואָרענע טאָגליכט, אָבער די נאַכטשאָטנס זענען שטאַרקער

געװען. מע האָט געמוזט זוכן אַן אָרט אויף איבערצושלאָפֿן די נאַכט. די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען און מיט זיי איז אויך ישׂראליק אַוועק.

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד איז ישׂראליק געקומען צו זײַן צעטל. דאָס צעטל איז געהאַנגען פֿאַרשטומט, אויסגעבלייכט און צוזאַמען מיט הונ־דערטער אַנדערע צעטלען געציטערט פֿון קעלט און ווינט.

ג

אין איינעם פֿון די פֿאַרטרערטע פֿרימאָרגנס האָט ער פֿון דער ווײַטנס שוין באַמערקט, אַז דאָס ליידיקע שטיקל אָרט פֿון זײַן פּאַפּירל איז פֿאַרשריבן געוואָרן. ער איז צוגעלאָפֿן. דאָס צוגעשריבענע איז אָבער ניט געווען פֿאַר אים. אַ פֿרעמדע עלנטקייט האָט זיך געפּרוּווט צוטוליען צו זײַנער. ער האָט געזוכט זײַן טאַטן און אויפֿן צעטל האָט אַ פֿאָטער זיך געבעטן בײַ זײַן טאָכטער: חנהלע, רוף זיך אָפּ, כ'האָב אַ שוואַך האַרץ!

די שורות זענען אים נאָכגעגאַנגען: בײַם עסן אַ לעפֿל וואַרעמס, אויפֿן וואָקזאַל, זוכנדיק באַקאַנטע צווישן די נײַ־אָנגעלאָפֿענע פּליטים. אַפֿילו פֿון די גאַסן־הילכערס האָט זיך אים געדוכט אַז ער הערט ווי אַ שטים בעט זיך: רוף זיך אָפּ, כ'האָב אַ שוואַך האַרץ! די פּאָר ווערטער האָבן אים נאָכגערודפֿט. בעל־כּורחו איז ער געוואָרן אַ מיטשותּף צו יענעמס אומגליק. ער האָט געוווּסט אַז ער קאָן דעם ייִד מיט גאָרניט ניט העלפֿן און דאָך האָט עס ישׂראליקן געצויגן צו זען זיך מיט אים.

אין איינעם פֿון די נאָכטאַזילן האָט ער אים געפֿונען. דער ייִד האָט געהאַט אַ רויטע באָרד, אַ נידעריקן שטערן און צוויי איבערגעוואַקסענע אויערן, וואָס האָבן קאָמיש אָפּגעשטאַרצט. מיט אַזעלכע אויערן, האָט ישׂראליק געטראַכט, הערט מען מסתּמא אויף מײַלן ווײַט. בײַם פֿונאַנדער־רעדן זיך האָט ער אָבער געדאַרפֿט גוט אָנשטרענגען זײַן שטים ביז חנהלעס טאַטע, נח, האָט אים דערהערט.

צווישן דעם קליינשטעטלדיקן, חסידישן ייִד און ישׂראליקן האָט זיך פֿאַרבונדן אַ נאָענטקייט. ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אַז בלויז אַ צופֿאַל האָט זיי צונויפֿגעפֿירט.

ישׂראליק און נח האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען. צוזאַמען געגעסן דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט, צוזאַמען געשלאָפן אויפן דיל אין אַ ווינקל פון אַ שול און צוזאַמען געהאַפּט אויף בעסערע צײַטן.

דאָס מיטגעבראַכטע געלט האָט זיך בײַביידן כמעט ווי אויסגעלאָזט. די אָפּגענומענע גרוסן פון די היימען זענען געווען פינצטערע און ביטערע. ס'איז געבליבן די ברירה: צוריקגיין, אָדער פאַרשרײַבן זיך אויף אַרבעט און פאָרן אין טיף רוסלאַנד. וועגן צוריקגיין האָבן ביידע אַפילו ניט געוואָלט טראַכטן. דאָס ווערבירן זיך אויף אַרבעט האָבן זיי אויך אָפּגעלייגט: טאָמער, אפשר וועט זיך דאָך עמעץ אָפּרופן. נח איז ניט מיד געוואָרן נאָכצופרעגן זיך וועגן זײַן טאָכטער און פאַר איין וועגס שוין אויך געפרעגט וועגן ישׂראליקס טאַטן.

נח איז אָפּט געגאַנגען אויפן מאַרקפּלאַץ. דאָרט האָט מען געקאָנט צונויפזאַמלען אַ ביסל ידיעות, אָדער איבערשיקן אַ בריוול צו קרובים, דורך אַ קריסטלעכן שמוגלער, וואָס איז אָפּט געגאַנגען מיט סחורה איבער דער גרענעץ. צווישן די קויפּערס און פאַרקויפערס האָט נח געטראָפן אַ בחור פון זײַן שטעטל און פון אים זיך דערוווּסט, אַז זײַן חנהלע איז דאָ געווען אין שטאָט און געוואַרט אויף אים. זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן און מיט אַ טראַנספּאָרט אָפּגעפאָרן קיין אוראַל.

איז נח גלײַך אַוועקגעלאָפן צו ישׂראליקן אָנזאָגן די בשׂורה. אין דעם זעלבן טאָג האָבן ביידע באַשלאָסן צו רעגיסטרירן זיך קיין אוראַל: פאַרשריבן זיך, אַדורכגעגאַנגען אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג, אויסגע־פּאַרעט די קליידער, אָפּגעבאָדן, באַקומען אַ צײַטווײַליקן פּאַספּאָרט, געקויפט ברויט און וווּרשט און צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע היימ־לאָזע אַרײַנגעשטופּט זיך אין די טעפּלושקעס־וואַגאָנען.

אין וואַגאָן האָט מען נחן מיט ישׂראליקן אָנגענומען ווי אַ טאַטע מיט אַ זון. ליגנדיק אויפן שטרוי האָט אים נח דערציילט וועגן חנהלען: דאָס ווײַב איז אים געשטאָרבן אין קימפּעט און חנהלע האָט אַ סך געקרענקט, אָבער מיט גאָטס הילף בײַגעקומען אַלע מיחושים און אויס־געוואַקסן אַ שיין מיידל. זאָל מען זי נאָר געפינען, האָט ער צוגעגעבן, וועט

אַלץ גוט זײַן. ער איז זיכער אַז ישׂראליק וועט איר געפֿעלן און זי וועט נושא־חן זײַן אין ישׂראליקס אויגן. נח האָט אַרויסגעגראַבלט פֿון בוזעם־קעשענע אַ צעקנייטשטע פֿאָטאָגראַפֿיע און זי געוויזן ישׂראליקן. פֿונעם בילדל האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן און צעשמייכלטע ליפּן. ישׂראליקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעגלײַכט די קנייטשן פֿונעם בילדל, האָט זיך חנהלע צע־שמייכלט. פֿריִער, ווען די פֿאָטאָגראַפֿיע איז געלעגן אין דער בוזעם־קעשענע פֿון איר טאָטנס ווינטער־מאַנטל איז זי מסתּמא געווען אַזוי פֿאַראומערט, ווי אַלע פֿרויען וואָס זענען דאָ געפֿאָרן אין עשעלאָן. ישׂראליק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ בעט געטאָן נחן, ער זאָל אים געבן די פֿאָטאָגראַפֿיע. נח האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. שווער געווען אים צו שיידן זיך מיטן בילדל. צום סוף איז ער מסכּים געווען דאָס בילדל זאָל דערווײַל בלײַבן בײַ ישׂראליקן.

ד

די באַן האָט זיך געריסן פֿאָרויס צום פֿראָסטיקן האָריזאָנט. בײַ יעדן שאַרפֿערן קער פֿונעם לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך די וואַגאָנען צעציטערט. דאָס טרייסלעניש און דער געלויף פֿון די רעדער האָבן געשטערט זיך פֿרײַ צו באַוועגן. זענען די מענטשן געלעגן אויף די פּריטשעס, אָדער געזעסן אַרום דעם אײַנגעהייצטן אייוועלע און דערציילט וועגן דער אַלטער היים, אָדער געזונגען מיט אײַנגעהאַלטענע שטימען פֿאַרבענקטע לידער.

ישׂראליק און נח האָבן ניט מיטגעזונגען. זיי זענען פֿאַרטיפֿט געווען אין אַ שמועס. אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט האָט זיך געדרייט אַרום חנהלען. נח האָט שלעכט געהערט. מחמת דעם טומל פֿון די רעדער און די מענטשלעכע שטימען, איז אים דאָס הערן אָנגעקומען נאָך שווערער. ישׂראליק האָט געמוזט אַרײַנשרײַען אים אין אויער, כאָטש ער האָט זיך געשעמט אַז פֿרעמדע זאָלן הערן וועגן וואָס זיי רעדן. נח, דערקעגן, האָט ניט געשריִען. זײַנע רייד זענען געווען די שטילסטע. ווי ניט פֿאַר

ישׂראליקן נאָר פֿאַר זיך אַליין זענען זיי אַרויסגערעדט געוואָרן. דערבײַ האָט זיך זײַן אויסגעמאַטערט פּנים פֿאַרצויגן מיט אַזאַ מתיקות און די אויגן האָבן זיך אַזוי צעצונדן, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען אין אים דעם געפּלאָגטן און פֿאַר דער צײַט געעלטערטן ייִד.

געווייִנטלעך איז ישׂראליק געלאָפֿן אויף די סטאַנציעס נאָך ברויט און קיפּיאַטאָק און אַז עס איז געקומען זייער ריי צו ברענגען האָלץ, אויף צו הייצן דאָס טשוגונענע אייזועלע, איז ישׂראליק אויך פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און געשווינט דעם אַלטנס כּוחות. נח האָט זיך געוועהרט, געטענהט אַז ישׂראליק צעבאַלעוועט אים.

האָט זיך געמאַכט, אַז ישׂראליק איז פּלוצעם פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן. באַקומען הויכע היץ און זיך פֿון אָרט ניט געקאָנט רירן. דאָס איינציקע וואָס ער האָט גענומען אין מויל, איז געווען אַ ביסל אָפּגעזיסט, הייס וואַסער. פֿלעגט נח בײַ יעדן אָפּשטעלן זיך פֿון דער באַן לויפֿן ברענגען קיפּיאַטאָק. פֿון אַזאַ אַראָפּגיין איז ער איין מאָל ניט צוריקגעקומען...

ס׳איז געווען אין מיטן נאַכט. די באַן האָט זיך אומגעריכט פֿאַרהאַלטן. טעפּלושקע מיט טעפּלושקע האָבן זיך רעשיק צונויפֿגעשטויסן און דאָס טעפּל וואַסער, וואָס נח האָט געהאַלטן אויפֿן אייזועלע פֿאַר ישׂראליקן, איז אַרונטערגעפֿאַלן. מיט דער הילף פֿון עטלעכע ייִדן האָט נח פֿונאַנדער־געררוקט די שווערע טיר און פֿאַרשווונדן אין דער נאַכט מיטן טעפּל אין האַנט. אויפֿן הימל איז געשטאַנען אַ פֿולע לבנה און אין איר קאַלט ליכט האָט מען געזען, אַז עס איז ניט קיין סטאַנציע, אַז דער עשעלאָן שטייט אין מיטן אַ פֿאַרפֿרוירן פֿעלד. בלויז בײַם ראַנד פֿון פֿעלד האָבן זיך אָנגעזען קאָנטורן פֿון פּויערישע הײַזקעס. עטלעכע שטימען האָבן אים נאָכגעשריִען און געוואָרנט ניט צו ריזיקירן, ניט צו דערווײַטערן זיך פֿונעם וואַגאָן. מעגלעך אַז נח האָט ניט דערהערט, אָדער ניט געוואָלט הערן. ער איז אַוועק און מער ניט צוריקגעקומען. דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אַזוי האַסטיק שטיין געבליבן, האָט מיטן זעלבן אימפּעט זיך אַ ריס געטאָן און מיט אַן אימהדיקן קוויטש, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט געדיכטע רויכקנוילן און פֿײַערפֿונקען, אַנטלאָפֿן.

ישׂראליק איז ווידער געבליבן אַליין. זײַנע צעגליטע גלידער האָבן עס גלײַך דערפֿילט. ער האָט זיך געדרייט פֿון זײַט צו זײַט און קיין רו ניט געפֿונען. זײַנע פֿיבערדיקע בליקן האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויפֿן נאָפּט־לאַמטערנדל, וואָס האָט זיך געהוידעט אויף אַ דראָטל אין מיטן פֿון דער וואַגאָן־סטעליע און די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן. אינעם פֿלעמל האָט ער דערזען חנהלעס פּנים. אָט ווערט עס פֿאַרשאָטנט און אָט לײַכט עס אויף. אָט ווילן אירע ליפּן ווייגען און אָט צעשמייכלען זיי זיך. ישׂראליק האָט צו איר גערעדט מיט ניט געהערטע ווערטער. זײַנע פֿאַרטרוקנטע ליפּן האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט. ער האָט זי געטרייסט. געבעטן ניט זײַן פֿאַריִיאושט, וואַרטן געדולדיק, אָט אײַלט ער זיך צו איר, אָט פֿאָרט ער, אָט קומט ער. אַזוי שעפּטשענדיק איז ישׂראליק אײַנגעשלאָפֿן.

דאָס פֿלעמל אינעם צעוויגטן לאַמטערן איז ביסלעכווײַז אויסגע־גאַנגען. דורכן קליינעם פֿענצטערל האָבן זיך אַרײַנגעריסן די ערשטע, קאַלטע שטראַלן פֿון אַ נײַעם טאָג.

ה

אין די באַראַקן פֿון דער הידראָ־סטאַנציע האָט זיך ישׂראליק געטראָפֿן מיט חנהן. ניט מיט חנהלע פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע. יענער האָט ער ניט געפֿונען. פֿון איר טאַטן, נח, אויך ניט געהערט. איז די פֿאָטאָגראַפֿיע געבליבן ליגן אין זײַן זעקל ווי אַ משכּון, וואָס מ'האָט אים אָנפֿאַרטרויט צוזאַמען מיט טלית און תּפֿילין און אַ פּאָר אונטערוועש — דעם אַלטנס פֿאַרמעגן.

חנה איז עלטער געווען פֿון ישׂראליקן מיט דרײַ־פֿיר יאָר. ערנסט, שווײַגנדיק, אָבער ניט פֿאַראומערט. טייל מאָל בלויז האָט זי אַ דינעם שמייכל געטאָן. איר שווײַגן איז געווען לײַכט און נאַטירלעך, ניט געפֿאַלן קיינעם צו לאַסט. ניט געשטעלט עמעצן אין פֿאַרלעגנהייט. געהאַלטן זיך באַזונדער, אָבער ניט אויסגעמיטן מענטשן. געדולד געהאַט יענעם אויסצוהערן — וועגן זיך קיין סך ניט גערעדט. אַ טאָכטער פֿון פֿאַרשיקטע

עלטערן, האָט חנה געוווסט דעם טעם פֿון עלנט, די וואָג פֿון אַ וואָרט און דעם ווערט פֿון אַ פֿרײַנטלעכן בליק.

אין די נאָכרעוואָלוציע־יאָרן האָבן אירע עלטערן געמוזט פֿאַרלאָזן די גרויסע, ליכטיקע צימערן פֿון דער קיִעווער וווינונג, די צוקער־פֿאַבריק מיט אַלע אויסלענדישע מאַשינען, די דאַטשע מיטן עפּלסאָד און אַריבער־פֿאָרן קיין אוראַל. דאָ איז איר עלטערער ברודער געשטאָרבן און טאַטע־מאַמע זענען אומגעקומען פֿון אַ קעסל־אויפֿרײַס אין אַ היגער צוקער־פֿאַבריק, וווּ זיי האָבן געאַרבעט ווי פּשוטע אַרבעטער און זי, חנהן, געלאָזט אויפֿן אייגענעם באַראַט.

חנה איז שוין דאָ, אויף דער פֿאַרשיקונג, געבוירן געוואָרן. וועגן אַלץ וואָס די עלטערן האָבן אַ מאָל פֿאַרמאָגט, האָט זי נאָר געהערט פֿון זייערע שילדערונגען. קיין אייגענע זכרונות וועגן יענער תּקופֿה האָט זי ניט געהאַט. פֿאַר איר איז דער נאָמען קיִעוו געווען אייגן, ליב און טײַער, כאָטש זי האָט קיין מאָל די שטאָט ניט געזען. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אָנונג פֿון ברייטע פֿענצטער, בלומענטעפּ, דורכ־זיכטיקע פֿאָרהאַנגען און ריחות פֿון פֿריש־געבאַקטע בולקעלעך.

ווען ישׂראליק איז אָנגעקומען אויף דער הידראָ־סטאַנציע האָט שוין חנה געאַרבעט אין קאַנטאָר. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ רעמאָנט־בריגאַדע אָבער געוווינט האָבן זיי אינעם זעלבן באַראַק. זי — אין דער מיידלשער צוזאַמענוווינונג. ער — אין דער מענער־אָפּטיילונג. צו ערשט האָבן זיי זיך געטראָפֿן מיט די בליקן. חנה איז געווען העל־בלאָנד. געהאַט בלויע אויגן און מיט איר אויסזען קנאַפּ זיך אונטערשיידט פֿון די אַנדערע רוסישע מיידלעך פֿון איר צוזאַמענוווינונג. ס׳איז שווער געווען פֿאַר אַ פֿרעמד אויג אויפֿצוכאַפּן איר אַנדערשקייט און נאָך שווערער — איר אָפּשטאַם.

דאָס בלוי פֿון אירע אויגן איז ניט געווען דאָס בלוי פֿון אַ רויִק, זומערדיק טײַכל און ניט פֿון אַ אויסגעלײַטערטן הימל, נאָר דאָס בלוי פֿון אַ ים ערב אַ שטורעם, ווען זײַנע וואַסערן זענען פֿון אויבן שטיל און פֿאַרוויגנדיק, נאָר אונטן איז דאָס וואַסער טונקל פֿון רוגזה.

אין אירע באַוועגונגען איז געלעגן די סתירה פֿון געלאַסנקייט און פֿון אומרו. דער אומרו פֿון אַ מיידל וואָס וויל אײַננעמען וועלטן און די געלאַסנקייט פֿון אַ דערפֿאַרענעם מענטש, וואָס האָט שוין דורכגעלעבט ניט איין אַנטוישונג און באַרעכנט יעדן שריט.

ישׂראליק האָט געזוכט איר נאָענטקייט און די נאָענטקייט געפֿונען. צו ערשט מיטן אויסרייד פֿון לערנען די לאַנדשפּראַך. זי האָט אים געהאָלפֿן אײַנחזרן די ווערטער און זאַצן, וואָס ער האָט געלערנט אויף די אָוונטקורסן און דערווײַל געשריבן פֿאַר אים דעם אַדרעס אויף די בריוו צו זײַן מאַמען קיין וואַרשע.

אין די געציילטע בריוו פֿון יענער זײַט גרענעץ, האָט אים די מאַמע געשריבן, אַז דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען און זי גלויבט שוין ניט אַז זי וועט אים נאָך ווען ניט איז זען. פֿון זינט ער, ישׂראליק, איז אַוועק, איז מיט אים אַוועק דאָס לעצטע ביסל פֿרייד. אין די הײַזער הונגערט מען און עס בושעוועט דער טיפֿוס. אויב ער קאָן, זאָל ער שיקן אַ פּעקל שפּײַז. אויב ער קאָן, זאָל ער זי אַריבערנעמען צו זיך.

דער מאַמעס „אויב ער קאָן" האָט ווי אונטערגעצונדן זײַנע געדאַנקען. באַלד אָבער איז אין קאָפּ געבליבן אַ טונקעלע פּוסטקייט. אַ פּוסטקייט וואָס וועט אפֿשר שוין קיין מאָל ניט קאָנען אויפֿבליצן מיט עפּעס אַ העלן, דערוועגטן געדאַנק, אָדער אײַנפֿאַל.

מיט איר געלאַסן רעדן און ניכטערן בליק האָט אים חנה געהאָלפֿן בײַקומען די צערודערונג:

— שיק דערווײַלע עטלעכע שטיקלעך זייף, וועט עס זײַן פֿאַר איר אַ טרייסט, אַז זי איז ניט אַזוי אַליין. זי האָט אַ זון און דער זון טראַכט וועגן איר.

דערנאָך געפֿאָרן מיט אים אין שטאָט, צום נאָטאַר, און פֿאַר אַ פּאָר רובל צונויפֿגעשטעלט אַן אָפֿיציעלע אַרויספֿאָדערונג. געחתמעט, גע־שטעמפּלט און אַוועקגעשיקט.

געווען איז דאָס אָנהייב פֿרילינג, ווען דער שניי איז צעגאַנגען. דאָס אײַז אויפֿן קאַמע־טײַך האָט ניט אויסגעהאַלטן, געפּלאַצט און ברעקלענדיק

זיך, מיט רעש אָפּגעשוווּמען אויף מערב. ס'איז אויך געקומען דער זומער מיטן ריח פֿון צעוואָרעמטע נאָדלביימער און פֿון אַראָפּרינענדיקער זשיווייצע, נאָר פֿון דער מאַמען האָט ישׂראליק מער קיין אות ניט געזען. אומזיסט געווען דאָס וואַרטן. די בענקשאַפֿט צו דער היים און צו דער מאַמען האָט אָנגענומען פֿאַרשיידענע צורות. ס'איז גענוג געווען ער זאָל זיך פֿאַרקוקן אין ראַם פֿון אָפֿענעם פֿענצטער און זאָל זי, די מאַמע זײַנע, דערזען ווי אויף אַ בילד און ווי אויף אַ בילד האָט זי אויסגעזען ניט געענדערט. אַ מאָל האָט ער בײַ חנהס בעט, אויפֿן שענקעלע, געזען אין אַ בלעכל עטלעכע געלע פֿעלדבלימלעך. די בלימלעך האָבן שוין געהאַט אויסגעהויכט דאָס לעצטע ביסל חיות. זיי זענען געהאַנגען מיט די קעפּלעך אַרונטער צום דיל. אויך דאָס האָט אים דערמאָנט זײַן היים. ער האָט עס אַפֿילו דערציילט חנהן. זי האָט אים בלויז אָנגעקוקט, אַ ביסל לענגער ווי שטענדיק און געשוויגן. אונטערן שווײַגן האָט זיך באַהאַלטן אַ פֿאַרשטענדעניש צו זײַן קלאַמערן זיך צו עפּעס וואָס איז ממשותדיק, וואָס האָט אַ נאָמען און טויזנטער פֿעדעם זענען מיט דעם געקנופּט און געבונדן — צו דער היים. זי אַליין האָט בלויז געלעבט מיט שיריים פֿון זכרונות, געירשנטע דערמאָנונגען וועגן בעסערע צײַטן, שענערע וועלטן...

ו

שווערע מלחמה־וואָלקנס האָבן זיך אויף ס'נײַ געגומען קלײַבן איבער רוסלאַנדס הימלען. אויף אוראַל האָט מען זיי נאָך ניט געזען. אַפֿילו ניט פֿאַרויסגעפֿילט. זיי זענען אָבער געווען און פֿאַרנומען אַלץ גרעסערע און גרעסערע שטיקער זומער־הימל.

סוף יוני האָט זיך עס אָנגעהויבן.

פֿון די ראַדיאָ־הילכערס האָבן זיך ווידער געהערט די גוט־באַקאַנטע מיליטער־מאַרשן און פּאַטריאָטישע לידער:

אויב ס'איז מאָרגן דער קריג,
אויב ס'איז מאָרגן די שלאַכט,
אויב דער שׂונא באַפֿאַלט אויף דער גרענעץ —

זײַט זשע הײַנט, זײַט זשע הײַנט
אַלע גרייט!

אין זײַנע טענער און אין זײַנע ווערטער האָט דאָס ליד מיטגעבראַכט דעם ריח פֿון שווייסיקע שינעלן, פֿון מאַכאָרקע און פֿון אויסגעפּאָרענע מלחמה־וועגן. ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג און קיין אוראַל האָבן גענומען שפּאַרן פֿול־געפּאַקטע באַנען מיט עוואַקויִרטער ציוויל־באַפֿעלקערונג און דעמאָנטירטע פֿאַבריקטיילן פֿון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און דאָנבאַס. און פֿון אוראַל — פֿול־געפּאַקטע עשעלאָנען מיט געווער, טאַנקען, האַרמאַטן, פֿערד, מעדיקאַמענטן און צעזונגענע רויטאַרמייער. זייער געזאַנג האָט געציטערט צווישן די אַנטלויפֿנדיקע טעלעגראַף־דראָטן, צווישן די פֿאַר־בײַשוועבנדיקע ביימערצווײַגן און דער וואַלד האָט צענפֿאַך אָפּגעענט־פֿערט:

זײַט זשע הײַנט, זײַט זשע הײַנט
אַלע גרייט!

קיין לופֿטאָנגריפֿן און קיין האַרמאַטן האָבן די אײַנוווינער פֿונעם אוראַל־געביט ניט געהערט. די מלחמה אָבער האָט זיך אַרויסגעפּילט אין יעדן ווינקל: פֿון די מאַגאַזינען זענען נעלם געוואָרן די פּראָדוקטן. אויף די פּוסט־געוואָרענע פּאָליצעס האָט מען נאָך דאָ און דאָרט געקאָנט זען עטלעכע פּעקלעך „פּרוכטאָווי טשײַ״, צייַנפּראָשעק, גלעזלעך צו נאַפֿט־לאָמפּן און אין די וויטרינעס — די פֿון גיפּס־געמאַכטע און אָפּגעמאַליע־וועטע רעקלאַמע־טאָרטן און העגנגדיקע הילצערנע וווּרשטן, באַצויגענע מיט זילבער־פּאַפּיר. אַפֿילו ביכער, אין די ביכער־קראָמען, האָבן אויס־געפּעלט. געבליבן זענען בלויז די ווערק פֿון דעם „טאַטן פֿון די פֿעלקער״ און מיט זייערע באַגילדעטע רוקנס געוואַרט אויף אַ בעלן.

די יוגנט האָט מען געשיקט אויפֿן פֿראָנט און וועמען די מאַכט האָט ניט געטרויט — אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען.

צווישן די גענומענע אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען האָט זיך אויך געפֿונען ישׂראליק.

שווער געווען דאָס געזעגענען זיך מיט חנהן. בײַם אָפּוועקפֿאָרן האָט זי

אים אויסגעשטריקט אַ פּאָר וואָלענע זאָקן און אַ שאַליקל פון אירס אַן אַלטן סוועטער. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. עפּעס וואָס איז זייער וויכטיק, וואָס מען קאָן ניט אָפּלייגן, אָבער ער האָט ניט געזאָגט, ווײַל אויך בײַם געזעגענען האָט זי געשוויגן. בלויז געפרעגט צי ער וועט שרײַבן און אַזוי האָבן זיי זיך צעשיידט.

ז

נאָך דרײַ מעת־לעת פאָרן איז מען אָנגעקומען אין די לענגלעכע באַראַקן פונעם אַרבעטס־באַטאַליאָן, וואָס זענען אין געאײַל צונויפ־געשטוקעוועט געוואָרן פון קלעצער, ציגל און בלעך, ווײַט פון יעדן ייִשוב, אין די טיפענישן פון אַן אוראַלטן וואַלד.

די אָנגעקומענע מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די דרײַ־גאָרנדיקע פּריטשעס. יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַן אָרט אויפן אייבערשטן שטאָק. דאָרט איז געווען וואַרעמער. ס'האָט ניט פאַר אַלעמען געקלעקט פּלאַץ, האָט מען זיך געזידלט, געהויבן הענט, געשטופּט און ווער עס איז שטאַרקער געווען, דער האָט געזיגט.

ס'האָבן זיך געשטעלט די ערשטע גרויסע פרעסט. ישׂראַליק האָט געליטן פון קעלט, פון הונגער און פון עלנט. ער האָט זיך מיט די עטלעכע ייִדן פון זײַן באַראַק געהאַלטן צוזאַמען, אָבער ניט אָנטייל גענומען אין זייערע שמועסן בעת זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום איינעם פון די זעקס הויכע ציגל־אויוונס, געוואַרעמט זיך די פאַרלייגטע הענט, די פּלייצעס און בשעת־מעשׂה געריבן זיך די רוקנס בײַ די אויוונקאַנטן. ער איז געוואָרן אַפּאַטיש און אָפּגעלאָזן און צו חנהן ניט געשריבן. געאַרבעט האָט ער אין אַ בריגאַדע וואָס האָט געגראָבן גריבער און געגאָסן דעם פונדאַמענט פאַר אַ נײַער שטאָלגיסערײַ. די ערד איז געווען געפרוירן און די בריגאַדע האָט ניט אויסגעפירט די טאָגנאָרמעס. האָבן זיי ניט באַקומען די צוגאָב־טאַלאָנען פאַר נאָך אַ שטיקל ברויט, פאַר נאָך אַ ביסל קאַשע. די מער „פאַרמעגלעכע" באַטאַליאָנשטשיקעס האָבן אויסגעביטן זייערע זאַכן אויף שפּײַז און מאַכאָרקע. ישׂראַליק האָט ניט געהאַט קיין

איבעריקן בגד. דאָס איינציקע שאַליקל, וואָס חנה האָט אים אויסגע־שטריקט איז שוין פֿון לאַנג אַוועקגעגעבן געוואָרן פֿאַר עטלעכע צײַנדלעך קנאָבל און אַ קאָסטקע צוקער. ער האָט געפֿילט, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן אים, דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אין חנהן און אָנגעשריבן אַ בריוו. דער בריוו איז געלעגן וואָכן לאַנג, ביז ער האָט אים אַוועקגעשיקט. ס׳איז ניט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ קאָנווערט. ערשט אַ טאַטער פֿון זײַן בריגאַדע האָט זיך אויף אים מרחם געווען, געגעבן אַ שטיקל צײַטונגס־פּאַפּיר, נאָדל־פֿאָדעם און געוויזן ווי מען נייט אויף אַ קאָנווערט.

דער אַוועקגעשיקטער בריוו האָט אין ישׂראליקן דערוועקט נײַע האָפֿענונגען, אַ נײַעם לעבנסווילן. שוין דאָס עצם וואַרטן אויף אַן ענטפֿער, איז געווען פֿול מיט אינהאַלט. דורך בריוו, האָט ער געהאָפֿט, וועלן זיי זיך בעסער פֿאַרשטיין. וואָס דאָס מויל דערזאָגט ניט, קאָן די פּען דערגאַנצן. ס׳וועט גרינגער זײַן זיך דורכצושמועסן, טיילן זיך מיט די געדאַנקען, אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרץ און איבער הויפּט — איינער קאָן דעם אַנדערן דערמוטיקן.

ח

איין מאָל, נאָך דער אַרבעט, איז צו ישׂראליקן צוגעקומען דער באַראַק־קאָמענדאַנט (אַן אָנגעפּרעסענער, נידעריק־געוואַקסענער בלאָנדער רוס מיט אַ הויך־קלינגענדיקער, באַפֿעלערישער שטים, וואָס אַפֿילו ווען ער בעט עפּעס, דוכט זיך אויס, אַז ער באַפֿעלט) און אים געפֿרעגט, צי ער איז גרייט ברענגען פֿאַר דער קיך אַ שליטן האָלץ פֿונעם ברעג טײַך. ווי אַ באַלוינונג, האָט ער צוגעגעבן, באַקומט מען אַ גאַנץ ברויט, אַ זעקעלע צוקער און עטלעכע קאַרטאָפֿל. ישׂראליק האָט גלײַך מסכּים געווען און ניט געטראַכט, אַז ער ווייסט ניט ווי מע שפּאַנט אײַן אַ פֿערד. ער האָט אויך ניט גענומען אין באַטראַכט די פֿינצטערניש און דעם אומבאַקאַנטן וועג, ווײַל דער מוח איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיטן צוגעזאָגטן ברויט און שוין געמאַכט פּלענער וואָס ער וועט מיט דעם טאָן. אויך די ווײַסקייט פֿונעם צוקער האָט אים פֿאַרפּרושעט די געדאַנקען און ניט דערלאָזט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער ווײַסקייט פֿונעם פֿראָסט. און אַז

ישׂראליק האָט אַ קלער געגעבן וועגן די קאַרטאָפּל (ניט קיין קאַרטאָפּל־שאָלעכץ, ניט קיין פּוילעכץ, נאָר ממש געזונטע, גאַנצע קאַרטאָפּל) האָט זיך בײַ אים אַזוי צעשפּילט דער דמיון, אַז ער האָט שוין בכלל ניט געוווּסט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז.

ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אויפֿן „קאָנני דוואָר" און דער קאָניוך האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין שטאַל, האָט ישׂראליק חרטה געקראָגן אויף דעם גאַנצן עסק. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציִען. אין דער לופֿט איז געהאַנגען אַ שווערער ריח פֿון צעפּוילט שטרוי און פֿון פֿערדישע השתנה. דאָס אָנגעצונדענע נאַפֿט־לאָמטערנדל האָט זיך געמאַטערט און ניט געקאָנט בײַקומען דעם חושך. די פֿערד האָבן זיך אומרויִק געדרייט אין זייערע אָפּגעצוימטע פּלעצער, געקלונגען מיט די קייטן און אַרויסגעלאָזט געדיכטע פּאַרעקנוילן דורך די גרויסע נאָזלעכער.

דער קאָניוך האָט צולײַכטנדיק מיטן לאָמטערנדל אַראָפּגענומען פֿון אַ טשוואָק דעם כאָמעט מיטן ציימל, די לייצעס מיט דער בײַטש, צוגעטראָגן דאָס צו ישׂראליקן און מיט אַ קאָפּ־באַוועג אים אָנגעוויזן וועלכעס פֿערד צו נעמען. ישׂראליק איז מיט דעם גאַנצן קלאָפּערגעצײַג שטיין געבליבן און ניט געוווּסט וואָס טאָן מיט דעם.

דער קאָניוך, זעענדיק מיט וועמען ער האָט צו טאָן, איז געוואָרן מלא רציחה:

— וואָס שטייסטו ווי אַ געליימטער?! אונטערגענומען זיך, איז „בראַטאָק" — אויסגעפֿירט! און צוגעגעבן מיט אַן אויסגעקרימטן שמייכל — אַ שטאַל איז דיר ניט קיין „טאַרגאָווליע" און אַ פֿערד — קיין בוכאַלטערסקער טיש!

ישׂראליק האָט פֿאַרשטאַנען דעם שטאָך, נאָר ניט געמאַכט זיך הערנדיק. דער קאָניוך האָט זיך נאָך לאַנג געכּעסט, אָבער, אַז ישׂראליק האָט אים צוגעזאָגט אַ טייל פֿונעם פּראָוויאַנט, איז ער ווייכער געוואָרן, אײַנגעשפּאַנט דאָס פֿערד אין שליטן און איבערגעגעבן די לייצעס אין ישׂראליקס הענט.

די ערשטע פּאָר קילאָמעטער זענען אַדורך בשלום. נאָר ווען דער לעצטער בוים פֿון וואַלד איז געבליבן הינטער אים און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ברייט־פֿאַרוויייעטע פֿעלדער מיט שניי, האָט דאָס פֿערד אָנגעהויבן צו קאַפּריזעווען: געשטעלט אַ פּאָר טריט און זיך פֿאַרהאַלטן. ווידער געגאַנגען און ווידער זיך פֿאַרהאַלטן. ביז צום סוף זיך גאָר מיישב געווען און מער פֿון אָרט זיך ניט געוואָלט רירן. עס האָט ניט געהאָלפֿן דאָס ציִען פֿאַרן ציימל פֿאָרויס און ניט מיט די לייצעס אויף צוריק. אויך פֿון די געשרייען און פֿון דער בײַטש איז דאָס פֿערד ניט נתפעל געוואָרן.

ישראליק איז געווען פֿאַרצווייפֿלט. ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. בײַ וועמען בעטן הילף, אַז ער איז איינער אַליין אין פֿרײַען, נאַכטיקן פֿעלד?

דערווײַל איז פֿון אונטער אַ וואָלקן אַרויסגעקומען אַ האַלבע לבנה און געבליבן הענגען אַ צוגעפּרווירענע צו אַ שטיק אָפּגעדעקטן הימל. אַרום איר האָבן אויסגעשפּרייטע שטערן געבלינצלט און בלינצלענדיק אַזוי, געשפּריִיט ווײַס־בלוילעכע, דורכזיכטיקע נעפּלען.

ישראליקן האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ: בלײַבן דאָ — וועט ער פֿאַרפֿרוירן ווערן, לאָזן פֿערד און שליטן אויף הפֿקר און זיך אומקערן — וועט מען אים פֿאַרן געריכט שטעלן. האָט ער געפּרוּווט מיט גוטן: צו־געגאַנגען צום פֿערדס קאָפּ, געגלעט אים איבערן האַלדז, איבער דער גריווע, אָפּגערייניקט פֿון די פֿײַכטע נאָזלעכער די אײַזזאָפּליעס און מיט אַ הייסן אָטעם אים אַרײַנגערעדט תּחנונים־ווערטער אין די לענגלעכע אויערן. דעם פֿערדס אויערן האָבן זיך פֿון דעם אומגעריכטן הייסן אָטעמשטראָם עטלעכע מאָל צעטרייסלט, נאָר פֿון אָרט זיך אַלץ ניט גערירט.

ס'איז געוואָרן גאָר שפּעט. ישראליק האָט שוין מער ניט געפֿילט די קעלט. ס'האָט אים געשלעפֿערט. האָט ער אָפּגעלאָזט די לייצעס, אַרײַנ־געקראָכן אין שליטן און זיך פֿאַרוקט אין ווײַטסטן ווינקל. דעמאָלט ערשט האָט דאָס פֿערד אויפֿגעלעבט. אַ ציטער געטאָן מיט די באָקעס, אַ פֿאַרסקע געגעבן מיט דער מאָרדע, פּאַמעלעך זיך אויסגעדרייט מיטן שליטן און

אַוועקגעצוואַלעוועט אין דער ריכטונג צום שטאַל...

דער בזיון פֿון צוריקקומען אָן האָלץ און דער וויטיק פֿונעם פֿאַרלירן די צוגעזאָגטע פּראָדוקטן איז פֿאַרזיסט געוואָרן פֿון חנהס בריוו. חנה האָט געשריבן, אַז זי קלײַבט פֿאַר אים סוכאַרעס און זייף. זי וועט עס אים בקרוב שיקן. זאָל ער זיך האַלטן, ניט זײַן בײַ זיך געפֿאַלן. זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן, וועלן זיי זיך ווידער טרעפֿן און אויב ער וועט וועלן — שוין בלײַבן צוזאַמען.

ישׂראליק האָט דעם בריוו אַרײַנגעלייגט אין אַ זעקעלע. דורכן זעקעלע אַדורכגעצויגן אַ שטריקל און ווי אַ קמיע אָנגעהאַנגען דאָס אויפֿן האַלדז. אין יענער נאַכט איז ער דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַ סך חדשים, אײַנגעשלאָפֿן און דער שלאָף איז געווען אָן חלומות וואָס פּײַניקן און שרעקן.

דאָס בלויע רעקל

א

ווען מען האָט אים, דעם פּראָפעסאָר א. איבערגעשיקט פֿונעם קליי־נעם אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ סטעפּיקער געגנט, אינעם גרויסן לאַגער בײַ דער פֿאַרפֿרוירענער אָזערע, איז שוין געווען ערב פֿרילינג. ס׳איז אָבער אין דער טײַגע ניט געווען צו באַמערקן עפּעס אַ שינוי. די ביימער זענען נאָך אַלץ געשטאַנען שטײַף און געטראָגן אויף זיך דעם ווײַסן ווינטעריאָך הכנעהדיק און אַפּאַטיש. אַפֿילו די ווינטן וואָס האָבן זיך אָפּטער צעבלאָזן, זענען ניט בכּוח געווען אַרויסצורײַסן זיי פֿון דער אַפּאַטישקייט.

דאָס לאַנגע פֿאָרן אין די פּיוואַגאָנען האָט בײַ א—ן צעמישט די טעג מיט די נעכט. וויפֿל ער האָט ניט געציילט, פֿאַרבויגן אַ פֿינגער נאָך אַ פֿינגער, האָט זיך בײַ אים אַלץ באַקומען מער נעכט ווי ס׳זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט. אפשר האָט עס זיך בײַ אים אַזוי באַקומען ווײַל בײַ נאַכט איז מען עלנטער, אָפּגעריסן פֿון דער וועלט, אויסגעשטעלט בלויז אויף זיך אַליין. די פֿינצטערניש נעמט אַפֿילו פֿון דיר אַוועק די מיט־פֿאָרערס וואָס רינגלען דיך אַרום. דו זעסט זיי ניט מער, כאָטש דו הערסט זייער אָטעמען, זייער שנאָרכן און ניט זעלטן זייער פֿאַרשטיקט געוויין פֿונעם שלאָף אַרויס. אינעם חושך איז מען אויג אויף אויג מיטן פּחד. ליגסט צונויפֿגעדרענגט, אָן באַוועגונג, אָן דערוואַרטונג, אָן גלויבן און די פֿינצטערניש פֿון דרויסן איז די פֿינצטערניש וואָס הויערט אין דיר.

דערקעגן אינעם ליכט פֿונעם טאָג קאָן מען דורכן קליינעם וואַגאָן־פֿענצטערל אַרײַנכאַפּן שטיקער פֿרײַע לאַנדשאַפֿט און האָבן די אילוזיע,

אַז ביסט אַ טייל פֿון איר: אַט טראָגן זיך אַן עטלעכע נאַקעטע בעריאָז־קעס. זיי באַווײַזן ניט צו פֿאַרשווינדן און שוין זעסטו אַ דאָרף, האַלב פֿאַרזונקען אין שניי; שוואַרצע קראָען אויף אַ פֿאַרפֿרוירן בערגל מיסט; אַן איינזאַמער שליטן געשפּאַנט אין צוויי פֿערד און דאָס איינגעהויקערטע פּויערל וואָס זיצט דאָרט, פֿאַרדעקט מיט אַ שעפּסנפּעל ביז איבערן קאָפּ, האָט די צורה פֿון אַ צעהוידעטן זאַק קאַרטאָפֿל. אַפֿילו ווען א. מאַכט צו די אויגן, ווייסט ער, אַז די לאַנדשאַפֿט איז פֿאַראַן און ווען ער זאָל זיי ניט עפֿענען און אַ קוק טאָן אין שײַבל, וועט זי אים באַלד אַנטקעגנטראָגן עפּעס אַ נײַ בילד. אַ מאָל — קוימענס פֿון אַ פֿאַבריק; אַן אַנדערש מאָל אַ הילצערן בריקל איבער אַ פֿאַרפֿרוירן וואַסער אָדער סתם טעלעגראַפֿן־סלופּעס וואָס אַנטלויפֿן אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג פֿון דער באַן.

דורכן גאַנצן וועג האָט זיך דער עשעלאָן נאָר איין מאָל פֿאַרהאַלטן אויף אַ סטאַנציע ממש, ווו ס'האָבן געוואַרט פּשוטע פּאַסאַזשירן. געוויינטלעך פֿלעגט דער עשעלאָן בלײַבן שטיין אין פֿרײַען פֿעלד, אָדער אויף זײַטיקע רעלסן פֿון אַ פֿאַרצווײַגטן באַנקנופּ.

דאָס קורצע אָפּשטעלן זיך בײַ אַ וואָקזאַל־בנין, ווו פֿרײַע מענטשן פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג קוקן אויס אויפֿן אָנקום פֿון אַ פּאַסאַזשיר־צוג, איז פֿאַר א—ן און פֿאַר די איבעריקע לאַגערניקעס געווען אַן אומדערוואַרטע מתנה און זיי דערמעגלעכט צו כאַפּן אַ זשעדנעם בליק און אָנזעטיקן די אויגן מיט אַלץ וואָס געהערט צום נאָרמאַלן לעבן און צום נאָרמאַלן לעבן געהערן דאָך די פּויערטעס וועלכע זיצן אויפֿן פּעראָן אַרומגערינגלט מיט זייערע קינדער, קאָשיקעס און אָנגעשוואָלענע קלומיקעס; די געזעמלעך פּויערים, וואָס פּיפּקען רויִק זייערע אין צײַטונגס־פּאַפּיר געוויקלטע מאַכאָרקע־ציגאַרן און שמועסן וועגן גאָט ווייסט וואָס פֿאַר אַ ענינים.

דאָס אָפּשטעלן זיך פֿונעם עשעלאָן האָט מיט איין מאָל משנה געווען דעם אָנגעזאַמלטן גליוּוער און לאַנגווײַל פֿון דער קליינער באַן־סטאַנציע. אַלע האָבן געפֿילט, אַז עפּעס אַ ניט געוויינטלעכע זאַך איז

געשען. די קינדער, װאָס זענען ביז איצט געזעסן און צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס געדולדיק געוואַרט שעהען־לאַנג אויפֿן צוג, האָבן זיך אַ ריס געטאָן, גענומען אַרומלויפֿן איבער דער פּלאַטפֿאָרמע, לענג־אויס די וואַגאָנען, שרײַענדיק און פֿאָכעדיק מיט די הענט ווי אַ טשאַטע צעפּאָלאָ־שעטע פֿייגל. די פּויערטעס האָבן אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אין זייער געפּעק, שווער זיך אונטערגעהויבן פֿון זייערע ערטער און אַרויסלאָזנדיק די הייסע פּאַרע אינעם קאַלטן חלל אַרײַן פֿאַרריסן די קעפּ צו די הויכע פֿענצטערלעך. כאָטש די אויגן זייערע זענען פֿאַרגאַנגען מיט טרערן, האָבן די פּויערטעס געפּרוּווט צו שמייכלען. אַ מין שטומער, פֿאַרשולדיקטער שמייכל איז דאָס געווען, וואָס האָט געזאָלט פֿאַרדעקן די אייגענע צערו־דערונג און געדאַרפֿט זײַן ווי אַ טרייסטוואָרט פֿאַר די וואָס קוקן אַרויס דורך די נאַסע שײַבלעך. די פּויערים זענען אַנטשוויגן געוואָרן און אויס־געדרייט די קעפּ צו די פֿאַרחתמעטע טירן פֿונעם עשעלאָן, צו די היטערס מיט די אויפֿגעשטעלטע פֿוטערנע קאָלנערס און די אָנגעהאַנגענע ביקסן. קיינער פֿון זיי האָט ניט געוואַגט צו רירן זיך פֿונעם אָרט. בלויז אַ פֿינף־זעקס קאָלכאָזנע מיידלעך האָבן זיך פֿאַרזיכטיק דערנענטערט צו די וואַגאָנען. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין די זעלבע דרײַ־פֿערטלדיקע שובעס און טונקעלע ווילאַקעס אויף די פֿיס. די זעלבע איינפֿינגערדיקע הענטשקעס און וואָלענע טיכער אויף די קעפּ. עס האָבן זיי מער אינ־טערעסירט די יונגע עשעלאָן־היטערס מיט די הינט און ביקסן אויפֿן אַקסל, ווי די אויסגעמאַטערטע, פֿאַרוואַקסענע פּנימער פֿון די פֿאַרשיקטע.

די מיידלעך זענען אַזוי ענלעך געווען איינע צו דער אַנדערער, אַז א. האָט געהאַט דעם אײַנדרוק אַז ער זעט ניט פֿינף־זעקס באַזונדערע בריאים נאָר איין געשטאַלט וואָס האָט זיך פֿאַרפֿינפֿאַכט, פֿאַרזעקספֿאַכט און אַט שטייען זיי די פֿינף־זעקס קאָפּיעס פֿון דער איינער געשטאַלט און כיכי־קען און שטשירען די ציין און שטופּן זיך מיט מיידלישער טראַציקייט.

דאָס איז געווען דער איינציקער פֿריילעכער מאָמענט, וואָס האָט זיך פֿאַרקריצט אין א—ס זכרון פֿונעם קורצן אויפֿהאַלט אויף יענער פֿאַר־וואָרפֿענער באַן־סטאַנציע.

ב

צו מאָרגנס, נאָכן אָנקומען אין גרויסן לאַגער, איז א. אַרויס פֿונעם קאַלטן באַראַק אין דעם נאַך קעלטערן און פֿאַרטומאַנעטן דרויסן און געשטעלט זיך אין דער לאַנגער ריי צו באַקומען זײַן ברויט־פּאַיאָק. אַרום דער ריי פֿון די נײַ־אָנגעקומענע האָבן זיך געדרייט די היגע לאַגערניקעס, וואָס האָבן געוואָלט הערן נײַעס פֿון דער „דרויסנדיקער וועלט״ און פֿאַר־געלייגט שטיקלעך ברויט פֿאַר אַ ביסל מאַכאָרקע. פּלוצעם האָט זיך פֿאַר א—ס בליק פֿאַרבײַגעטראָגן אַן אײַנגעהויקערטע געשטאַלט און אויף איר איז געווען אַ בלוי־ניט־בלוי געוואַנט, אַן אָפּגעטראָגן רעקל. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער קען עס. אין דער ערשטער מינוט האָט א. אַ לויף געטאָן, געוואָלט דעריאָגן די געשטאַלט. באַלד אָבער זיך פֿאַרהאַלטן: מען וועט אים ניט אַרײַנלאָזן צוריק אין דער ריי און ער וועט זיך דאַרפֿן נאָך אַ מאָל שטעלן צום סוף, אין דער דורכנעמענדיקער קעלט. ווען א. האָט שוין יאָ באַשלאָסן נאָכצוגיין דעם מענטש וואָס האָט געטראָגן דאָס באַקאַנטע רעקל, איז שוין יענער נעלם געוואָרן צווישן די שורות הילצער־נע באַראַקן, וועלכע זענען אַרײַן־און־אַרויסגעשוווּמען פֿונעם ווײַסן פֿראָסט־נעפּל.

א. איז שטיל אַרײַן אויף זײַן אָרט און פֿאַרויסגערוקט זיך צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך געריטשט און געגליטשט איבערן ווײַסן שניי ווי אַ שוואַרצע שלאַנג. ער האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן ווו ער געפֿינט זיך. זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דעם רעקל. דער אָפּגעקראָכענער בלוי פֿון דעם געוואַנט איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן. אין זײַן פֿריִערדיקן גילגול, פֿאַר דער מלחמה, האָט ער געהאַט אַזאַ מלבוש און עס עמעצן אַוועקגעשענקט, נאָר ער קאָן זיך איצט ניט דערמאָנען — וועמען.

די ריי האָט זיך כּמעט ווי ניט גערירט. מע האָט געשטעלט אַ טראָט און לאַנגע, לאַנגע מינוטן איז מען ווידער געשטאַנען אויפֿן שנייפֿעלד. דער שניי אונטער די פֿילצאָליקע פֿיס האָט זיך געזעצט, געוואָרן האַרטער און גליטשיקער. די ווײַסקייט — אַלץ טונקעלער און שמוציקער. א—ס

פּיס האָבן פֿון קעלט און מידקייט געציטערט. ער האָט עס ניט געפּילט. זײַנע געדאַנקען האָבן נאָך אַלץ אַרומגעזוכט דעם „ווּעמען״.

א. האָט ניט געוווּסט ווער עס איז דער וואָס שטייט פֿאַר אים און ווער — הינטער אים. ער האָט אויף זיי קיין אַכט ניט געלייגט פּונקט ווי יענע האָבן זיך ניט געקימערט ווער ער איז. נאָר אַז די פּיס האָבן אים גענומען שטאַרקער ווײי טאָן, האָט ער זיך אַ ביסל צוגערוקט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף עמעצנס פּלייצע. יענער — דערפּילנדיק פּלוצעם אַן אומגעריכטע משׂא, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און דערבײַ אַרויסגעלאָזט אַן אומ־צופֿרידענעם ברום:

— כ׳זע, ברודערקע, אַז דו פּילסט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים. שפּאַר זיך אָן אין אַ גרעסערן גביר!

א. איז אַ דערשראָקענער פֿון יענעמס רויער שטים אָפּגעשפּרונגען. דעם אומבאַקאַנטנס זאָג „ווי בײַ זיך אין דער היים״ האָט פֿאַר איין מאָל אַראָפּגעריסן די רעשטלעך שוואַרצן שלייער פֿון א—ס זכרון. די באַפֿרײַטע בילדער האָבן זיך גענומען שטופּן איינס נאָך ס׳אַנדערע צום אויבערפֿלאַך פֿונעם געדאַנק:

— — — — ס׳איז עטלעכע טעג פֿאַר פּסח. דאָס ווײַב וויל ער זאָל אויפֿהענגען די נײַע טיולענע פֿאַרהאַנגען אין סאַלאָן. ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט. געדאַרפֿט זיך צוגרייטן צום פּראָפֿעסאָרן־צוזאַמענפֿאָר אין וואַרשע. איז ער אַוועק צו בערקאָ דעם קוילנטרעגער (בערקאָ פֿלעגט אין אַ הויכן, געפֿלאָכטענעם קויש אַרויפֿברענגען צו זיי אַ גאַנצן ווינטער קוילן מיט האָלץ און אַז מען האָט געדאַרפֿט — אויך אַרויפֿגעשלעפּט קאַרטאָפּל פֿונעם קעלער) און אים אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַרהאַנגען אויפֿהענגען קאָנט איר, בערקאָ?

— וואָדען, כ׳קאָן ניט?

זײַנע הענט זענען שוואַרץ געווען פֿון די קוילן און דאָס ווײַב האָט מורא געהאַט, אַז בערקאָ זאָל זיך צורירן מיט אַזעלכע פֿאַרגרעבטע פֿינגער

צום איידעלן געוועב פֿון די נײַע פֿאַרהאַנגען. א. האָט אַרײַנגערופֿן בערקאָן אין וואַשצימער, געגעבן אים זייף מיט אַ בערשטעלע און אים געהייסן עטלעכע מאָל אַרומרײַבן די הענט. א. דערמאָנט זיך ווי דער קוילנטרעגער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּחידושן פֿון דעם ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם זייף און נאָך דעם זיך כּסדר געשמעקט די הענט.

ווען בערקאָ איז סוף־כּל־סוף פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער מלאכה, האָט א. אים געוואָלט באַצאָלן, נאָר בערקאָ האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט פֿונעם „פּאַן פּראָפֿעסאָר״ (א. האָט צו זיך איצטער, שטייענדיק אין דער ריי נאָכן פּענעץ ברויט, אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל איז אים פֿון די בלוילעכע ליפּן אין שניי אַראָפּגעפֿאַלן און אינעם שניי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן). א. האָט בערקאָן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן אָן װעלכע עס איז באַלוינונג. איז ער צו צו דער קליידערשאַפֿע, מיטן בליק אַ זוך געטאָן צווישן דער מענגע בגדים. זײַן אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם בלויען רעקל, וואָס ער האָט געהאַט געבראַכט פֿון ענגלאַנד. אָט דאָס בלויע רעקל האָט ער אַוועקגעשענקט דעם קוילנטרעגער און בערקאָ האָט ניט געוווּסט ווי צו באַדאַנקען פֿאַר דער שיינער מתּנה — — —

זאָל דער הײַנט באַמערקטער בגד טאַקע זײַן יענץ רעקל? אויב יאָ, מוז דאָך דער וואָס האָט עס געטראָגן, זײַן בערקאָ, בערקאָ, דער קוילנ־טרעגער.

א. האָט באַשלאָסן, אַז מאָרגן, איידער די קאָלאָנעס לאָזן זיך אַרויס צו די אַרבעטפּלעצער, וועט ער גיין זוכן דעם מענטש מיטן בלויען רעקל. ס׳זענען אים גלײַך באַפֿאַלן ספֿיקות: אפֿשר איז עס ניט יענץ רעקל און אויב יאָ, מוז ניט דער וואָס טראָגט עס זײַן בערקאָ. מאַלע וואָס עס האָט געקאָנט געשען אין דער מלחמה־זאַווערוכע. אפֿשר האָט בערקאָ דאָס רעקל פֿאַרלוירן? אפֿשר — הונגעריק געווען און עס פֿאַרקויפֿט, אָדער בײַם אַריבערלויפֿן די פּויליש־רוסישע גרענעץ האָט עמעצער פֿון אים דאָס רעקל צוגענומען? ס׳קאָן דאָך אויך זײַן, אַז ער און דאָס רעקל מיט אים

אין איינעם זענען געבליבן בײַם דײַטש... אויב דאָס איז דאָס רעקל, און דער וואָס טראָגט עס, איז טאַקע בערקאָ, איז אפֿשר בעסער ניט צו ווײַזן זיך פֿאַר אים. וואָס וועט אַזאַ בערקאָ זאָגן, ווען ער וועט דערזען אַ מענטש מיט אַרומגעוויקלטע שמאַטעס אויף די פֿיס, מיט אַ צעריסענע קופּײַקע וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ שטריק אַנשטאָט קנעפּ? בערקאָ זאָל דערזען אַ מענטש מיט אײַנגעפֿאַלענע אויגן און מיט אַ שטענדיק נאַסער נאָז, וואָס אינדרויסן, אויפֿן פֿראָסט ווערט די נאַסקייט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אײַזצעפּל און אין דעם מענטש זאָל ער דערקענען יענעם פֿאַן פּראָפֿעסאָר פֿון קראָקע, וואָס פֿלעגט אים זאָגן אַ גוט וואָרט, אויספֿרעגן זיך וועגן זײַן לעבן און זײַן משפּחה און מכבד געווען אים מיט אַ שמעקעדיקן ציגאַר. א. האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ער וועט זיך אים ניט ווײַזן פֿאַר די אויגן.

ג

אויפֿן דריטן טאָג, ווען א. איז אַדורך די רעיעסטראַציע, צוגעטײלט געוואָרן צו אַן אַרבעטס־בריגאַדע, באַקומען אַ פּאָר לאַפּטשעס, אַ קעסעלע מיט אַ לעפֿל און אין קעסעלע אַרײַן דאָס ביסל קרויטזופּ, האָט ער זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ זײַן געדאַנק — ניט צו ווײַזן זיך פֿאַר בערקאָן. ווען ער האָט די זופּ אַראָפּגעשלונגען, מיטן פֿינגער אויסגעווישט דאָס קעסעלע, אַרומגעלעקט דעם פֿינגער, אָפּגעלעקט דעם הילצערנעם לעפֿל, דאָס קעסעלע מיטן לעפֿל באַהאַלטן אונטערן שטרויזאַק, דעם שטרויזאַק פֿאַרדעקט מיט די עטלעכע קאָצן, נאָכגעטרונקען הייסן קיפּיאַטאָק און צום סוף געבליבן הונגעריק, האָט דער געדאַנק נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. אויך בײַ זײַן אַרומוואַלגערן זיך אויפֿן מאָגערן שטרויזאַק איז דער נדר געבליבן נדר. נאָר אויף צומאָרגנס, ווען די שוואַכע ערב־פֿרילינג־זון האָט אַ ביסל צעשמאָלצן די באַראַק־שײַבלעך און די פֿראָסטבלומען האָבן גענומען צו ביסלעך אײַנגיין, האָט אויך דער שטאַרקער ווילן בײַ א—ן אויפֿגעטײַעט. אויפֿגעטײַעט און דאָך איז ער ניט געגאַנגען זוכן בערקאָן מיטן בלויען רעקל. אָפּגעלייגט עס אויף

פֿאַר נאַכט, ווען ער וועט זיך אומקערן מיט זײַן בריגאַדע פֿון דער וואַלדאַרבעט.

אַ גאַנצן טאָג, בײַם זעגן די ביימער, האָט ער ניט אויפֿגעהערט אַרײַנצוטראַכטן ווי וועט אויסזען די באַגעגעניש. וואָס וועט ער אים זאָגן און וואָס וועט יענער אים זאָגן. דאָס ערגסטע וועט זײַן, אַז בערקאָ וועט אים באַדויערן. קוקן אויף אים מיט רחמנות. וויגן מיטן קאָפּ הין און־הער און מורמלען:

— זע נאָר, זע, וואָס פֿון אַ מענטש איז געוואָרן.

אָדער, אַנשטאָט רחמנות, וועט ער אַרויסלייענען פֿון בערקאָס בליק אַ שאָדן־פֿרייד:

— איצטער זענען מיר גלײַך! ניטאָ קיין פּראָפֿעסאָר און קיין קוילנ־טרעגער. ניטאָ קיין מיוחסים. די זעלבע לײַז און דאָס זעלבע ביסל קרויטזופּ.

דער טומל פֿון אַ פֿאַלנדיקן בוים האָט א—ן אַרויסגעריסן אויף אַ ווײַלע פֿון דער פֿאַרקלערטקייט און אים צוריקגעבראַכט צו דער רעאַלי־טעט פֿון געזעגטע ביימער, פֿון העק וואָס האַקן אַרום די צווײַגן. פֿון שײַטערס, ווו די קלענערע צווײַגלעך ווערן פֿאַרברענט. פֿון שליטנס וואָס קומען און פֿאָרן אָפּ מיט די צעזעגטע און אָפּגעמאָסטענע קלאָפֿטערס האָלץ.

ווען די קולות פֿון די האָלצהעקער האָבן זיך אַ ביסל אײַנגעשטילט, איז א. צוריק אַרײַן אין זײַן מחשבה־וועלטל, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אַרום דעם בלויען רעקל. די פּיס האָבן געטאָפּטשעט אין שניי. די הענט האָבן מעכאַניש צונויפֿגענומען די אָפּגעהאַקטע צווײַגלעך און זיי צוגעטראָגן צום שײַטער, נאָר דער קאָפּ איז געווען ערגעץ אַנדערש. אָט זעט ער זיך אינעם בלויען רעקל, מיט אַ שניפּס נעבן מיקראָפֿאָן, בעת ער האָט געלייענט זײַן פֿאָרשאַרבעט אינעם קײַלעכדיקן זאַל פֿון דער בריטישער מעטראָפּאָליע און אין דעם זעלבן רעקל איז ער געווען אָנגעטאָן בשעת זײַן חתונה, זײַנע קרובים און גוטע פֿרײַנד האָבן אים באַגעגנט אויפֿן קראָקעווער וואָקזאַל. נאָכן צוריקקער פֿון ענגלאַנד: בלומען. האַנטגעדריק.

טרערן פֿון פֿרייד. אַלע פֿרעגן. אַלע רעדן. א. האָט צוגעקוועטשט די אויגן כדי צו קאָנען וואָס לענגער פֿאַרהאַלטן די בילדער. דער כּוח פֿון דמיון האָט זיך אין אים אַזוי צעשפּילט, אַז די ביימער וואָס האָבן אים אַרומגע־רינגלט, זענען מער קיין ביימער ניט געווען, נאָר באַקומען דעם אָנבליק פֿון מענטשן, פֿון אויסטערליש־הויכע מענטשן און יעדער פֿון זיי האָט גע־טראָגן אַ בלוי געוואַנט. די ביימער־מענטשן האָבן זיך געשאָקלט און געסודעט אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז אונטערגעקומען די האַק מיט דער זעג און זיי איינס נאָך ס׳אַנדערע אומגעוואַלגערט.

א. האָט זיך קוים דערוואַרט צום סוף פֿון טאָג. דעם גאַנצן וועג, פֿונעם וואַלד ביז צום לאַגער־טויער, האָט ער אײַנגעחזרט זיך, ווי מורא געהאַט, אַז ער קאָן דאָס פֿאַרגעסן: — הײַנט גיי איך זוכן דעם קוילנ־טרעגער. הײַנט. הײַנט. די פֿילצאַליקע טריט פֿון די לאַגערניקעס, וואָס זענען געגאַנגען רייענווײַז, האָבן מיט זייער אָפּהילך ווי באַשטעטיקט: הײַנט!

צוריקגעקומען אין לאַגער, איז אים באַפֿאַלן עפּעס אַ ניט באַשטימטער פּחד און א. האָט דאָס גיין זוכן בערקאָן ווידער אָפּגעלייגט. ערשט אויפֿן דריטן, צי אויפֿן פֿערטן טאָג האָט ער געפֿועלט בײַ זיך דאָס צו טאָן. ווי אַ קאַץ איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן הויכן נאַרעבערעט און געזוכט אַ דורכגאַנג צווישן דער ווילדעניש פֿון מענטשן־גופֿים. ווי אַ קאַץ זיך דורכגעגליטשט צווישן די נאַרע־שורות און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גיין פֿון באַראַק צו באַראַק. דאָס פֿרעגן זיך, צי האָט ווער געזען איינעם מיט אַן אָפּגעטראָגן רעקל. דאָס רעקל איז אַ מאָל בלוי געווען. פֿון עכטן ענגלישן וואָל. מיט אַן אַטלאַסענעם אונטערשלאָג? די געפֿרעגטע האָבן געהויבן מיט די אַקסלען:

— ניט געזען. ניט געהערט.

אָדער אפֿשר ווייסט עמעץ וועגן איינעם אַ ייד מיטן נאָמען בערקאָ, וואָס שטאַמט פֿון קראָקע. אין דער היים געווען אַ קוילנטרעגער? די געפֿרעגטע האָבן ווידער געהויבן מיט די אַקסלען:

— ניט געזען. ניט געהערט.

א. האָט ניט נאָכגעגעבן — אַ צוויי־באָרטנע רעקל איז דאָס געווען מיט טונקעלע קנעפּ. געניייט לויט דער לעצטער מאָדע. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער עס געזען. עמעץ האָט עס געטראָגן. ס'קאָן דאָך ניט זײַן אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. מיט די אייגענע אויגן געזען דאָס רעקל און עס בפּירוש דערקענט. ער איז גרייט אָוועקצוגעבן אַ גאַנצע פּאָרציע ברויט, אַבי מען זאָל אים העלפֿן אויסצוגעפֿינען דעם מענטש מיטן מלבוש.

די לאַגערניקעס האָבן ביסלעכווײַז פֿאַרלוירן דאָס געדולד צו אים. טייל האָבן זיך אָפּגעטראָגן און די וועלכע זענען געבליבן אויפֿן אָרט, האָבן מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט אים געראָטן צו גיין צום לאַגער־דאָקטער. דאָרטן וועט ער אויף געוויס געפֿינען אי דאָס רעקל פֿון דער לעצטער מאָדע, אי זײַן בן־עיר.

נאָך אַזעלכע דיבורים, האָט שוין א. מער בײַ קיינעם ניט געפֿרעגט. ער האָט זיך נאָר אײַנגעקוקט אין פֿאַרבײַגייענדיקע פּנימער, צוגעהערט זיך צו מענטשלעכע רייד. געוואָלט אויפֿכאַפּן עפּעס אַ באַקאַנטן שטריך, אַ קלאַנג. געגאַנגען צו די קאַרטאָפֿל־שיילערס און צו די באָדהייצערס. צו די האָלצזעגערס און מיסטפּירערס. קיינער אָבער איז ניט געווען דער, וועמען ער האָט געזוכט. צענדליקער רעקלעך, שאָפּענע פּעלצלעך, קופּײַ־קעס, שפּענצערס, טולופּעס מיט פֿוטערנע קאָלנערס און אָן פֿוטערנע קאָלנערס, צעלעכערטע און פֿאַרלאַטעטע, האָבן פֿאַרבײַגעשוועבט פֿאַר זײַנע בליקן, נאָר דאָס בלויע רעקל האָט זיך ניט אָפּגעפֿונען.

אַן אַנטוישטער און אַ צעבראָכענער האָט זיך א. אומגעקערט צו זײַן באַראַק כדי צוריק צו ווערן איינער פֿון די אַנאָנימע לאַגערניקעס, אָן אַ נאָמען, אָן אַ פּנים, אָן צו קאָנען ווידער זיך אַ הייב טאָן און אָוועקשוועבן כאָטש אין דער מחשבה צום געבלומטן שלאָפֿראָק פֿונעם ווײַב, צו טיולענע פֿאָרהאַנגען וואָס באַוועגן זיך, פֿלאַטערן און בלענדן און דעקן אויף אַ ווײַלע די רייען ביכער אין די באַגלאָזטע שאַפֿעס, די אָרומשפּרינגענ־דיקע קאַנאַריקעס אין דער אויפֿגעהאַנגענער קליאַטקע, זיינע שטעקשיך אויפֿן בערנפֿעל, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט נעבן בעט, דאָס וואַשצימער

ווו ס'רינט פֿון די קראַנען קאַלט און הייס וואַסער און מען קאָן אַרײַנציִען דעם ריח פֿון שמעקעדיק זייף.

דאָס צוגעטײלטע שטיקל ברויט איז דאָס מאָל ביטערער געווען ווי שטענדיק.

דער מוזיי פון אויסטערלישקייטן

ס׳איז פֿאַר מיר געווען אַ יום־טוב, ווען מײַן עלטערער ברודער האָט מיך מיטגענומען צו דעם וואַנדערנדיקן „מוזיי פֿון אויסטערלישקייטן״, וואָס איז אײַנגעשטאַנען אין דער אַלטער, פּוסטער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע. כ׳האָב אייגנטלעך ניט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס און וואָס מען וועט דאָרט זען. כ׳בין אָבער מיטגעריסן געוואָרן פֿון דער פֿריילעכער שטימונג און פֿון דער הײַטערקייט מיט וועלכער די לופֿט פֿון אונדזער גאַס און פֿון די אַרומיקע געסלעך איז פֿול געווען. די דערוואַקסענע האָבן ניט ווינציקער ווי די קינדער זיך איבערגענומען מיט דער געשעעניש און ווער עס האָט זיך נאָר געקאָנט באַפֿרײַען פֿון דער אַרבעט איז געלאָפֿן קויפֿן בילעטן.

שוין פֿון דער ווײַטנס האָט מען געקאָנט זען דעם גרויסן שילד מיט דער שרײַענדיקער אויפֿשריפֿט:

אומגעהערטע אַטראַקציע! דאָס זעט מען איין מאָל אין הונדערט יאָר!

די בעסטע אויסלענדישע כּוחות! קומט מאַסנווײַז אין אונדזער „מוזיי פֿון אויסטערלישקייטן״!!!

דער פֿאַרזשאַווערטער טויער פֿון דער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע איז באַצירט און באַהאַנגען געווען מיט פֿענדלעך און מיט קאָלירטע לעמפּע־לעך, וואָס האָבן זיך געצונדן און געלאָשן אַפֿילו אין מיטן העלן טאָג.

נעבן טויער איז געווען אַ בודקע מיט אַ פֿענצטערל אויף צו פֿאַרקויפֿן בילעטן. ווײַטער אַביסל, איז אויף צווײ רויט־געפֿאַרבטע פֿעסלעך געלעגן אַ גרין־קאָליריק ברעט און אויף אים — אַ פּאַרשוין מיט אַ פֿאַרמעליקט פּנים אין אַ באָרדאָ־געל־בלויעם מלבוש מיט גרויסע קנעפּ און ברייטע מאַנזשעטן און אַ הוט אויפֿן קאָפּ פֿון די זעלבע קאָלירן. דער פּאַרשוין האָט געהאַלטן אַ צונויפֿגעדרייט שטיק בלעך און דורך דער בלעכטרובע גערופֿן דעם עולם צו קויפֿן בילעטן, כאָטש דאָס איז לחלוטין איבעריק געווען, ווײַל צו דער קאַסע איז ניט מעגלעך געווען צוצוקומען. אײנער איז געקראָכן אויפֿן צווייטן. מען האָט זיך געשטופּט, געליאַרעמט און געזידלט. דער קאַסירער האָט אַרויסגעשטרעקט זײַן גלאַנציקן, פּליכע־וואַטן קאָפּ דורכן קליינעם קאַסע־פֿענצטערל, געבעטן זיך אויפֿצופֿירן לײַטיש, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿן — געדראָט צו פֿאַרמאַכן די קאַסע. די מענטשן האָבן אים סײַ־ווי ניט געהערט און דער רעש און שטופּעניש איז אויף אַ האָר ניט קלענער געוואָרן.

ווען מײַן ברודער האָט געזען וואָס עס טוט זיך, איז ער מיט מיר אַוועק אין אַ זײַט, געזאָגט: „וואָרט" און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן צווישן דעם מענטשן־פּלאָנטער. ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און ער איז אַרויסגעקומען פֿון דער געדרענגעניש אַ שטראַלנדיקער, מיט בילעטן אין די הענט, און מיר זענען אײַלנדיק אַרײַן.

פֿון דער טיר ביז צום גרויסן זאַל האָט געפֿירט אַ מין שמאָלער קאָרידאָר, צונויפֿגעקלאַפּט פֿון צווײ אַנטקעגנגעשטעלטע ווענט מיט אַ נידעריקן סופֿיט. איך האָב זיך אָבער ניט געכאַפּט, אַז דאָס זענען ניט סתּם ווענט, נאָר שפּיגלען. פּלוצעם בין איך אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון מאָדנע צעקרימטע ברואימלעך און אַלע זענען זיי מיט עפּעס וואָס ענלעך געווען צו מיר. טייל פֿון זיי האָבן געהאַט לאַנגע פֿיס און שפּיציק־לאַנגע קעפּ. אַנדערע זענען גאָר געווען פּלאַטשיק און נאָך אַנדערע האָבן געהאַט קײַלעכדיקע פֿיס, אָנגעבלאָזטע בײַכער און אַרונטערגעלאָזטע אויערן. ניט ווילנדיק האָב איך זיך אַ טאַפּ געטאָן בײַ די אויערן, אָנגערירט דעם בויך, האָבן יענע באַשעפֿענישלעך אויך דאָס זעלבע געטאָן. בין איך

געבליבן שטיין אָן באַוועגונג, האָבן זיך יענע אויך פֿאַרהאַלטן.

מײַן ברודער דערקעגן, ווי אַ סך אַנדערע באַזוכערס, האָבן די שפּיגלען פֿאַרוויַלט. ער האָט דערפֿון הנאה געהאַט און ניט אויפֿגעהערט צו לאַכן. בלויז איך בין געשטאַנען אַ דערשראָקענער און קוים אײַנגע־האַלטן די טרערן. קעגן מײַן ווילן בין איך אים נאָכגעגאַנגען. ס׳האַרץ האָט געטיאָכקעט. די פּיס — געפּלאָנטערט. כ׳האָב מורא געהאַט אָפּ־צולאָזן זײַן האַנט.

ערגעץ פֿון דער טיף האָבן זיך דערטראָגן אָרקעסטער־קלאַנגען. מײַן ברודער איז געווען כּולו שפּאַנונג, כּולו דערוואַרטונג. ער האָט זיך געריסן פֿונעם אָרט. ווען ער קאָן, לאָזט ער מיך און לויפֿט וואָס גיכער צו די אַלע אַטראַקציעס וואָס יענער פֿאַרשוין אויף די פֿעסלעך האָט אויס־גערעכנט דורך דער בלעכערנער טרובע. איך האָב אַ ביסל געהאַמעוועט זײַן ברען. פֿון דער גאַנצער יום־טובדיקייט מיט וועלכער כ׳בין דאָ געקומען, איז קיין סימן ניט געבליבן. אַנשטאָט דעם איז דער פּחד און דער חשד מיר געקראָכן פֿון די אויגן.

דער מענטשנשטראָם האָט זיך געצויגן צו אַ פֿויגל וואָס האָט גערעדט אויף אַ מענטשלעך לשון, זענען מיר אויך דאָרט אָוועק. דער פֿויגל האָט געענטפֿערט אויף געשטעלטע שאלות. פֿון צײַט צו צײַט האָט אַ דאַר מיידל אים אונטערגערוקט אַ קעסטעלע. דער פֿויגל האָט מיטן שנאָבל פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן צעלאָפּאַנענע זעקעלעך מיט זיס־וואַרג. דאָס מיידל האָט די זעקעלעך געוואָרפֿן צו די אַרומשטייענדיקע. מײַן ברודער האָט אויך געכאַפּט אַזאַ זעקעלע און מיך מכבד געווען. איך אָבער האָב זיך אײַנגעעקשנט און די צוקערלעך בשום אופֿן ניט געוואָלט אָנרירן.

ניט ווײַט פֿונעם פֿויגל איז אויף אָן אימפּראָוויזירטער קליינער סצענע געשטאַנען אַ יונגע פֿרוי אין אַ לאַנג, גרין קלייד מיט אַ ברייטן דעקאָלט און געזונגען מיט אַ קוויטשיק קול. די יונגע פֿרוי, די זינגערין, האָט געהאַט אַ לאַנגע מענערבאָרד מיט גראָבע ברעמען איבער די אויגן און דאָס האָט קיינעם ניט געשטערט. מען האָט זי ניט אויס־

געלאַכט. מען איז זיך ניט צעלאָפֿן. פֿאַרקערט, דער געדראַנג אַרום איר איז גרעסער געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט.

ווען מײַן ברודער האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט דער פּרויס באַרד און געזאַנג, האָט ער מיך אַוועקגעפֿירט צו אַ בחור אָן הענט, וואָס האָט געהאַלטן די פֿיס אויף אַ נידעריק טישל און מיט אַ פּענדזל, פֿאַרשטעקט צווישן די פֿינגער פֿון איין פֿוס געמאָלן בילדלעך אויף באַשטעלונגען פֿונעם פּובליקום. כּדי כ׳זאָל בעסער קאָנען זען, האָט מיך מײַן ברודער אונטערגעהויבן, כאָטש כ׳האָב אויף דעם ניט געוואָלט קוקן. אַ שוואַכ־קייט איז מיך באַפֿאַלן אין אַלע אבֿרים. כ׳האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מ׳האָט מיך ניט אונטערגעהויבן נאָר אַראָפּגעשליידערט אין אַ פֿינצטערן קעלער ווו ס׳איז נאַס און גליטשיק. אַ נס וואָס מײַן ברודער האָט מיך באַצײַטנס אַראָפּגעלאָזט. דאָ, נעבן דעם מאָלער, האָבן מיר זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן. ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זיך מײַן ברודער צו מיר אַראָפּגעבויגן און מיט אַ צעהיצטער שטים זיך אָנגערופֿן:

— נו, וואָס זאָגסטו. כּדאַי געווען, האַ? — און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, האָט ער גלײַך צוגעגעבן: — מיר וועלן נאָך זען שענערע זאַכן: אַ מיידעלע מיט צוויי קעפּ, אַ פֿערד מיט איין אויג אין מיטן פֿונעם שטערן און אַ פֿרוי וואָס אַ העלפֿט פֿון איר קערפּער איז ווי בײַ אַ פֿיש!

כ׳האָב אַזש אויפֿגעציטערט פֿון דער בשׂורה און מיט אַ שוואַכער שטים זיך געבעטן בײַ אים:

— לאָמיר גיין אַהיים. כ׳וויל צו דער מאַמען!

מײַן ברודער האָט מיך אָבער ניט געהערט. כ׳האָב אים גענומען שלעפּן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, צו יענעם אָרט פֿון וואַנען מע האָט געהערט די מוזיקטענער, אַבי צו זײַן וואָס ווײַטער פֿונעם מיידעלע מיט די צוויי קעפּ, פֿונעם פֿערד מיטן אײנציקן אויג און פֿון דער פֿרוי וואָס איז אַ האַלבער פֿיש. ווער אָבער האָט געקאָנט וויסן, אַז דווקא דאָרט ווו די מוזיק האָט געשפּילט און בענקלעך זענען געשטאַנען אויס־

געשטעלט ווי צו אַ פֿאָרשטעלונג, דווקא דאָרט וועט געשען דאָס ערגסטע.

פֿון הינטער אַ רויטן פֿאָרהאַנג איז אַרויסגעקומען אַ הויכער מאַן אין אַ שוואַרצן פֿראַק און אַ שוואַרצן צילינדער מיט אַ שוואַרץ שטעקעלע אין האַנט און געבעטן עמעצן פֿון פּובליקום זיך פֿרײַ צו מעלדן אויף דורכצופֿירן דעם „סעאַנס".

פּונקט ווי מײַן ברודער איז געווען פֿון די ערשטע צו קויפֿן בילעטן, אַזוי איז ער געווען פֿון די ערשטע אַרויפֿצושפּרינגען אויף דער בינע און מיך געלאָזט אַליין אין דער פֿינצטער (בלויז די בינע איז געווען באַלויכטן מיט אַ שטאַרק ליכט, כּדי מען זאָל בעסער זען וואָס דאָרט קומט פֿאָר). נעבן מיר, הינטער מיר און פֿאַר מיר זענען געזעסן מענטשן. קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף מיר. אויף דער סצענע האָט דער מאַן גערעדט צו מײַן ברודער מיט אַ דיקער שטים. זײַן קול איז מיר אויסגעקומען אויך אַזוי שוואַרץ ווי זײַן צילינדער און פֿראַק:

— ביסט גרייט אויסצופֿילן מײַנע באַפֿעלן?

— גרייט!

— וועסט מיט גוף און געדאַנק ניט אַנטקעגנשטעלן זיך?

— ניט אַנטקעגנשטעלן זיך!

— הייס איך דיר זאָלסט אײַנשלאָפֿן!

דער מאַן האָט אָנגעהויבן אַרומקרײַזן מיטן שטעקעלע איבער מײַן ברודערס געזיכט. ער האָט נאָך צו אים עפּעס גערעדט, נאָר דער עולם אין זאַל האָט שוין ניט געהערט וואָס. ביז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז שוין מײַן ברודער געשלאָפֿן. דאַן האָט ער געבעטן אַרויפֿקומען אויף דער בינע צוויי מענער. זיי האָבן גענומען דעם ברודערס שטײַף־געוואָרענעם גוף און אים אַוועקגעלייגט אויף צוויי שטולן. דער גוף איז געבליבן הענגען אין דער לופֿט, האַרט און לאַנג ווי דאָס וואָלט גאָר קיין קערפּער ניט געווען, נאָר אַ ברעט. פֿאַר דעם שוואַרצן מאַן איז דאָס נאָך ניט געווען גענוג. די מוזיק האָט שטיל צוגעשפּילט ווען דער מאַן האָט פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן פֿון דער בוזעם־קעשענע אַ לאַנג, פֿינקל־

דיק שפּיזל און עס אַרײַנגעשטאָכן אין מײַן ברודערס ברוסט. אַלע האָבן געזען וואָס דער מאַן האָט געטאָן מיט מײַן ברודער און קיינער איז אים ניט געלאָפֿן ראַטעווען. מען איז געבליבן אויף די ערטער ווי ס'וואָלט גאָרניט ניט געשען. מ'האָט ניט אויפֿגעהערט צו פּליעסקען מיט די הענט און צו באַדאַנקען פֿאַר דעם אויפֿטו.

דער מאַן אויף דער סצענע האָט פֿון דאַנקבאַרקייט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום זאַל און זיך טיף, טיף פֿאַרנייגט. איין מאָל און נאָך אַ מאָל. בשעת זײַן פֿאַרנייגן זיך איז די מוזיק אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז די פּויק איז אַרויס פֿון די כּלים און זיך צעטאַרעראַמט מיט אַזאַ ירגזון ווי מען וואָלט ניט אין מײַן ברודערס ברוסט, נאָר אין איר פֿאַרשטאָכן די שפּיז.

כ'האָב זיך מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. כ'בין אַרויף אויף דער סצענע, צוגעפֿאַלן צו דעם שוואַרצנס פֿיס און אין איינעם פֿון זיי זיך אײַנגעביסן. כ'האָב אים ערשט דאַן אָפּגעלאָזט, ווען עס האָט זיך פֿון זײַן מויל אַרויסגעריסן אַ געשריי פֿון ווייטיק. דער מאַן האָט אַוועקגעכאַפּט דעם פֿוס. ס'איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. דער ברודער האָט זיך איבער־געוועקט. פֿון הינטער די קוליסן זענען אַרויסגעשפּרונגען עטלעכע פֿײַערלעשער. דער ברודער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר אַן אָרעם, אַ צי געטאָן צו די זײַטיקע טרעפּ וואָס האָבן זיך געפֿונען פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג און ניט טויט, ניט לעבעדיק זענען מיר אַרויס אין דרויסן.

אין דער היים האָט מײַן ברודער ניט דערציילט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען. אויך מיט מיר דערפֿון ניט גערעדט. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק און לאַנגע וואָכן אויסגעמיטן צו קוקן מיר אין די אויגן.

אינהאַלט

1. דאָס מאַריאָנעטן־טעאַטערל	5
2. ביף	8
3. דער קעניג און דער פײגלשרעקער	13
4. דעם קעניגס לעצטע נאַכט	16
5. פּאַנאַגאַליאַ	19
6. אַלטמאָדיש	21
7. די לעצטע נאַכט	23
8. ס'האָט מיך אַ זשאַבע פאַרשאָלטן	26
9. די פרוי פונעם העלד	29
10. דער טײטלבוים	36
11. דער אַנאַנאַס	44
12. דער ניט אָװעקגעשיקטער בריװ	48
13. מידבר	53
14. אין דער נאַכט אויף שמירה	56
15. אין אַ צעשטורעמטער נאַכט	64
16. פיעראַ	71
17. צװישן די דיונעס פון מידבר	81
18. ירושלים	82
19. בײַ דער טרעפּערקע	85
20. אין שײַן פון נר־תּמיד	91
21. אברהם	95
22. דאָרט װוּ אַלץ פאַרשװינדט. דאָרט װוּ אַלץ פאַרגײט	99
23. די נײַע שכנים	102
24. מײַן שװעסטער	108
25. דאָס געריכט	111
26. די מאַמע איז אַרויף אויפן לייטער	113
27. דער נומער װאָס דו בעטסט, איז שוין לאַנג פאַרברענט	115
28. צװישן גרענעצן	117
29. דאָס בלויע רעקל	138
30. דער מוזיי פון אויסטערלישקייטן	149

ביכער פֿונעם זעלבן מחבר:

ד י ב אַ ן — דערציילונגען. יגור. 1956

ה מ ס י ל ה — סיפורים. הוצאת הקיבוץ המאוחד. תל אביב, תשכ״א

מ ז ל ו ת — דערציילונגען. פֿאַרלאַג י. ל. פרץ. תל אביב, 1965

מ ז ל ו ת — סיפורים (אין עברית). הוצאת הקיבוץ המאוחד. תל אביב, תשכ״ט